STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04124

OPGERISENE TSVAYGN

Lili Berger

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לילי בערגער

אפגעריסענע צווייגן

נאָוועלן און דערציילונגען

תש״ל פּאַריז 1970

Lili Berger

LES ÉPAVES

Nouvelles

Couverture et dessins de Benn

Paris 1970

הילע און צייכענונגען פון ב ע ן

דאָס בוך דערשיינט מיט דער הילף
פון אַ קאָמיטעט פון פריינט

Tous droits réservés pour tous pays

PRINTED IN FRANCE

Impr. Abexpress, 72, rue du Château-d'Eau, Paris-10e

★ ★
★

די צונויפגעקליבענע דאָ נאָוועלן און דערציילונגען זענען געשריבן געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן, עטלעכע מיט איבער אַ צענדליק יאָר צוריק. בלויז 5 פון זיי זענען מיט געוויסע ענדערונגען געדרוקט געווען אין פוילן. אייניקע זענען נישט „דורכגעגאַנגען", אַנדערע זענען באַלד נישט פאַרגע־לייגט געוואָרן צו דרוקן. אַ טייל פון זיי זענען פאַר די לעצטע אַנדערטהאַלבן יאָר געדרוקט געווען אין פעריאָדישע אויסגאַבעס.

די געבראַכטע דאָ נאָוועלן און דערציילונגען זענען נישט קיין „אויס־געטראַכטע מעשיות". די טעמע האָט אומאויפהערלעך צירקולירט אין הינ־טערגרונט פון דאַרטיקן יידישן לעבן, די פערסאָנאַזשן, די סיטואַציעס האָבן געשוועבט פאַר די אויגן.

די אָפּגעקליבענע זאַמלונג, הגם זי איז נישט דורכויס אַ כראָנאָלאָגישע, איז צונויפגעשטעלט געוואָרן מיטן ציל צו געבן דערוויל כאָטש אַ מיני־מאַלע פאָרשטעלונג וועגן דעם געמיט־צושטאַנד, דעם שטענדיקן אומרו, דער כסדרדיקער צעריסנקייט און די לעצטע אַנגסטיקע צאַפּלענישן פון דער קליינער שארית הפליטה אין פוילן.

דער מחבר


Benn

קאָלאַהאָראַס אייניקלעך

זי האָט נאָך אַ מאָל צוגעלייגט דאָס אויער צו דער טיר. ס'איז פאַר איר מער קיין ספק נישט געווען: דורך דער באַשויבטער, מיט אַ דיקן פאָרהאַנג פאַרהאָנגענער טיר איז דערגאַנגען אַ פאַרטויבט, שטיל מורמלען. זי האָט אָנגעשטרענגט דאָס געהער, געוואָלט אויפכאַפּן די פאַרשטיקטע, צעריסענע קלאַנגען, צונויפבינדן זיי, אויסשיילן פון זיי עפּעס אַן אינהאַלט, אַן אַנדייטונג. אומזיסט. צומערשט האָט זיך איר אויסגעדוכט ווי דאָס וואַלטן נישט געווען אַרטיקולירטע קלאַנגען, נאָר אַ שטיל איינגעהאַלטן ברומען, ווי פון אַ פאַרוווּנדעטער חיה, דערנאָך האָט דאָס אויער יאָ אויפגעכאַפּט אָפּגעריסענע ווערטער, אָבער אומפאַרשטענדלעכע פאַר איר, באַנומען האָט זי בלויז דעם שאַרפן ווייטיק, וואָס האָט געריזלט אין זיי.

רות האָט נישט געוואָלט זיך קעגנשטעלן איר מאַן, ער האָט דורכאויס געוואָלט בלייבן אַליין. — לאָז מיך איצט אַליין! — האָט ער מיט אַ געבראָכענער, פרעמדער שטים זיך געבעטן ביי איר, ווען ער איז אַ סך שפּעטער, ווי זי האָט דערוואַרט, צוריקגעקומען מיט אַ פאַרוואָלקנט פּנים און אויסגעלאָשענע אויגן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין פאָטעל, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און מיט בעטנדיקע אויגן און אַ מידער האַנט איבערגעחזרט זיין בקשה.

דער ייִנגערער זון האָט זיך נערוועז געדרייט איבער דער שטוב, ווי אַ געפּלאָגט, פאַרשפּאַרט חיהלע אין אַ שטייג. ער האָט אויך מיט אומגעדולד דערוואַרט דעם טאַטן. די מאַמע האָט אים אָבער מיט שטילע רייד געטריבן פון קאָרידאָר: זאָל ער גיין צו זיך אין צימער, מען דאַרף היינט דעם טאַטן לאָזן צורו, אפשר, אַז ער וועט זיך איבערשלאָפן... זי האָט אָבער געוווּסט, אַז איר מאַן וועט נישט שלאָפן. זי האָט געוואַכט איבער אים. איבער דער טאָכטער אויך.

אָפּגעריסענע צווייגן

אין צימער וואָס אין צווייטן עק קאָרידאָר איז זינקע געלעגן אין בעט, ווי אַ פאַרשמאַכטע. די האַלב אָפענע אויגן האָבן געקוקט צום סופיט, ווי זיי וואָלטן גאָרנישט נישט געוואָלט זען. ווי גיך זי שלאָפט איין נאָך די איינשפּריצונגען, הייבט זי אָן שרייען: „לאָזט מיך! כ׳ווייס גאָרנישט! כ׳בין נישט קיין...!״ דאָס אייגענע געשריי וועקט זי אויף. דער קאָשמאַר פאַרשווינדט, די אויפגעלעבטקייט אויך. שעהן קאָן זי אַזוי ליגן און שווייגן, ווי דאָס שווייגעניש וואָלט זיך אין איר לייב אייַנגעביסן און האַלט זי אין אַ שטאָלענעם פּאַנצער. צום בעסטן זי צו לאָזן דעמאָלט אַליין. רות קאָן סייווי פון איר קיין וואָרט נישט אַרויסבאַקומען. אויך ווען די דערדריקעניש, די אָפּהענטיקייט פאַרשווינדט, קאָן זי זיך קיין סך פון איר נישט דערוויסן. פון וואַנען קומט דאָס? פון דער אויספאָרשונג דאָרט? פון דער שטוביקער פאַנאַנדערטרייסלונג? פון נישט קאָנען שלום מאַכן מיט דעם אַלעמען? דער דאָקטער זאָגט: „נערוון־שאָק דאָרט באַקומען, ס׳דאַרף נעמען אַ ביסל צייט״. שטענדיק געווען שוועריקייטן מיט איר, געווען נערוועז. וואָס וועט איצט זיין? שוין איבער אַ וואָך און קאָן אַלץ נישט קומען צו זיך.

רות האָט מיט שטילע טריט געשוועבט איבערן פאַרשטומטן הויז, ווי אַ שאָטן געטראָגן זיך פון צימער צו צימער. זי איז אַריין צו די ייִנגלעך. דאָס בעטל פון עלטערן, דאָס פאַריתומטע ביוראָטישל דערמאָנען, אַז זי וועט זיך מיטן זון אַזוי גיך נישט זען. ווו געפינט ער זיך איצט? וואָס טוען זיי מיט אים? פאַרוואָס קיין שום צוטריט צו אים נישט דערלויבט? וואָס פאַראַ זינד וואַרפט מען אים פאָר? און ער, דער ייִנגערער? וועט זי אים אויסהיטן? שוין דער פינפטער טאָג ווי זי לאָזט אים נישט אַרויס פון שטוב, צוגענומען ביי אים אָן זיין וויסן דעם שליסל, אַז זי גייט אַרויס פאַרשליסט זי, ער זאָל נישט קאָנען זיך אַרויסגנבענען. פון אָנהייב האָט ער פּראָטעסטירט, געאַמפּערט זיך, דערנאָך זיך אונטערגעגעבן, אָבער דער פּראָטעסט איז פאַרגליווערט אין זיין שווייגן. ער זיצט איצט אויפן בעט מיט אָן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, די לאַנגע פיס אויסגעצויגן פאַר זיך, ווי זיי וואָלטן זיך געריסן צום גיין, צום לויפן, די הענט אַראָפּגעהאָנגען, די פינגער דרענגען זיך צוזאַמען אין אַ פויסט. די מאַמע וואָלט נישט געקאָנט אים אויפצווינגען צו זיצן אין שטוב. זיי, זיינע פּוילישע חברים: „קום נישט אויפן אוניווערסיטעט, בעסער פאַר דיר און בעסער פאַר אונדז, יענע וועלן זאָגן, אַז מיר זענען ייִדישע משרתים״. „ייִדישע משרתים...״ „מיר, איר״... ער ווייסט זיי זענען אויסן זיין גוטס, ווילן אים

אויסהיטן, ווי קאָן דאָס אָבער דורכגיין דורך זייער מויל? וואָס מיינט דאָס?

רות רייסט אים איבער די טראַכטענישן מיט אַ גלעט איבערן קאָפּ. ער גיט זיך אַ ריס צוריק, פּאַרטראַגט נישט איצט דער מאַמעס גלעט, אים עגבערן פּראַגן, ער האַלט זיך איין צו פרעגן, ס׳איז אָבער שטאַרקער פון אים.

— פּאַרוואָס האָט מען געפּרעגט ווי אַזוי מיר האָבן אַמאָל געהייסן? פּאַרוואָס?! ווייסט וואָס מ׳האָט מיר ביי דער אויספאַרשונג געזאָגט?

רות וואָלט אַלץ געוואָלט וויסן, אָבער זי פרעגט נישט, זי קוקט אויף אים מיט מאַמעשע אויגן אַ שווייגעדיקע. דאָס נײַנצן־יעריקע יינגל וויל איצט נישט קיין מאַמעשע מיטלייד, ער האָט נאָך אַלץ נישט דער־ציילט, צוליבן טאָטן; פון איצט אָן וויל ער מער נישט זיך אַרומטראָגן מיט אַזעלכע סודות, ער הויבט אָן רעדן גיך און פאַרהאַקט זיך:

„די אַרבעטער וואָלטן זיך אָפּגערעכנט מיט אייך, אויב מיר וואָלטן געלאָזט, פּאַר דעם אַלעם, וואָס איר...״ — אַזוי האָבן זיי... דאָס האָבן זיי מיר געזאָגט.

רות האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף אים מיט אויסבאַהאַלטענער אַנגסט און פאַרלאָזט אַ שטומע דאָס צימער. דאָס גאַנצע הויז זעט איר איצט אויס ווי אַ בונקער, יענער בונקער האָט זיך צוריק אַריינגעריסן אין איר רואיק, געמיטלעך הויז. זי טרעט איבער טעפּיכער, די פענצטער זענען פאַרהאַנגען מיט שיינע, ווייסע גאַרדינען, ביי די ווענט פולע ביבליאָטעק־שאַנקען, דאָ און דאָרט אַ קונסט־בילד, נאָר יענער בונקער איז אין איר, ער פלייצט אַרויס פון איר, פּאַרשווענקט איר שיין אויסגעשטאַטע היים, שטויסט זי אַרויס און פאַרנעמט איר אָרט: שוואַרצע לייבער באַדעקט מיט שוויס, גלאַנציקע פּנימער, ברענענדיקע אויגן, שווייגעדיקע מיילער, געדעמפטע שרעק, קלעפּעדיקע היץ, ס׳שטיקט. זי לויפט פון איין ווינקל צום אַנדערן, זי וויל יעדן לייב אָפּגעבן אַ ביסל כוח פון איר אייגן יונג לייב: געוואָלט איינאָטעמען לעבן אין איר עופהלע און נישט געקאָנט, געוואָלט ראַטעווען איר מאַן און נישט געקאָנט, געקוקט אָב־מעכטיק ווי מ׳האָט אַרויסגעפירט טאַטע־מאַמע, געוואָלט נאָכלויפן, זי האָט נישט...

ווי אַזוי האָט זי זיך אַרויסבאַקומען? פּאַרוואָס זיך גופא געראַטע־וועט און נישט זיי?

אין האַרץ האָט עפּעס אַ שטאָך געטאָן, ווי מיט אַ דין נאָדעלע, אַ

אַפּגעריסענע צווייגן

ברי אין מוח האָט זי אַ שטויס געטאָן; זי איז מיט שנעלע, ווייכע טריט צו צום קאַבינעט־צימער, ווידער צוגענויגט דאָס אויער: וואָס זענען דאָס פאַראַ ווערטער? פאַרוואָס האָט ער זי אָפּגעטריבן פון זיך?

זי האָט פאַרזיכטיק אויפגעמאַכט די טיר, אָנגעשפּיצט די אויערן, ווי אַ מאַמע־חיה, אויסצושפּירן די נייע געפאַרן. דאָס צימער איז איינגע־הילט אין פאַרנאַכטיקער, גרויער דעמערונג, וואָס האָט נאָך מער צונויפ־געגאָסן דעם מענטש מיטן פאָטעל. דורך דער נעפּל־דעמערונג האָט זיך פון פאָטעל ווי פון אַן איינזאַמען באַרג געשלענגלט אַ שטילע מורמלעריי, צעהאַקטע, צעריסענע ווערטער, צעשטיקלטע זאַצן: „קאַ־לאַ־האַ־ראַס" אריה קאַלאַהאַראַ, די רויטע צויטן, דיין פאַרבלוטיקט העמד, מאַטאַטיאַס, דיין האַנט, דיינע לעפצן, דאָס אַש, דאָס בלוט פון די קאַלאַהאַראַס, פאַר־געסן... פאַרגעסן אין אייך, איצט... איצט מיט אייך"...

רות האָט אַ ציטער געטאָן. אַ קאַלטער שווייס איז אַרויסגעטראָטן אויפן לייב. וואָס באַדייט דאָס? ער האָט נישט איינמאָל געזאָגט, אַז יענע זענען אַראָפּ פון זינען, אַז נישט צו באַנעמען מיטן שכל וואָס ס'איז געשען. איצט זעט ער אויס ווי ער גופא וואָלט פון זינען אַראָפּ. זי האָט ביז איצט מורא געהאַט פאַר זיין האַרץ, פאַר זיין ווונד, וואָס רופט זיך אָפּ. ווער ווייסט צוואָס זיי קאָנען דערפירן? ער האָט נאָך היינט אינדערפרי געשפּאַסט, צוגעגעבן זיך האַרץ. וואָס האָבן זיי געמאַכט פון אים אין די לאַנגע שעהן? אין וואָסער נייער בלאָטע אויסגענורעט? וואָס פאַר אַ נייער בילבול? וואָס באַדייט זיין שעפּטשען?

זי האָט מורא געהאַט אָנצוצינדן דאָס ליכט. דערנענטערט זיך צו אים הינטערווײַלעכץ, אַריינגענומען זיין לייבן־קאָפּ אין אירע שמאָלע הענט, צוגענויגט די ליפּן צו די נאָך געדיכטע האָר. זיי זענען אינגאַנצן ווייס געוואָרן די שוואַרצע מיט זילבער באַשפּרענקלטע האָר. אין עטלעכע וואָכן איז אַרויפגעקראָכן אויף אים די אַלטקייט. רות האָט קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז איר מאַן איז מיט 11 יאָר עלטער. איצט האָט זי פאַר זיך אַ 59־יעריקן זקן, אַ צעבראָכענעם, אַ דערנידעריקטן אין זיין אָנמעכטי־קייט. וואָס קאָן דען אַזוי דערנידעריקן אַ מענטש ווי די אָנמעכטיקייט? ווי דאָס אָוועקנעמען ביי אים יעטוועדע רעכט זיך צו פאַרטיידיקן? צו שיצן זיך קעגן...? זי מוז אים באַשיצן. זי האָט שטאַרקער צוגעדריקט די ליפּן צום ווייסן קאָפּ.

אַרטור האָט זיך אַ לייכטן טרייסל געטאָן, ווי ער וואָלט זיך אויפ־געכאַפּט פון שלאָף. אירע אומגעריכטע צערטלעכקייטן האָבן אים צוריק־

קאַלאַהאַראַס אייניקלעך

געבראַכט צו דער וואַר, צו דער איצטיקער, אַרויסגעריסן פון ווייט־ווייטן אַמאָל, וווהין ער האָט זיך איבערגעטראַגן בלב ונפש. ער, אַרטור זאַ־וואַדזקי, דער באַרימטער אַרכיטעקט, אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר און ביז איצטיקער ראַטגעבער פון דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק, איז מיט איינמאָל געוואָרן אי מתיתיהו קאַלאַהאַראַ, אי אריה־לייב קאַלאַהאַראַ, אַלע קאַלאַהאַראַס האָבן אויפגעלעבט אין אים. פון אים האָט מען היינט גע־צאַפּט זייער בלוט, נישט ווי אַמאָל, נישט מיט אייזערנע צוואַנגען, נאָר דעליקאַט מיט אַ דין רערעלע געצאַפּט דאָס בלוט, מ׳ברענט זיין לייב נישט מיטן הייליקן פייער, נאָר מיט צוגעקליבענע, באַפאַרבטע ווערטער, מיט ראַפינירטע זילזולים. פאַרוואָס האָט ער פאַרגעסן אין יענע? צי נאָר קענען די ווייטע שאָטנס זיך פאַרשולדיקט? און קענען איר, זיין הייס געליבטער? קענען זיינע קינדער? ער, אַרטור, האָט זיי געצויגן נאָך זיך, אַרויסגעריסן ווי זיך, מיטן וואָרצל. זי, זי איז גערעכט געווען און נישט ער. פאַר זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן שוועבן צעבראָכענע לוחות, צעטראָטענע, צע־שטויבטע, און ס׳האָט גערונען פון זיי בלוט, דאָס שטורמישע לעבן זיינס האָט איצט אויסגערונען.

רותס וואַרעמע הענט האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט פון קאָפּ האָר, זיך פּאַמעלעך געגליטשט איבערן קאַלטן פּנים, אַרומגעאָרעמט דעם האַלדז. דער בונקער שטייט ווידער בולט פאַר אירע אויגן: אַזוי האָט זי דעמאָלט איר יונגן, ערשטן מאַן געוואָלט צוריק לעבעדיק מאַכן; מ׳האָט אים אין אַרסענאַל־קעלער געפונען אַ פאַרגאַזטן און אַריינגעשלעפּט אין גרויסן בונקער. זי האָט אים לעבעדיק נישט געמאַכט, נישט מיט אירע פיבערדיקע הענט, נישט מיט אירע פאַרשטיקטע טרערן; זי האָט שטומערהייט גע־שריען, גערופן ער זאָל זי נישט לאָזן אַליין. ער האָט זיך נישט אָפּגערופן. פאַרוואָס רופט זיך איצט דער צו איר נישט אָפּ?

ער האָט זיך אָפּגערופן. האָט צוגעטראָגן אירע הענט צום מויל, איינ־געגראָבן אין זיי די ליפּן, געלאָשן דאָס פייער, וואָס האָט געברענט אין אים ווי אַ דורשטיקער לעשט דעם ברענענדיקן דורשט מיט אַ פרישן טרונק. ער איז איר אַזוי פיל שולדיק. וועט זי קאָנען פאַרשטיין וואָס ס׳טוט זיך אַרום אים? אין אים?

זי האָט פאַרשטאַנען. רות האָט זיך לייכט אָפּגעריסן פון אים, אָוועק־געזעצט זיך אויפן טעפּיך ביי זיינע פיס און איינגענורעט דעם בלאָנדן

אפגעריסענע צווייגן

קאָפּ אין זיינע קני. דער בלאָנדער קאָפּ האָר האָט זי נישט איינמאָל גע־האַט געראַטעוועט, זי האָט אָבער בלויז זיך אַליין געראַטעוועט. איצט מוז זי זיי אַלע, קודם אים, נישט לאָזן מ׳זאָל אים ווייטער פאַרפּלאָנטערן אין אַ געץ, נישט לאָזן אים דערשטיקן ווי יענעם. זי מוז קודם וויסן וואָס ס׳באַדייט דאָס שווייגן, די אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, וואָס ער האָט געפּלאָפּלט צו זיך אַליין.

זיינע פעסטע, ווארעמע הענט האָבן איר צוגעגעבן כוח ?

— ווער איז דאָס דער... דער קאַלאַהאַ... קאַראַראַ...

— ווער ?

— נו דער, וועגן וועלכן האָסט אקאַרשט גערעדט...

— גערעדט ? וועגן וועמען ?

— איצט נישט לאַנג, ווען איך בין אַריין, האָסט גערעדט וועגן עמעצן, און וועגן אַ פאַרבלוטיקט העמד. ביסט געשלאָפן ?

ער האָט זיך דערמאָנט. אַ משונהדיקער שמייכל האָט צעקרימט זיין פּנים, באַלד האָט אַ וואָלקן פאַריאָגט דעם גרימאַסע־שמייכל, אַ בליץ־געדאַנק האָט דורכגעפינקלט אין מוח, אַ ווייטע דערמאַנונג: ער האָט איר געהאַט אַמאָל דערציילט. האָט זי אויך פאַרגעסן ? דעמאָלט מיט אַן אַנדער ציל דערציילט, געוואָלט זי פון דאָרט אַרויסרייסן; היינט, איצט... מ׳דאַרף זיך אַהין אומקערן מיט איר, איר וועט דאָס נישט שווער זיין, פאַרקערט.

זיין שטים איז געקומען פון ערגעץ טיף, אַ בלייערן־הייזעריקע:

— געדענקסט נישט ? דערציילט דיר ביי אונדזער אַנהייב. ווי לאַנג איז דאָס שוין ? כמעט אַ פערטל יאָרהונדערט, ווי איך האָב דיר דערציילט וועגן מיינע עלטער־זיידעס, די קאַלאַהאַראַס — סאַלאָמאָן, משה, אהרון, מתיתיהו, אריה־לייב, אַ סך זענען זיי געווען, אַ גאַנצע דינאַסטיע. דער־ציילט דיר דעמאָלט וועגן זייער רום און וועגן... דערמאָנסט זיך נישט ? כ׳האָב דיך פאַרזיכערט, אַז קיינמאָל וועט שוין... אַז דאָ... נאָר דאָ...

ער האָט אָפּגעהאַקט, אָבער אין רותס זכרון האָבן אָנגעהויבן שפּרינ־גען בילדער, ווייטע און נאָענטע, אָט גיסן זיי זיך צוזאַמען, און אָט טיילן זיי זיך אָפּ, אָט זענען זיי פאַרנעפּלט און אָט אַזוי דייטלעך קלאָר. באַ־גערט האָט זי צו וויסן וואָס היינט איז פאָרגעקומען מיט אים, וואָסערע נייע בילבולים און זילזולים האָבן דאָס אַזוי אונטערגעהאַקט אים ווי אַ בויך, וואָס מען זעגט אונטער. זיינע קאַרגע ווערטער האָבן זי אָבער ראַפּטעם ווידער איבערגעטראָגן צו די חורבות. ס׳איז געווען באַלד נאָכ־דעם ווי זי האָט זיך אומגעקערט אין דער חרובער שטאָט, געלאָזט זיך

גלייך אַהין, נישט געקאַנט אָפּגעפינען דאָס אָרט פון בונקער. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בערגל ציגל, ס'האָט זיך איר געדוכט, אַז אירע פיר און צוואַנציק יאָר האָבן זיך צעשאָטן, צעשטויבט ווי די געביידעס. זי איז איינע פון די חורבות, אַ טייל פון די אָנגעהויפטע ציגל, פון די בערג אַש. זי האָט נישט געוווסט וועמענס האַרץ ס'קלאַפּט, אירס, צי זייערס? מיט אַ הויפן אַש אין האַנט, וואָס זי האָט געדריקט צום האַרץ, איז זי געזעסן און שטיל געמורמלט צו זיי, צו די שאָטנס, וואָס האָבן געשוועבט אַרום איר, דורכגערעדט זיך מיט זיי, ווי איר מאַן אַקאַרשט. אַ מענערישע האַנט האָט צאַרט אָנגערירט איר אַקסל, אַרויסגעריסן זי פון דער שטאַרער פאַר־געסנקייט, געהאָלפן איר אויפשטיין. דאָס איז ער געווען, אין אַ מונדיר פון אַ פּוילישן אָפיציר. ער איז אויך אַהער געקומען זוכן די שפּורן פון זיין צעשטערטער היים, געפונען אויפן מדבר פון ציגל און אַש איין לע־בעדיקן, נישט געוואָלט זי לאָזן אַליין, גענומען פאַר דער האַנט און גע־שפּאַנט מיט איר איבער די חורבות, צווישן ראַבינזאַנען, אָפּגעראַטעוועטע פון אַן ערד־ציטערניש, אַרויסגעוואָרפענע אויף אַ חורבן־אינדזל. אומגליקן פאַרייניקן אָפטמאָל אויף שטענדיק...

— ס'אינטערעסירט דיך מער נישט?

— יאָ, יאָ, פאַרטראַכט זיך, דערמאָנט זיך נאָך עפּעס, דערצייל, כ'בעט דיך.

ער האָט דערציילט, נישט נאָר ווייל זי האָט געבעטן. עפּעס טיף אין אים האָט זיך געבעטן, געפאָדערט, ווי די געשטאַלטן, די שאָטנס וואָלטן געהויזט איצט נישט נאָר מיט אים נאָר אין אים. זיין טיפע, פאַר־טויבטע שטימע איז מילדער געוואָרן, דאָס פּנים אויסגעלייטערט ווי דער הימל אַקאַרשט נאָך אַ שטורעם.

— מיין באָבע פלעגט צענדליקער מאָל דערציילן דאָס זעלבע. אַ קליין יינגל נאָך געווען און געקענט שוין אַלץ אויף אויסנווייניק. די מעשה מיטן העמד אויך; דער באָבעס מאַמע זאָל נאָך האָבן אויסבאַהאַלטן צוויטן אין אַ שאַכטל — פון אריהס פאַרבלוטיקט העמד. די מאַמע האָט זיך געבייזערט, פאַרבאָטן אַריינצוקלאַפּן די קינדער אין קאָפּ אַזעלכע מעשיות, די באָבע האָט געפונען אַן עצה — דערציילט מיר אין געהיים, מיט פּרטים, געגנוי. אין דער משפחה איז אומעטום געווען אַ מנהג: אַז ס'איז געבוירן געוואָרן אַ יינגל האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן אָדער נאָך מתיתיהו, אָדער נאָך אריה לייבן, כאָטש דער ערשטער איז געווען סאַ־לאָמאָן. משה און אהרון און אַנדערע האָבן דער משפחה אויך נישט ווייניק

כבוד פאַרשאַפט, אָבער איינגעקריצט זיך טיף אין זכרון פון דורות האָבן זיך מתיתיהו און אריה לייב. געווען איז דאָס אַזוי...

רות איז געזעסן מיטן קאָפ אָנגעלענט אויף זיינע קני און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן זיך צוגעהערט. פון זיינע שטילע, פאַרטויבטע ווערטער האָבן זיך אָפּגעוויקלט בלעטער געשיכטע, אַלטע, פאַרגעלטע, כמעט צעריבענע בלעטער, אַרויסגעצויגענע פון אונטער שיכטן שטויב. די פאַרנאַכטיקע טונקלקייט איז איינגעשלונגען געוואָרן פון דער אָוונטיקער פינצטערניש, און אין דער פינצטערניש האָבן אויפגעשטיגן געמעלן, ווייטע, גאָר ווייטע און נאָענטע; בילדער ציען דורך איינס נאָכן אַנדערן פאַר די אויגן, זיי הויבן אָן וויברירן, קייטלען זיך, פלעכטן זיך צוזאַמען אין איין ריזיק געמעל, דאָ רייסן זיי זיך פאַנאַנדער, דאָ גיסן זיי זיך ווידער צוזאַמען. דעם מאַנס פאַרטויבטע רייד שרייבן זיך גיך־גיך אויף אין זכרון, אין איר דמיון, זיי פאַרשרייבן אויף ס׳ניי די געשיכטע פון איר אייגן לעבן, פון זייער ביידנס לעבן — ווייטערדיקע קאַפּיטלען אינעם פּנקס פון די קאַלאַהאַראַס; זי הערט איצט דאָס סיקען פון די אויטאָ־"דע־פע־פלאַמען אויפן פּיאַטרקאָווער מאַרק, דאָס יובלען פונעם המון, וואָס האָט פאַרטויבט מתיתיהוס גסיסה־קרעכצן. עס הילכט אין די אויערן דאָס יאָמער־געשריי פון פויזנער געטאָ און אריה־לייבס שמע־ישראל פון טאָרטורן־קאַמער, וואָס מישט זיך אויס מיט איר טאַטנס שטילער ווידוי, מיט די קנאַלן פון די אויפגעריסענע בונקערס און די דערשטיקטע קרעכצן פון די פאַרשאָטענע. זי זעט זיי איצט אַזוי בולט אַלע קאַלאַהאַראַס, זיי זענען געווען דאָרטן מיט איר און זיי זענען אויך דאָ. אירע קינדער, איר מאַן, זי גופא זענען נייע קנופּן אינעם שטריק, וואָס בינדט זיי אַלע צוזאַמען.

די קאַלאַהאַראַס האָבן געשטאַמט פון שפּאַניע. אַנטלאָפן שוין נאָכן גרוש, ווען די הייליקע אינקוויזיציע האָט פון מאָל צו מאָל געשיקט די מאַראַנען זיך אָפּרייניקן פון זייערע זינד אין די פייערן פון די שייטער־הויפנס. ווער ווייסט וואָסערע וואַנדער־וועגן אַרטורס שפּאַנישע זיידעס האָבן דורכגעמאַכט, אין וועלכע ווינקלען זיי האָבן אַלץ אָנגעשפּאַרט ביז זיי זענען אַנטרונען פון אונטער דער אויפזיכט פון דער אינקוויזיציע. איינער פון זיי האָט דערנאָך פאַרוואַנדערט אין דער פּוילישער הויפּט־שטאָט קראָקע. די פּוילישע ערד איז דעמאָלט געווען אַ גאַסטפריינטלעכע

און װאַרעמע. פּױלישע קעניגן און פירשטן האָבן זיך געװויטיקט אין רירעװדיקן, דערפינדערישן יידישן איינװאַנדערער, בפרט װען ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך קאַפּיטאַל און װיסן.

סאַלאַמאָן קאַלאַהאַראַ האָט געהאַט װײניק קאַפּיטאַל, דערפאַר אַ סך װיסן. אַ גרױסער מומחה אין דאָקטאָריע האָט זײן רום זיך פאַרשפּרײט פון זוניקן איטאַליע ביז צו די קאַלטע צפון־לענדער. דער פּױלישער קעניג זיגמונט אױגוסט האָט אים אָנגעבאָטן אַ פּרײַנטלעכן אױפהאַלט אין זײן שײנעם, קעניגלעכן שלאָס אױפן װאַװעל. דעם זעלבן כבוד האָט אים אָנגעטאָן דער יידן־פרײַנטלעכער סטעפאַן באַטאָרי. פאַר דער קעניגלעכער גאַסטפרײַנטלעכקײט האָט סאַלאַמאָן ברײטהאַרציק געצאָלט מיט זײנע קענטענישן. טאָג און נאַכט געװען צום דינסט פון די קעניגן און זײערע הױפּס־לײט, געהיט זײער געזונט און געהײלט פון שװערע, אַלטע חולאתן מיט נײע רפואות, אומבאַקאַנטע אין דער פּױלישער הױפּט־שטאָט.

סאַלאַמאָן האָט ליב באַקומען די װײסל און דעם װאַװעל, דעם פּױלישן הימל און דעם פּױלישן װאַלד. די שטאָט קראָקע איז געװאָרן זײן הײם־שטאָט. דאָ האָט ער װי אַ װאַנדער־פױגל נאָך אַ שטורעם אױס־געבױט זיך אַ נײע נעסט, אױסגעװאַרעמט זי און באַגערט זײנע קינדער זאָלן אים נאָכטאָן.

זײ האָבן אים נאָכגעטאָן, אײנגעפלאַנצט זיך טיפער און טיפער אין דער פּױלישער ערד. די משפחה האָט זיך דערנאָך צעצװײַגט, צע־שפּרײט איבער דער שטאָט, אַרױסגעגעבן גרױסע דאָקטױרים, פאַרמאַ־צעװטן, אונטערנעמער, לומדים און רבנים, יעדערער האָט דעם לאַנד געשאָנקען אױף זײן אופן די פּרוכט פון זײנע הענט און פון זײן מוח. אײנער פון זײ, אַן אונטערנעמער מיט אַ שאַרפן קאָפּ, האָט געשטעלט אױף די פיס די זאַלץ־גרובן אין װיעליטשקע און באָכניע. זײן נאָמען איז געװען משה, דעם נאָמען האָט ער קײנמאָל נישט געענדערט, אָבער די װיסטע, פאַרלאָזענע פעלדער פון דער קראָקעװער געגנט האָט ער יאָ געענדערט, און זײן נײ הײמלאַנד מיט דער װײטער װעלט פאַרבונדן.

און געװען איז אױך אַ קאַלאַהאַראַ מיטן נאָמען מתיתיהו; אין די אַנאַלן פון יענע יאָרן און יענע געשעענישן איז ער פאַרשריבן װי מאַ־טאַטיאַש. און מאַטאַטיאַש איז געגאַנגען אין די װעגן פון זײן זײדן סאַ־לאַמאָן, באַרימט זיך געמאַכט װי אַ רופא און געניטער פאַרמאַצעװט. מיט זײנע אײגענע הענט האָט ער רפואות געמאַכט, װאָס האָבן געשמט

ווייט מחוץ דער שטאָט קראָקע. זיי האָבן אים געבראַכט א סך פּאַציענטן און נישט ווייניק קנאה־שנאה.

און געווען איז דאָס אין דער צווייטער העלפט פון 17־טן יאָרהונ־דערט. דורך די מזרח־ און דרום־געביטן איז שוין געהאַט דורכגעגאַנ־גען דער היידאַמאַקישער בלוטשטורעם. פריש אין זכרון זענען נאָך גע־ווען כמיעלניצקיס רציחות, ווען אַ ידיעה האָט זיך פלוצלינג פאַרשפּרייט אין קראָקע, אַז אין קלויסטער, וואָס האָרט ביי דער יידישער גאַס, האָט אויפן סאַמע הייליקן אָרט געשטעקט אַ צעטל מיט לעסטערונגען און אָפּלאַכענישן פון דער האָסטיע. אַן עדות האָט זיך געפונען און אויך „באַווייזן" האָבן זיך געפונען, אַז דער יידישער דאָקטער האָט זיך אַריינ־באַקומען אין קלויסטער און אַוועקגעלייגט דאָס צעטל אויפן ריכטיקן אָרט.

מאַטאַטיאַש קאַלאַהאַראַ איז אַרעסטירט געוואָרן. נאָכן ערשטן פאַרהער האָבן זיך אָנגעהויבן „קאַרפאַראַלע" אויספאַרשונגען. די קראָקעווער יידן האָבן נישט גערוט ביז מ'האָט דעם „קריסטוס־לעסטערער" איבערגעפירט אין אַ געריכט פון פּיאָטרקאָוו, אין דער שטאָט, וווּ ס'האָט זיך צונויפ־געזאַמלט דער פוילישער פּאַרלאַמענט — דאָרט וווּ געזעץ איז אפשר אויך גערעכטיקייט.

דער רופא מאַטאַטיאַש איז געווען אַ פעסט געבויטער מענטש, האָט געהאַט אַ שטאַרקן מוח און אויך אַ שטאַרקן גוף. ער האָט אויסגעהאַלטן אַלע „קאַרפאַראַלע" אויספאַרשונגען און זיך נישט מודה געווען. „נישט אַנדערש, נאָר ער האָט זיך פאַרבונדן מיטן טייוול, אַז ער קאָן דאָס אַלץ איבערטראָגן"! און אַז מיטן טייוול פאַרבונדן, איז ער צענפאַכיק שול־דיק — האָבן געפסקנט די פרומע ריכטער.

אין אַ זומערדיקן טאָג אין יאָר 1663 האָט זיך אַ טומלדיקער המון פאַרזאַמלט אַרום פּיאָטרקאָווער מאַרק, די אויגן זענען געוואָנדן געווען צו אַ שייטער־הויפן, וואָס איז גרייט געשטאַנען אין סאַמע מיטן פּלאַץ. צו שווער זענען אָבער געווען די זינד פון יידישן דאָקטער ער זאָל זיך אָפּרייניקן מיט איינמאָל אין די פייער־פלאַמען. זיין האַנט האָט געשריבן לעסטערונגען צו וועלכע ער האָט זיך נישט מודה געווען, האָט מען די האַנט צוגעפּעסטיקט צו אַן אייזערנער שטאַנג, באַגאָסן מיט נאַפט און אונטערגעצונדן; דורכן רופאס לעפצן האָט דער טייוול גערעדט, האָט מען די לעפצן אָפּגעשניטן. אין נאָמען פון באַרעמהאַרציקן קריסטוס און זיין

Benn

קאַלאַהאַראַס אייניקלעך

ליבשאַפט צו מענטשן. די פלאַמען פון שייטער־הויפן האָבן דאָס איבעריקע געטאָן מיטן טייוולס פאַרבינדעטן.

די קאַלאַהאַראַס זענען געווען שטאַרקע מענטשן מיט שאַרפע מוחות. דער שייטער־הויפן אין נייעם לאַנד האָט זיי צעקלעמט, דערדריקט, אָבער נישט אָפגעשטעלט זייער ווילן זיך טיפער איינצוואָרצלען אין דער פוילישער ערד. בטחון איז אַ יידישע זאַך, און די קאַלאַהאַראַס זענען געווען יידן מיט הייסע הערצער. און כאָטש פון מאָל צו מאָל האָט מען דעם און יענעם אַריינגעשטופט אין ענגן קאַזמיר־געסל, פאַרשטעלט און פאַרריגלט פאַר די זייעריקע די ברייטע קראָקעווער גאַסן, כאָטש די קראָקעווער זשאַקיס־סטודענטן האָבן מיט שטיינער באַוואָרפן און די שטאָט־טאַטעס זענען זיך באַגאַנגען מיט זיי ווי מיט שטיפקינדער, האָבן זיי נישט אויפגעהערט ליב צו האָבן די ווייסל, און אין דער גרעסטער דעמאָלט יידישער שטאָט ווייטער געצויגן דעם פאָדעם פון די קאַלאַהאַראַס. נישט איינער פון זיי איז געקומען אין דער רמ"א־שול הערן ר' משה איסערליס לערנען תורה. ווער ווייסט צי זיי זענען נישט געווען צווישן די מייסטער ביים בויען „די הויכע שול" און דאָס גאָטישע מייסטער־ווערק פון דער אַלטער שול? צי זיי האָבן נישט צוגעלייגט די הענט צו די באַרימטע געביידעס פון דער אַלטער שטאָט? און ווער ווייסט וויפל מוטיקע קאַלאַהאַראַס ס'זענען מיט פלאַם־פייער געשטאַנען ביי דער זייט פון טאַדעאוש קאָשטשושקאָ, ווען דער נאָבעלער גענעראַל האָט אין אַ מאַי־טאָג 1794 דאָ אין דער אַלטער שול גערעדט „צו די ברידער איזראַעליטן" און גערופן זיי צו העלפן פאַריאָגן פון בשותפותדיקן פאָטערלאַנד דעם שונא. די אַנאַלן דערמאָנען נישט אַלע פרטים און נישט אַלע אויפטוען פון די קאַלאַהאַראַס. זיי האָבן פאַרט נישט אויסגעמיטן צו דערמאָנען דעם גרויסן רופא אהרון קאַלאַהאַראַ פון מיט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט פאַרן קאָשטשושקאָ־אויפשטאַנד: דער ערשטער ייד מיט אַן אָפיציעלן קוואַליפיקאַציע־טיטל. און באַקומען האָט אהרון קאַלאַהאַראַ דעם הויכן טיטל אין יאָר 1723 נישט אָפיציעל פון אוניווערסיטעט — אַ ייד איז נישט זוכה געווען דערצו — נאָר פון קראָקעווער פראָפעסאָרן ביי וועלכע ער האָט זיך קונה שם געווען מיט זיינע גרויסע מעדיצינישע קענטענישן.

די קאַלאַהאַראַס האָבן זיך צעשפרייט איבער דער פוילישער ערד.

אָפּגעריסענע צווייגן

איין צווייג פון קאַלאַהאָראַ־בוים האָט אין סאַמע אָנהויב 18־טן יאָרהונדערט זיך איבערגעפלאַנצט קיין פּויזן. אויך די איבערגעפלאַנצטע צווייג האָט געשפּראָצט און געבליט — אַרויסגעגעבן דאָקטוירים, לומדים און רבנים. איינער פון זיי איז געווען אריה־לייב קאַלאַהאָראַ, דאָס האַרץ פון די פּויזנער יידן.

און ס'איז געווען סוף מערץ 1736. דער יידישער פּסח איז אויסגעפאַלן פרי, און פרי האָט זיך אויך אַריינגעשטעלט דער פרילינג. דער יידישער אָפּגעשלאָסענער קוואַרטאַל האָט נאָר וואָס געהאַט אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם פּסחדיקן לבוש, דער פרילינג האָט צוגעדינט און געשמעקט מיט וואַרעם־פרישע דופטן. דורך די פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט די געדעקטע טישן מיט אָנגעצונדענע ליכט; יומטובדיקע יידן מיט אויסגעצוואָגענע קינדערלעך ביי די הענט האָבן געאיילט אין שול אַריין. דער שומר האָט נאָר וואָס געהאַט צוגעמאַכט דעם טויער פון דער געטאָגאָס. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן און רופן: „אין נאָמען פון געזעץ מאַכט אויף"! דער יידישער שומר האָט קוים־קוים אָפּגענויגט דעם טויער צו כאַפּן אַ קוק, ווי אַ מחנה באַוואָפנטע אין פּיקעס סאָלדאַטן און שטאָטישע היטער האָבן זיך געוואָרפן מיט רציחה און אויפגעפּראַלט די טויערן. נאָך זיי האָט זיך אַריינגעריסן אַ „נייגעריקער" המון: „יידן גיט אַרויס דאָס קריסטלעכע קינד"! „דאָס קריסטלעכע קינד ווו האָט איר אַהינגעטאָן"?

יידן זענען אין בהלה געלאָפן צוריק אין די הייזער. אין יידישע פענצטער איז פינצטער געוואָרן. קינד און קייט האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, פאַרשטעקט זיך, ווער אין קעלערס, ווער אויף בוידעמער. די שטאָטהיטער האָבן זיך מיט פאַקלען אַריינגעריסן אין די פינצטערע הייזער, אַרויסגעשלעפּט פון די באַהעלטענישן די טויט־דערשראָקענע, דורכגענישטערט שטוב נאָך שטוב, געטרענט פּערענעס, צעקלאַפּט, צעהאַקט וואָס איז אונטערגעקומען אונטער דער האַנט און אין ערגעץ קיין סימן פון קריסטלעך בלוט נישט געפונען.

די פּויזנער יידן האָבן שוין יענע נאַכט דעם סדר נישט אָפּגעריכט, אָבער געדאַנקט און געלויבט השם יתברך — אָפּגעקומען מיט עטלעכע שעה שרעק און בלויז מיט איין פאַרשטערטן סדר.

זיי זענען נישט אָפּגעקומען. נאָך עטלעכע חדשים איז דאָס קינד

געפונען געוואָרן אַ טויטס, פאַרשטעקט ערגעץ ווייט פון שטאָט. דאָס קינדערישע לייב איז באַדעקט מיט ווונדן: צי נישט סימנים פון צאַפּן קריסטלעך בלוט צו מצות?

פויזנער יידן ווי אַלע יידן זענען געווען בעלי־בטחון, די מעשה מיטן פאַרשטערטן סדר געהאַט פון לאַנג פאַרגעסן. יידענעס האָבן געהאַט דריי מאָל אויסגעשפּיגן און צוגעווונטשן ס׳זאָל אויסגיין צו אַלע וויסטע פעלדער, צו אַלע וויסטע וועלדער. אַז דער בילבול איז געבליבן אַ בילבול האָבן זיי זיך דערוווּסט ערשט אין מיטן זומער, ווען מ׳איז באַפאַלן דאָס קהילה־הויז און מיטגענומען אַלע קהילה־מענטשן. אַ קריסטלעכע באַבע האָט מיט די אייגענע אויגן געזען ווי דער רב און דער גבאי האָבן הינטער דער שטאָט געקויפט דאָס קריסטלעכע קינד ביי עמעצן, און דער עמעצער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

אריה־לייב קאַלאַהאַרא און דער גבאי זענען פאַרבליבן אין דעם תפיסה־קעלער, וואָס האַרט ביים יידישן קוואַרטאַל. פריער האָט געדאַרפט זיך מודה זיין דער רב. די „קאַרפּאַראַלע״ אויספאָרשונג וועט שוין אַרויסבאַקומען פון אים דעם גאַנצן אמת, מ׳דאַרף זיך נאָר באַוואָרענען קעגן טייוול, דעם יידישן פאַרבינדעטן. איז ווי נאָר מ׳האָט אריה־לייבן אויסגעצויגן אויפן אייזערנעם טיש, האָט מען גענומען זיך אָפּגאָלן דאָס גאַנצע לייב, פון קאָפּ ביז די פיס. דער טייוול באַהאַלט זיך דאָך אויס ביי יידן אין די האָר, נישקשה, מ׳קען זיך אויף דעם יידס שטיק, נישט אומזיסט פאַרבינדט ער זיך מיטן טייוול קעגן דעם קריסטלעכן גלויבן; ער, דער טייוול, דינט אים גוט אָפּ — באַהאַלט זיך אויס, ווען מען דאַרף אין די יידישע האָר און נעמט איבער אויף זיך אַלע יסורים, אַז דער שותּף זיינער זאָל נישט דאַרפן זיך מודה זיין. דאָ ליגט דער סוד, פאַרוואָס זיי קאָנען איבערטראָגן אַלע „קאַרפּאַראַלע״ אויספאָרשונגען.

אריה־לייב האָט זיך געבעטן מ׳זאָל אים כאָטש איבערלאָזן די באָרד, זאָל מען אים פּייניקן לענגער, ווי ס׳איז אָנגענומען, זאָלן זיי מאַכן מיט אים וואָס זיי ווילן, נאָר זאָלן זיי אים איבערלאָזן כאָטש אַ שטיקל באָרד. די יידישע קאָמבינאַציע האָט זיך נישט איינגעגעבן, אַהאַ, דער טייוול קאָן זיך אויסבאַהאַלטן אפילו אין אַ פּיצל באָרד, אין אַ שטיקל פּיאה.

מיט אריה־לייבס אָפּגעגאָלטן לייב האָבן די געניטע אויספאָרשונג־ריכטער זיך באַגאַנגען פּינקטלעך, לויטן געזעץ, און אין נאָמען פון באַרעמהאַרציקן גאָט און זיין ליבשאַפט צו מענטשן.

דער טייוול האָט די יסורים נישט געקאָנט איבערנעמען, אָבער אר־

אפגעריסענע צווייגן

יה־לייב ווי אַלע קאַלאהאַראַס איז געווען אַ ייד אַן עקשן. זיינע ליפּן האָבן בלויז געפּליסטערט אַן אומפאַרשטענדלעכן פּליסטער. בלויז דער גבאי, וואָס האָט געמוזט בייזיין און צוהאַלטן די ליכט, האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָס פּליסטערן באַדייט.

ס׳איז געקומען זיין ריי. דער טייוול האָט ווידער נישט געקאָנט זיך אויסבאַהאַלטן אין די האָר, אָבער דאָס מאָל האָט דעם טייוולס שותּף נישט אויסגעהאַלטן. דעם גבאיס געשרייען און געוואַלדן האָבן דורכ־געהאַקט די גראָבע תּפיסה־ווענט און אַריינגעריסן זיך אין דעם יידישן קוואַרטאַל. קינד און קייט האָט אין געטאָ־גאַס געקלאָגט און געוויינט, יידן האָבן אין שול געהויבן די הענט צום הימל און געבעטן רחמים. דער הימל האָט געשוויגן, און דער גבאי האָט אינגיכן אויך איינגעשוויגן. מ׳האָט אים באַלד דערנאָך צוריקגעשיקט אין יידישן קוואַרטאַל — אָפּ־געגעבן דער משפּחה. דעם זעלבן אָוונט האָט דער פּויזנער גבאי אויסגע־הויכט די נשמה.

אריה־לייב איז לאַנגע טעג געבליבן אין תּפיסה־קעלער. די פרומע ריכטער האָבן נישט געקאָנט באַנעמען ווי אַזוי דאָס אייזן און דאָס פייער האָבן פון אים קיין איין געשריי נישט אַרויסגעריסן. נישט אַנדערש נאָר דער טייוול האָט נאָך אַן אַנדער באַהעלטעניש ווי די יידישע האָר. זיי האָבן שטאַרקער געלאָזט אין גאַנג דאָס ברענענדיקע אייזן אַ סוף צו מאַכן צו דער טייוולאַנישער שותּפות אין דער פאַרשווערונג קעגן דעם קריסט־לעכן גלויבן, קעגן צאַפּן קריסטלעך בלוט. ס׳האָט נישט געהאָלפן. אריה־לייב קאַלאהאַראַ האָט זיך נישט מודה געווען. אַ גוססדיקן האָט מען אים אַרויסגעגעבן דער משפּחה. די ליפּן האָבן נאָך אַ תּפילה געפּליסטערט. די וועלכע האָבן צוגעלייגט דאָס אויער, האָבן געהערט ווי ער האָט פאַרן שיידן זיך מיט דער וועלט געבענטשט די פּויזנער עדה יידן. זיין פאַר־בלוטיקט העמד, אַן אויסגעהיטס אין אַ שאַכטל, איז אין דער משפּחה איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, מיטגעגאַנגען אויף אַלע וואַנדער־וועגן.

די פּויזנער קאַלאהאַראַס האָבן אויסגעוואַנדערט קיין דייטשלאַנד. דער נאָמען איז פאַרלוירן געגאַנגען, די ירושה, וואָס די זיידעס האָבן איבערגעגעבן די אייניקלעך — נישט. שריפטשטעלער, געלערנטע, דאָק־טוירים, אונטערנעמער האָבן באַרייכערט די דייטשע ערד און פאַרשאַפן דייטשלאַנד רום איבער דער וועלט.

קאַלאַהאַראַס אייניקלעך

דער נאָמען פון די ייִדעס איז אַ סך פריער פאַרלוירן געגאַנגען, ווי דאָס געביין פון די אייניקלעך. נאָך די אייניקלעך פון די פּויזנער קאַלאַהאַראַס איז צומאָל קיין פאַרבלוטיקט העמד נישט פאַרבליבן. אין קיין שום פנקס, אין קיין שום אַנאַלן איז נישט פאַרצייכנט געוואָרן ווען און אין וועלכע גאַז־קאַמערן זיי האָבן די נשמה אויסגעהויכט.

מער מזל האָבן געהאַט די קראָקאָווער קאַלאַהאַראַס. אויך ביי זיי איז דער נאָמען פאַרלוירן געגאַנגען — דאָס געביין נישט. אַ ווייט־ווייט אייניקל, וואָס הייסט נאָך אריה־לייבן, האָט אויסגעהאַלטן די עינויים אין פּוילישע תפיסות, די דערנידערונגען אין קאַרטוז־בערעזע, דערנאָך די פּראַסטיקע ווינטער־נעכט און הייסגליאיקע טעג אין הינטערלאַנד פון די דייטשע חיילות, און דעם מאַרשרוט בראש פון פּוילישן מיליטער פון לע־נינאַ ביז בערלין. אַ קויל האָט דורכגעהאַקט זיין אַקסל און ער האָט ווייטער געשפּאַנט ביז ער האָט דער פּוילישער ערד באַפרייאונג געבראַכט.

איצט זיצט ער דאָ, דאָס ווייט־ווייטע אייניקל פון די קאַלאַהאַראַס אַן איינגעקאַרטשעטער אין פאָטעל. ס'איז סוף מערץ 1968. דער פרילינג האָט זיך אויך דאָס מאָל אַריינגעשטעלט פרי, אָבער דאָ געדענקט קיינער נישט, אַז ס'איז פרילינג אויף דער וועלט.

אַרטור האָט זיך אויסגעגלייכט און דערפילט אַ שטאַרקן ברען אין לינקן אַקסל, דאָרט ווו ס'איז מיט 25 יאָר צוריק דורכגעלאָפן אַ פיינט־לעכע קויל. אין דער שוואַרצער אָוונט־גרויקייט פינקלען זיינע אויגן מיט אומרו און אומעט. דער ווייסער קאָפּ האָט זיך אונטערגעהויבן הע־כער, אָבער דערמאָנט נאָך מער אין אַן איינזאַמען באַרג, אַ פאַרלוירע־נעם אין אַ געדעמפטן נעפּל. די אָפּהענטיקייט איז אָפּגעטראָטן, ער איז צוריק וואָך געוואָרן. צו זיינע אויערן האָבן זיך פּלוצלינג דערטראָגן קלאַנגען: דער ייִנגערער זון האָט אין שכנותדיקן צימער געעפנט די טעלעוויזיע. „אין שטוב אויך"! — האָט ער פאַרביטערט אַ זאָג געטאָן. נישטאָ ווו זיך אויסצובאַהאַלטן. דער היימישער אַפּאַראַט איז געוואָרן אַ פאַרפאָלגער, טראָגט פאַנאַנדער די באַליידיקונגען, באַשולדיקונגען.

רות האָט זיך אויפגעריסן, געלאָזט זיך אַהין פון וואַנען ס'האָט זיך געטראָגן אַ רוישיק, גרילצעדיק געבריל. זי האָט שוין געהאַט אַמאָל גע־הערט עפּעס ענלעכעס, מיט איבער אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, נאָר דעמאָלט איז נאָך קיין טעלעוויזיע נישט געווען.

אפגעריסענע צווייגן

אויפן עקראַן האָבן זיך פיבערדיק באַוועגט בילדער. אַ צעוויגטער המון, איבערן המון אַ וואַלד טראַנספּאַרענטן, עס שרייען פון זיי אַראָפּ פעטע אויפשריפטן מיט גראָבע אויסרוף־צייכנס: „נידער מיט די ציוניסטן!" „אַפּרייניקן די פּאַרטיי פון אַלע ציוניסטן!". מאָשקעס גייט קיין ישראל!". „נידער מיט ישראל!".

זי האָט מיט פיבערדיקע פינגער פאַרמאַכט דעם אַפּאַראַט. דאָס יינגל האָט פּראָטעסטירט:

— איר זענט פּחדנים! האָט מורא צו קוקן, איך... איך וויל...

— דער טאַטע... פאַר זינקען אויך נישט גוט, בלויז 10 טעג אין אַרעסט און אַ נערוון־שאָק.

— ווייל איר האָט אונדז...!

— וואָס ווילסטו?

— איך וויל זאָלסט מיר זאָגן דעם אמת! כ'וויל וויסן...

ער האָט באַמערקט ווי דער מאַמעס אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ טרערן־הייטל, האָט חרטה געהאַט, זיך אָנגעשטרענגט צו פרעגן אין אַ שפּאַסיקן טאָן:

— זאָג מאַ, וואָס פאַראַ מין חיות זענען דאָס די ציוניסטן וואָס מען דאַרף זיי פאַריאָגן?

— דיר גלוסט זיך שפּאַסן, מיר נישט.

— טאָ זאָג מיר, וואָס איז דאָס אַזוינס „מאָשקע"?

— אַ זידל־וואָרט.

ער האָט פאַרגעסן אין דער מאַמעס צער און אָנגעהויבן זי באַוואַרפן מיט פראַגן:

— וואָס פאַראַ זידל־וואָרט? פון וואַנען שטאַמט דאָס? עטימאָלאָגיש, פון וואַנען?

רות וואָלט אַן אַנדערש מאָל אים גערן געענטפערט, איצט איז איר דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן, זי האָט געקוקט אויפן זון מיט מאַמעשער ליבשאַפט און געשוויגן.

— כ'האָב געזוכט אין ווערטער־בוך „פּיאות", איך לערן לינגוויסטיק און קאָן נישט געפינען דאָס וואָרט, וואָס איז געווען...

— ווו געווען?

— אין די פלוג־בלעטלעך אויפן אוניווערסיטעט — "...נעמט זיי פאַר די פּיאות און וואַרפט זיי אַרויס".

רות האָט זיך דאָס מאָל אָנגענומען מיט כוח:

קאַלאַהאַראַם אײַניקלעך

— האָסט געדאַרפט פרעגן דײַנע קאָלעגן, די לינגוויסטן...

— זיי ווייסן אויך נישט.

ער האָט אָנגעהויבן רעדן העכער און שנעלער:

— נישט די סטודענטן האָבן דאָס געשריבן, דאָס האָבן... דו ווייסט ווער...

ער איז שטיל געבליבן. רות האָט אים שווייגנדיק פאַרלאָזן און גע־לאָזט זיך צו זינקען. די טאַכטער איז נאָך די אײַנשפּריצונגען געשלאָפן מיט אַן אומרואיקן שלאָף, שווער געעטעמט ווי אַ משא וואָלט איר געלעגן אויפן האַרץ. רות האָט פּאַמעלעך אָוועקגענומען פון נאַכט־טישל דעם קליי־נעם טראַנזיסטאָר, ס'קאָן איר נאָך אײַנפאַלן צו עפענען, נאָך דאָס פעלט זי זאָל דאָס אַלץ הערן... זינקעס שלאָף האָט זיך אָבער פּלוצלינג איבער־געריסן, ווי אַ דינער, דורכגעריבענער פאָדעם ביים ערשטן ציִ. אַ נערוועזע האַנט האָט זיך אויסגעצויגן און צוריקגענומען דעם טראַנזיסטאָר.

רות איז אַוועק צום מאַן. ער באַאומרואיקט זי צוממיינסטן. זי ווייסט נאָך נישט מיט וואָסערע זילזולים מ'האָט אים הײַנט ווידער באַ־וואָרפן, וואָסער בילבול ווידער געמאַכט. זי האָט גערעכנט אים צו טרעפן אין פאָטעל, אָבער אַרטור איז געשטאַנען ביים מיט אַ דינעם גאַרדין פאַר־האַנגענעם פענצטער. דער וואָרעמער סוף מערץ האָט אויסגעלייטערט דעם הימל. דער פרילינגדיקער אָוונט האָט היימיש אַרײַנגעקוקט דורכן פענצ־טער. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי האָט דאָס פענצטער פאַרמאַכט ווי זי וואָלט מורא געהאַט פאַרן דרויסן.

אַרטור האָט זיך אויסגעדרייט, אָנגעדריקט דאָס קנעפּל אויפן נאַכט־לעמפּל. אַן אײַנגעלאָשענע שיין האָט צעריסן די פינצטערניש, דאָס געלע ליכט האָט געמאַכט דאָס אָפּגעצערטע פּנים בלייכער. מיט אַרײַנגעשטעקטע הענט אין די הויזן־קעשענעס האָט ער אָנגעהויבן פּאַמעלעך שפּאַנען אי־בערן צימער. פאַר רותן איז דאָס געווען אַ גוטער סימן.

— אפשר גייען מיר אַ ביסל אַראָפּ.

— כ'פיל זיך צומבעסטן דאָ, פאַרמאַכט, מיט דיר.

— כ'וויל דאָך וויסן, לאָמיר...

— וויסן וואָס? דעם פאַרלויף פון דער הײַנטיקער אינקוויזיציע?

— שששש...

זי האָט אַרויפגעלייגט אַ קאָלדרע אויפן פאַרדעקטן טעלעפאָן, גע־נומען דרייען ביים ראַדיאָ ביז זי האָט אָנגעטראָפן אויף מוזיק.

— פאַרמאַך, ס'דענערווירט.

זי האָט נישט פאַרמאַכט, געמאַכט בלויז שטילער און נאָך שטילער גערעדט:

— כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן לויט דעם וויפל ס׳האָט געדויערט.

— זעקס שעה פאַר אַזוי פיל באַשולדיקונגען נישט קיין סך.

— אין וואָס ווידער באַשולדיקט?

— ער האָט נישט באַוויזן צו ענטפערן, אַ שאַרפער ווייטיק איז ווי־דער דורכגעלאָפן דורך דעם לינקן אַקסל; דער דאָקטער האָט אים אַזוי פיל מאָל געוואָרנט. ער האָט פאַרנאַכלעסיקט די היילונג, קיין צייט נישט געווען. פּלוצלינג האָט ער זיך דערזען אַ שפּאַנענדיקן מיטן באַנדאַזשירטן אָרעם. דערנאָך אין חרובן לאַנד, מ׳האָט געדאַרפט אונטערשטעלן די אַקס־לען, דעם קראַנקן אויך.

— צי מיר נישט אַרויס די נשמה, כ׳וויל וויסן פאַרוואָס ווידער...

— ווייסט דען נישט? פאַרן זון, פאַר דער טאָכטער, פאַר... פאַר...

— דאָס אַלץ?

— כ׳זאָל נאָך האָבן... ווייסט, די מעשה מיט דאָקומענטן, כ׳זאָל האָבן געבראַכט גרויסע שאָדנס... כ׳זאָל האָבן...

— זיי קאָנען דאָך נישט באַווייזן.

— און אַז מאַטאַטיאַש האָט מיט אַ צעטל געלעסטערט די האָסטיע און אריה־לייב האָט אַ קינד דערמאָרדעט און געצאַפּט בלוט צו מצות האָט מען יאָ געקאָנט באַווייזן?

רות איז בלייך געוואָרן, האָט נישט דערקענט דעם מאַנס שטים, און נישט זיינע רייד. זי האָט מיט אַ פאַרשפּעטיקונג אַרויסגעפּליסטערט:

— ששש... רעדסט צו הויך, כ׳בעט דיך...

— ביסט גערעכט, זעט אויס, אַמאָל אויך גערעכט געווען.

איצט האָט איר דאָס נישט געפרייט, זי האָט אויסגעמיטן צו רעדן דערוועגן. אין זכרון זענען אויפגעשווומען די אַמאָליקע אַמפּערנישן, זיינע פאַרווורפן: „פילסט זיך ווי אַ פרעמדע אין אייגן לאַנד, אין אונד־זער סאָציאַליסטיש לאַנד".

ס׳איז אמת געווען. זי האָט יאָרן לאַנג זיך געפילט דאָ ווי אויף אַ בית־עולם. דורכגייענדיק די ערשטע צייטן די אַמאָליקע יידישע געגנט, פלעגט זי פילן אַ ריח פון געברענטן לייב, דאָ און דאָרט האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז עמעצער קוקט אויף איר פאַרדעכטיק. אין די ערשטע וואָכן, ווען ער פלעגט זי באַגלייטן דאָרט אַהין, וווּ זי האָט נאָך אַלץ גע־

זוכט שפּורן פון בונקער, פלעגט ער זי טרייסטן מיט די דיכטערישע ווער־טער פון בראַניעוווסקין :

... מען האָט אונדז דאָס בשותּפותדיקע הויז חרוב געמאַכט
און דאָס פאַרגאָסענע בלוט פאַרברידערט אונדז
עס פאַראייניקט אונדז די עקזעקוציע־וואַנט.

ער האָט געגלויבט אין דעם, פונקט ווי דער דיכטער האָט געגלויבט, ווען ער האָט זיינע פערזן געוואָנדן צו די לעבנגעבליבענע פוילישע יידן. און זי? צעריסן, נע־ונד געווען, קיינעמען נישט געהאַט אויף דער וועלט. מיט אַמאָל איז ער איר גאַנצע וועלט געוואָרן, דערנאָך די קינדער. ער האָט איר געזאָגט: „מיר וועלן מער קיין פּאַריאַס נישט זיין, אויס די מעשה יידן־נישט־יידן". דעמאָלט האָט ער איר דערציילט די געשיכטע פון זיינע אור־זיידעס. „מער וועט מען אויף קאַלאַהאַראַס קיין בילבולים נישט מאַכן". זי האָט באַגערט אירע קינדער זאָלן וויסן וועגן די אַמאָליקע זיידעס, וועגן די שפּעטערדיקע, וועגן...

ער האָט געלייענט אין איר פאַרטראַכט פּנים אירע געדאַנקען, גע־וואָלט זי אָפּרייסן פון זיי און זי צוריק געפירט:

— די קינדער?

— זינקע בעסער.

— האָסט זי שוין געפרעגט וואָס מ'האָט געוואָלט פון איר?

— בעסער נישט פרעגן, ערגער וואָס זי פרעגט...

— און ער?

— דאָס זעלבע, לאָזט מיך נישט אָפּ: „פאַרוואָס זאָגן זיי, אַז מיר הייסן לאַנדסבערג? פון ווען? פאַרוואָס? און אַזוי אָן אויפהער.

— האָסט אים געדאַרפט זאָגן, אַז דאָס האָבן זיי דעמאָלט געפאָדערט פון מיר צו טוישן דעם...

ער האָט האַסטיק צוגעטראָגן די האַנט צום הויכן שטערן, געפירט זי פיבערהאַפטיק הין און צוריק, ווי ער וואָלט די אַרויסגעזאָגטע ווערטער געוואָלט צוריק אַריינשטופּן:

— ניין, ניין, מ'דאַרף נישט, נישט אַזוי דאַרף מען איצט מיט זיי, צומשווערסטן זיי אויפקלערן; יאָ, יאָ, שולדיק, לגבי זיי, און צוממיינסטן פאַרשולדיקט זיך קעגן... קעגן דיר.

— לאָז אָפּ! רייס נישט אַליין קיין פּאַסן פון זיך, איצט דאַרף מען זען ווי אַזוי, זאָג מיר בעסער וואָס ס'איז דאָרט נאָך געווען.

אפגעריסענע צווייגן

— דאָרט ? דאָרט בין איך געווען א קאַלאַהאָרא, אַ בילבול, באַשול־דיקן מיך אין . . . אין וואָס נישט ? און דאָס אין נאָמען פון . . . פון . . .

— און וואָס דערצו דער אַמאַליקער פריינט דיינער ? ווייסט ווען כ'מיין ?

— דער מיט וועמען כ'בין געווען אין איין תפיסה־קאַמער ?

— יאָ, דער, האָסט דאָך אים אַמאָל געראַטעוועט דאָס לעבן.

— דאָס איז געווען אַמאָל, ס'רעכנט זיך נישט, איצט מיין פּראָקוראָר, זיין זון וועט מסתמא פאַרנעמען מיין אָרט, ער אַליין טויג נישט, וועט אפשר דער זון.

— און זאַרעצקי ?

— האָט איצט מיט זיך צו טאָן, געקומען מיט אַ טויף־מעטריקע.

— וואָס ? אַ טויף־מעטריקע ?

— קאָמפּראָמיטירט זיך, אַנגענומען זיך פאַר מיר, און מ'איז אים סתם הושד. און אפשר האָט ווער פון זיין קריסטלעכער משפחה געזינדיקט מיט אַ יידישקע, ווער ווייסט ? איז ער אַוועק אין זיין פּאַראַפיע, צום גלח, אַרויסגענומען אַ טויף־מעטריקע. פאַרט אַ באַוייז, אפשר וועלן זיי אים צורו לאָזן.

רות האָט נישט ווילנדיק אויסגערופן :

— שעמען זיך נישט ?

זי האָט קוים דערהערט זיין ענטפער, אַזוי שטיל האָט ער אַרויסגע־מורמלט די ווערטער :

— דאָס ערגסטע ווען דער מענטש הערט אויף זיך שעמען. ניין, שעמען זיך איצט מיט גאָרנישט, מיטן ערגסטן נישט.

— וואָס נאָך ?

ער האָט זיך פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט געזוכט צו דעפינירן עפּעס, וואָס לאָזט זיך נישט אַריינפּאַסן אין קיין ווערטער, באַלד האָט זיך באַוויזן אַ מיסטעריעזער, ביטערער שמייכל צווישן די ליפּן, ער האָט ווידער שטיל ווי צו זיך אַליין סילאַביזירט :

— איר עסט אונדזער ברויט . . .

— דיר האָט מען דאָס געזאָגט ?

— אַ נפקא־מינא, מיר צי דעם שלאָסער, מ'האָט געזאָגט אַ יידן, יע־נער רעדט שלעכט פויליש, אַ גוטער פאַכמאַן, אַן אַרבעטזאַמער, אָבער דאָס רעכנט זיך נישט. אַז מ,האָט זיך גענומען צו אים, האָט ער געוואָלט זיי

קלאָר מאַכן. קלאָר מאַכן... אַ נאַאיווער מענטש, די צונג האָט זיך אים פאַרפּלאָנטערט, דער סעקרעטאַר האָט נישט אויסגעהאַלטן און אַ געשריי געטאָן צו אים: „איר עסט דאָס גאַנצע לעבן אונדזער ברויט, נאָר אונדזער שפּראַך זיך נישט אויסגעלערנט"!

ער האָט ווייטער אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער, ווי ער וואָלט מיט די שטילע, פּאַמעלעכע טריט געוואָלט עפּעס פאַרטויבן, דערשטיקן אין האַלדז. אַ געדראַנג פון ווערטער האָבן זיך דאָרט געקנוילט, געוואָלט זיך אַרויסרייסן, ער האָט זיי מיט מאַטערניש געזיפּט דורך די ליפּן:

— איר עסט אונדזער ברויט, ע—ס—ט אונ—דזער בר—וי—ט...

רות האָט נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים די אויגן, זיי האָבן אים געגלעט, געשטאַרקט. זי האָט געוואָלט פּרווון צו נישט מאַכן דאָס וואָס מאַטערט אים; זי האָט אַ ווײַלע געטראַכט און זיך אָפּגערופן מיט אַ געמאַכטער הייטערקייט:

— נישט קיין נייעס! נישטאָ פון וואָס זיך אַזוי איבערצונעמען.

ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט היינט גאַנץ פרי געלייענט אין דער פּרעסע און געפּרוווט זיין שפּאַסיק, ס'איז אַרויסגעקומען סאַרקאַסטיש:

— נאָך גוט וואָס ער האָט פאַרגעסן צו זאָגן, אַז מיר „עסן ברויט גראָב באַשמירט מיט פּוטער".

זי האָט אויפגעכאַפּט דעם סאַרקאַזם, געוואָלט אים צוגעבן אַ וויציקן טאָן:

— ער איז פינקטלעך אייער סעקרעטאַר, ער ווייסט מסתמא, אַז דעם אַלטן שלאָסער, פּונקט ווי דיר, האָט דער דאָקטער נישט געראָטן צו עסן קיין פּוטער, אַ יידישער דאָקטער, היט אויס זיינע יידישע פּאַציענטן פון סקלעראָז, מ'וועט אים נאָך דערפאַר משפּטן.

— האָסט פאַרגעסן, מ'האָט אים שוין.

ס'איז איר טאַקע פון זינען אַרויס; דעם דאָקטער האָט מען שוין לאַנג אַרויסגעוואָרפן, ער זאָל האָבן געמאַכט אַ כוסה מיט קאָלעגן, נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה דאָרט; די אַנדערע האָבן געטענהט, אַז געטרונקען ס'זאָל זיין שלום אויף דער וועלט, דער יידישער דאָקטער האָט אָבער זיכער געהאַט אַנדערע געדאַנקען דערביי...

— זעסטו, האָסט זיך געדאַרפט ריכטן, נישט פון איצט, נישט פון דיר הייבט זיך עס אָן, מ'האָט געקאָנט פאַרויסזען.

רות האָט עס געזאָגט מיט דער בעסטער כוונה, געוואָלט אי אים

אפגעריסענע צווייגן

צעשטרייען, אי טרייסטן. אַרטור האָט זיך אויפגעריסן, ווי מע וואָלט אים מיט הייס וואַסער אָפּגעבריט.

— ריכטן זיך? פּאַרויסזען? דאָס אַלץ פּאַרויסזען?! נאָר איין מענטש וואָלט דאָס געקאָנט פּאַרויסזען, ווייסט ווער? קאַפּקאַ, יענער קראַנקער גאון האָט אין זיינע וואַנזיניקע וויזיעס געקאָנט זיך אַזעלכעס אויסמאָלן.

דער טעלעפאָן אונטער דער קאָלדרע האָט טויב געקלונגען, רות האָט אַרויפגעלייגט די פינגער אויפן מויל און ווען איר מאַן איז שטיל געבליבן אַרויסגעגראַבלט דאָס טרייבל און צוגעטראָגן צום אויער.

— יאָ, יאָ, אין שטוב, קום אומבאַדינגט.

זי איז טאָפּלט צופרידן געווען: זייער פּריינט קלינגט נישט פון שטוב, און זיי וועלן נישט זיין אַליין. ס'איז זיי איצט נויטיק אַ נאָענטער מענטש, בפרט יענער, ער נעמט אויף אַלץ אויף זיין שטייגער, איז ווי אַ קאַץ, פון ווי הויך מ'זאָל אים נישט אַראָפּוואַרפן, שטעלט ער זיך צוריק אויף די פיס, נישט ווי איר מאַן.

ער האָט זיך אַריינגעשטעלט פריער ווי זי האָט דערוואַרט, אַריין אין צימער אַנדערש ווי געווינלעך — אין מאַנטל. רות האָט אויסגעצויגן די הענט צו דערמאָנען אים אַראָפּצונעמען דעם אויבער־מלבוש. זי האָט ערשט איצט באַמערקט, אַז ער זעט אויס ווי ער וואָלט געשלאָפן אין די מלבושים. דאָקטער מאַנדעל האָט שוין פון לאַנג נישט געלייגט קיין סך אַכט אויף זיין אויסערלעכן אויסזען. זינט זיין צווייטע, יונגע פרוי איז אַוועק פון אים, האָט ער זיך געפירט אַלט-בחוריש, געוווינט מער אין אינסטיטוט ווי אין דער היים, אויסער כעמיע גייט אים גאָר נישט אָן. ער פלעגט וועגן זיך אַליין זאָגן, אַז קיין דריט ווייב וועט ער שוין נישט האָבן, ער האָט חתונה געהאַט אויף שטענדיק מיט כעמיע.

און דער שידוך מיט כעמיע איז געווען אויף לעבן און טויט. ער האָט גערעדט וועגן דעם ווי וועגן זיין גרעסטער ליבע, וועגן זיינע עקספּעריי־מענטן דערציילט ווי וועגן לעבעדיקע מענטשן, מיטן אינסטיטוט זיך צו־נויפגעוואַקסן, ווי ער וואָלט דאָרט געבוירן געוואָרן, און ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שטופּעניש אים אַראָפּצוזעצן נידעריקער און נידעריקער, האָט ער יעדעס מאָל אין אָפּוועזנהייט פון אַרטורן רותן דערציילט אַ פּאָר וויצן און געגומען זיך אין זיין אָפּגעזונדערטקייט שרייבן אַ נייע אַרבעט.

רות האָט ביי זיין אַריינקומען ענגער אַרומגעוויקלט דעם טעלעפאָן,

אָנגעשטעלט העכער דעם טראַנזיסטאָר. דאָקטער מאַנדעל האָט שעלמיש אַ בליצל געטאָן מיט די באַברילטע אויגן און צווישן געגעבן:

— איך בין שוין איבערגעקומען, נעכטן אינדערפרי, געהער שוין צו די ב.ב. 1), וועסט אויך איבערקומען, נאָך אַ טאָג צוויי, נישט געזאָרגט, ס'איז ווי מען שניידט אויפן לעבעדיקן פלייש אַ געשוויר, דערנאָך ווערט אָבער דאָך לייכטער.

ער האָט דערביי משונהדיק געבליצלט מיט די אויגן. זיין אָדלער־נאָז האָט איצט אויסגעזען, ווי זי וואָלט מיטאַמאָל שפּיציקער געוואָרן. אַ שפּאָטישער שמייכל האָט לענגער געמאַכט דאָס לענגלעכע געזיכט. ס'איז קענטיק געווען, אַז ער איז געקומען זיך אויסרעדן. רות האָט אָן אַ וואָרט צו זאָגן געעפנט די טיר און געטריבן זיי פון צימער. אויף אַ רגע איז אויפ־געשווומען אַ ווייטע דערמאָנונג, ווען ס'פלעגט צוקומען אַזעלכער, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן, געשטאַרקט. זי האָט אַ נעם געטאָן מיט זיך דעם טראַנזיסטאָר, ס'האָט זיך איצט געטראָגן פון אים אַ לירישע מוזיק, ווי צו פאַריאָגן די ווייטע אָנונגען. זי האָט זיי אונטערגעאיילט צו פאַרלאָזן דעם קאַבינעט. דאָס אויפנאַם־צימער איז נעבנטער צו די קינדער, דערפאַר ווייטער פון טעלעפאָן, פון ווער ווייסט וואָס... דאָקטער מאַנדעל האָט זיך אויך דאָ געפילט פרייער:

— איר ווייסט צו וואָס מענטשן קאָנען צוזאַמענשטן ענלעך זיין? כ'מיין יענע דאָרט? צו אַ לופטדיקן צוג אויף די רעלסן. אַ שפּאַרונע, עטלעכע שטיינדלעך, דער צוג גיט זיך דעם ערשטן טרייסל, אַ גליטש בלויז און ער וועט זיך שוין אַראָפּגליטשן פון די רעלסן. איר געדענקט, ווי מ'האָט אָנגעהויבן אַראָפּזעצן? דער ערשטער טרייסל ביי די שטיינדלעך.

— און מיר זענען ענלעך צו אַ לייטער, האָסט אויך געזאָגט רושטאָ־וואַניעס — האָט אים רות דערמאָנט.

— נישט איך האָב דאָס אַנטדעקט, כ'האָב דיר איבערגעחזרט וואָס ס'האָט מיר געזאָגט אַן אַלטער, קלוגער ייד — „אַ לייטער זענען מיר, רושטאָוואַניעס, מען קלעטערט איבער אונדזערע רוקנס צו קאָנען בויען, און אַז אויסגעבויט — איז האָפּ!! אַוועקגעוואָרפן, מען דאַרף מער נישט דעם לייטער". ווי מיינסטו, אַרטור, ער איז גערעכט דער אַלטער ייד?

אַרטור איז אויפגעלייגטער געוואָרן, געשמייכלט, אָבער געשוויגן.

---

(1) Bezpartyjny, bezrobotny (אומפּאַרטייאישער, אַרבעטלאָזער) אַזוי רופט מען די יידן אַרויסגעוואָרפענע פון דער אַרבעט און דער פּאַרטיי.

אפגעריסענע צווייגן

דאָקטער מאַנדעל האָט אַראָפּגענומען די ברילן פון דער אָדלער־נאָז און אָנגעהויבן אויסווישן מיט אַ געל לייוונטל, וואָס ביי אים שטענדיק אין בוזעם־קעשענע. רות האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס דאַרף איצט קומען, נאָך אַנדערע שטיינער ליגן אים אויפן האַרץ, ער דאַרף זיי אַרויסוואַרפן, אַראָפּ־רעדן זיך, אָבער אַלץ איינס איז זי צופרידן, ער מאַכט עס אַזוי, אַז ער פאַריאָגט פאַרט אַ ביסל די וואָלקנס. ווי גיך ער האָט איינגעפּעדעמט, האָט זיך דעם מאַנס פּנים אַ ביסל אויסגעלייטערט. דאָקטער מאַנדעל האָט לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן:

— איר ווייסט ווער ס׳האָט מיר נעכטן אָפּגעשטאַט אַ וויזיט?

— אַ וויזיט? ווער? — איז אַרטור געוואָרן נייגיריק.

— אַ, ס׳זאָגט זיך אַזוי אַ וויזיט. שטשיפּטשאַק האָט מיך נעכטן אָונט אָנגעכאַפּט פאַרן הויז, אַרומגעקוקט זיך, אַרויפגעלייגט מיר אַ האַנט אויפן אַקסל. ס׳איז געווען אויפריכטיק, געשעמט זיך, אָבער אויפריכטיק געווען. אַריינגערעדט מיר אין אויער: „כ׳בין מיטן גאַנצן האַרצן מיט דיר, גאָר־נישט געקאַנט זאָגן, מוזסט פאַרשטיין, כ׳האָב אַ פרוי, דריי קינדער, כ׳קאָן נישט ריזיקירן, דו האָסט אַן אויסוועג, האָסט וו צו אַנטלויפן, איך נישט. פאַרשטייסט מיך?" אַ ברירה האָב איך געהאַט, אוי פאַרשטאַנען. ווי מיינסטו אַרטור? אפשר איז ער גערעכט? ער זאָגט דאָך מיר האָבן אַן אויסוועג. הערסט אַ גליק? מ׳וואַרפט דיר דאָס פּעקל פאַר דער טיר און מען לאָזט פאַר דיר די טיר אָפן. ס׳קאָן דאָך זיין אַנדערש, מ׳זאָל אי וואַרפן דאָס פּעקל פאַר דער טיר, אי זי פאַרשליסן. דו ווייסט דאָך נישט ערגער פון מיר וויפל וואַריאַנטן ס׳קאָנען זיין.

אַרטור זאַוואַדזקי האָט געשוויגן, געקוקט זייטיק און מיסטעריעז־אָו־מעטיק געשמייכלט. ער האָט דערפילט אויף זיך רותס בעטנדיקע בליקן. פון דער טיר איז ראָפּטעם דערגאַנגען צו זיינע אויערן אַ סקריפּ. דער זון האָט זיך לייכט אַריינגעשלייכט און געבליבן אַ שטייפער שטיין ביי דער טיר. זיינע פאַרשערישע אויגן זענען געוואָנדן געווען צום פאָטער. דאָקטער מאַנדעל פאַרטראָגט נישט קיין שווערע שטימונג, קיין נישט דערזאָגטקייט. דער אומגעריכטער עדות האָט אים נישט געשטערט ווייטער צו רעדן.

— טאָ וואָס זאָגסטו פאַרט? אפשר פאַרט די העכסטע צייט אויפ־צושטעלן אַ געצעלט אונטער אַן אַנדערן הימל? דער לייטער וועט שוין סייווי נישט נוצן. ער טויג שוין צו גאַרנישט.

קאַלאַהאַראַס אייניקלעך

אַרטור האָט אויסגעמיטן דעם זונס אויגן, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ האָט ער געמורמלט שטיל, אָבער דייטלעך:

— דער לייטער וועט נאָך נוצן, אונטער אַן אַנדערן הימל אויך, זיי וועלן נאָך טויגן קאַלאַהאַראַס אייניקלעך...

פּאַריז, סעפּטעמבער 1968

ווי פנימער קאָנען אָפּנאַרן

זינט עטלעכע טעג גייט די אַלטע מאַרטע אַרום, ווי אָן אַ קאָפּ. דאָס תמיד מילדע פנים פאַרקרימט, ווי ס׳וואָלט איר דער בויך ווײ געטאָן, די ליפּן פאַרשנורעוועט נישט אַרויסצוכאַפּן זיך מיט קיין איבעריק וואָרט — אָנגעברוגזט אויף אַלעמען, אפילו אויף באַלבינקען, אויף איר צוממיינסטן.

געוויינלעך ביי אַזעלכע געלעגנהייטן ווערט מאַרטע אויפגעלעבט. אַז ס׳איז אַ שטיקל שמחה ביי אירע בעלי־בתים — אַ געבורטס־טאָג, אַ נאָמענס־טאָג, אָדער סתם אָן אויפנאַמע, צעשפּרייט זי אירע אַלטע פליגלען און אָט זעט, אַז איך קען נאָך פליען הויך. זי האָט ליב צו ווייזן וואָס זי קען, און קענען קען זי נאָך אַ סך — מאַכט די בעסטע קוכנס און קאָנפיטורן פון אַלע מינים, אירע אַלטע הענט מאַכן צומאָל ווײַן פון ווילדע רויזן, וואָס האָט זיך געשאַפן אַ גרויסן שם. און צוואָס וואָלט איר, מאַרטען, געטויגט דאָס אַלטע לעבן, ווען מענטשן וואָלטן פון איר מ׳י נישט געהאַט קיין הנאה? זי שעפּט נחת, ווען זי קוקט ווי די געסט קוויקן זיך מיט אירע מאכלים, זי ווערט ממש ייִנגער. אפילו אויף בורעקן האָט זי ליב צו קוקן בשעת ער באַלעקט זיך מיט די איבערבלייבעכצן, וואָס זי טראָגט אים אונטער.

דאָס טאַקע און נישט זיין היניטיש מזל איז גורם געווען, אַז בורעק זאָל ווערן אַ בן־בית; דער הונט האָט פון אָנהויב ביי מאַרטען נישט שטאַרק נושא־חן געווען, ער איז איר געווען פאַרדעכטיק: אַ שמוציקער הונט, אַ נאָ־ונדניק האָט זיך פאַרשלעפּט צו איר אין גאָרטן און אַוועקגעלייגט זיך פאַר דער טיר פון דער קיך. אַז ס׳איז מיט אים עפּעס אויסטערלישעס פאַרלאָפן איז קענטיק געווען: די פעל צעריסן, איין פוס אַ הינקנדיקער, דער פּיסק אַ פאַרגאָוועערטער, ווער ווייסט וואָס פאַראַ שטיקל ער האָט אָפּגעטאָן? אפשר עמעצן צעביסן און דערפאַר באַקומען אַזאַ פּסק? אָבער דערביי איז זי, מאַרטע, נישט געווען, מ׳טאָר נישט אַרויסטראָגן קיין משפט, אויב מען ווייסט נישט וואָס און ווען. און אפשר איז

ער גאָר אַ קרבן פון מענטשלעכער אכזריות, אָדער אָפּגעקומען פאַר פרעמ־
דע און נישט זיינע זינד? נאָר אַלצאיינס, שולדיק, צי נישט, אַ לעבעדיק
באַשעפעניש דאַרף עסן. און אַז מאַרטע האָט געזען ווי דער היימלאָזער,
קראַנקער הונט האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער פאַרציע, וואָס זי האָט
אים צוגעוואָרפן און מיט וואָסער אַפּעטיט ער שלינגט די רעשטלעך פון
אירע געקעכצן, איז דאָס באַשעפעניש איר סימפּאַטישער געוואָרן. זי האָט
פונדעסטוועגן געפּרוווט אים אָפּטרייבן, נאָר אַ נעכטיקער טאָג; דעם הונט
האָט שטאַרק געפעלן אירע קעסט און זיך איינגעעקשנט צו בלייבן. און
אַז געבליבן, דאַרף מען זיך פאַרנעמען מיט אים. מאַרטע האָט אים גע־
מאַכט אַ באַד, אַרומגערייניקט, אויסגעשמירט די ווונדן, פאַרוויקלט מיט
אַ שמאַטע דעם קראַנקן פוס, אַ נאָמען געגעבן אים און געמאַכט פון אים
אַ לייט — אַ בעלי־ביתישן הונט.

אַ שטיקל טראַדיציע האָט זי געהאַט אין די עניִים. אַמאָל שוין גע־
האַט אַדאָפּטירט אַ טויב מיט צעבראָכענע פליגלען. זי, מאַרטע, פאָדערט
צומאָל נישט מ'זאָל איר אָפּצאָלן מיט צוגעבונדנקייט, האָט נישט גענומען
דער טויב פאַר אומגוט, ווען זי האָט זי דערנאָך פאַרלאָזן, כאָטש זי האָט
זיך צוגעוווינט צו איר. צוויי וועווערקעס פון גאָרטן קומען ביזן קיך, עסן
איר אַרויס די ניסלעך פון האַנט. ווי גיך זיי שטאָפּן זיך אָן די פּיסקלעך,
אַנטלויפן זיי. זי נעמט זיי דאָס אויך נישט פאַר אומגוט, כאָטש זיי וואָלטן
געמעגט האָבן צוטרוי צו איר. זי פאָדערט בלויז אַ ביסל מענטשלעכקייט
ביי אירע דערצויגלינגען, איין באַשעפעניש זאָל נישט אָנשטיין אויפן אַנ־
דערן. די וועווערקעס קאָרמעט זי אין קעגנוואַרט פון בורעקן, האַלט אים
לעבן זיך און קוקט אים אין די אויגן — צי צינדט זיך אַמאָל דאָרט נישט
אָן עפּעס אַ חיהשע כוונה? — בורעק אַנטווישט זי נישט, זיין אויפפירונג
איז עכט מענטשלעך, אפילו לגבי דער קאַץ. און מאַרטע האָדעוועט צומאָל
אַ קאַץ, כאָטש דער קעצישער מין איז איר אַמאָל נישט געווען צום האַרצן,
צוליב די קעצישע אויגן. זי, מאַרטע, האָט אין זיי געזען פאַלשקייט, איר
קאַץ איז אָבער אַן אויסנאַם.

די אַלטע מאַרטע האָט פאַר אַלעמען צייט. זי האָט ליב ווען עס קו־
מען געסט, זי זאָל דאַרפן גרייטן כיבודים. ס'זענען איר ליב די שטוב־
חיות, כאָטש זי האָט נישט וויניק אַרבעט מיט זיי — זי איז אַלעמען
געטריי. צו וואָס דען לעבט זי? צו באַדינען און תפילה טאָן צו גאָט.

ווי פנימער קאָנען אָפּנאַרן

ביידע זאַכן טוט זי מיט האַרץ, נישט אַבי אָפּצופּטרן, נאָר פּינקטלעך, מיט געטריישאַפט.

געטרייער פון אַלעמען איז מאַרטע באַלבינקען. ווען נישט איר געטריי האַרץ און אירע אַרבעטזאַמע, געניטע הענט, ווער ווייסט צי באַלבינקע וואָלט היינט אויסגעזען אַזוי־אַ? די אַלטע מאַרטע האָט ליב זיך אומצוקערן אין אירע מחשבות צו די צייטן מיט 16 יאָר צוריק: זי געדענקט גוט יענעם זונטיק. אוי, האָט איר דאָס פאַרדראָסן! איר בעל־הבית, דער מאַטעמאַטיק־פּראָפעסאָר איז אַוועק מיט דער פרוי גאַנץ פרי און צוריקגעקומען מיט אַ בלאָנד מיידעלע. ביידע זענען שוין איבער די פופציקער, נאָר נישט דאָס האָט איר פאַרדראָסן, זייער זאַך, זיי האָבן אָבער געמעגט איר פריער זאָגן וועגן דעם. פּלוצלינג אַריינגעבראַכט אַ קינד אין שטוב, פּונקט צו מיטאָג, און געגרייט האָט זי בלויז פאַר זיי ביידע. גוט נאָך וואָס דאָס מיידעלע איז איר גלייך צוגעפאַלן צום האַרץ — אַזאַ בלאָסינקע, און האָר ווי לײַן אויפן פעלד. וואָס וואָלט זי געטאָן, ווען זיי וואָלטן גענומען אַ קינד מיט שוואַרצע קודלעס? עס געשעט דען היינט נישט? וויניק זיך אָנגעהערט? יענע זענען אויך לעבעדיקע באַשעפענישן, אָבער נישט דאָס זעלבע, דערצו איז די קליינע אַ שטילינקע, אַן אויסגעמאָגערטע. דער פּראָפעסאָר האָט איר געזאָגט: „מאַרטע, מען דאַרף זיך מיט באַלבינקען גוט פאַרנעמען, צוהיטן זי, איך רעכן אויף אייך". וואָס דען? ער האָט געזאָלט נישט רעכענען אויף איר? ווי וואָלט זי געקאָנט טאָן אַ קינד אַן עוולה? אַ יתומה דערצו? אַזאַ דאַרינקע, אַ רחמנות געוועזן צו קוקן דערויף; די באַלעבאָסטע אַ גאַנצן טאָג נישט אין שטוב, ווי וואָלט זי געהאַט צייט צו איר? נו, וואָס האָט זי, מאַרטע, געמאַכט פונעם קינד? אַ מויד אַ בליאַסק! פון הימל איז דאָס נישט אַראָפּגעפאַלן, צוגעהיט זי ווי אַן אויג אין קאָפּ, געקעכלט ווי אַ פּרינצעסין — באַלבינקע וויל דאָס, איז דאָס, זי וויל יענץ, איז יענץ, איז פון דעם זדעכליאַק אויסגעוואַקסן אַ מויד ווי אַ יונגע סאָסנע. וועמען האָט זי דאָס צו פאַרדאַנקען אויב נישט איר, מאַרטען?

מאַרטע האָט זיך נישט צו באַקלאָגן אויף באַלבינקען. דאָס מיידל האָט זי פון אָנהייב אָן ליב דאָס לעבן. „באָבע, באָבעשי", אַנדערש רופט

אפגעריסענע צווייגן

זי זי נישט, און אין פייער און וואַסער וואָלט זי געגאַנגען פאַר איר. איין זאַך בלויז האָט מאַרטע נישט געקאָנט פועלן ביי איר — זי זאָל מיט איר גיין אין קלויסטער, אָבער זי ווייסט, אַז ס'איז צוליב אירע בעלי־ביתים, זיי האָבן אַ גוט האַרץ, אָבער אַ ליידיקס, האָבן נישט קיין גאָט אין האַרצן. זי האָט געוואָלט אויסלערנען די קליינע אַ תפילה — אומזיסטע טירחה געווען, דער פעטער דערלויבט נישט און באַסטאַ! נישט איינמאָל באַקומען פון פּראָפעסאָר אַ גאַב דערפאַר. פונדעסטוועגן האָט זי דאָס מיידל ווייטער ליב געהאַט און ביסלעכווייז איז זי איר געוואָרן ווי אַן אייגן קינד. היינט שוין אַ געלערנטע, מאַרטען איז טיילמאָל געוועזן אַזש איבער דער טבע זי צו דוצן, אָבער באַלבינקע האָט זיך געהאַלטן ביי אירס: „ביסט מיין באָבע, דאַרפסטו זיין מיט מיר אויף דו".

דערפאַר איז זי איר אַזוי איינגעבאַקן אין האַרץ. זי, מאַרטע, ווערט אַלע מאָל עלטער, אָבער שווינט נישט אירע כוחות פאַר איר — ס'קומט יונגוואַרג, איז באַלד כיבוד, דאַרף מען אַ גאַנג מאַכן, לויפט זי, צו איר נאָמענס־טאָג גרייט זי פון שענסטן און בעסטן. ווועמען דען האָט זי אויף דער עלטער וואָס זאָל זי אַזוי ליב האָבן און איבערגעגעבן זיין?

צו דער איצטיקער שמחה אָבער איז מאַרטע קאַלט, ס'לייגן זיך איר נישט די הענט, ס'איז קענטיק, אַז אַלץ איז איר דערווידער. גייט אַרום און בורטשעט, קוקט נישט באַלבינקען גלייך אין די אויגן, כאַטש דאָס מיידל איז אַרויפגעפאַלן אויף איר, געקושט זי און אָנגעזאָגט די בשורה: אין דריי וואָכן אַרום איר חתונה. מיט וועמען? די באָבע שטויסט זיך נישט אָן? ניין, זי האָט זיך נישט אָנגעשטויסן, אַזוי פיל קומען אַהער.

— מיט הער קוביצקי.

— מיט וועלכן קוביצקי?!

— מיטן מאַטעמאַטיקער, דער וואָס קומט שטענדיק צו אונדז.

— מיטן פּראָפעסאָרס געהילף? מיט יענעם... מיטן שוואַרצן?

— יאָ, מיט דאָקטער קוביצקי, ער געפעלט דיר נישט?

— אַ שוואַרצער, אַ נידעריקער, מיט אַזאַ... און דאָס געפעלט דיר?

באַלבינקע האָט געלאַכט, מאַרטע האָט פון יענעם טאָג אָן נישט געלאַכט, אַרומגעגאַנגען ווי זי וואָלט זיך מיט עפּעס אַ פאַרדאַרבענער שפּייז

פאַרסמט דעם מאָגן. עטלעכע טעג האָט זי געשוויגן, אינעווייניק האָט אָבער געטאָטשעט אַ וואָרעם, באַלבינקע האָט דאָס בפירוש געפילט. זי האָט אָפּגעוואַרט אויף אַ געהעריקע מינוט און אַריין צו דער באָבען אין קיך. די אַלטע מאַרטע האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן, באַלבינקע איז נישט אָפּגעטראָטן, אַ גלעט געטאָן איבער די שיטערע, גרויע האָר. מאַרטע האָט נישט אויסגעהאַלטן און אויסגעפּלאַצט :

— אַזוי פיל אונדזעריקע דרייען זיך אַרום דיר און דו האָסט געמוזט אויסקלייבן אַזעלכן, אַ . . . אַ ייִד.

— באָבע, ער איז נישט קיין ייִד, ווען אפילו יאָ. אָבער ער איז נישט, אַן אמתער קאַטאָליק, זעט נאָר אויס אַזוי, פּונקט ווי איך . . .

זי האָט זיך פאַרהאַקט, אָבער האָט זיך אויף דער הייסער מינוט באַשלאָסן :

— ער איז נישט קיין ייִד, אָבער איך בין אַ ייִדישקע.

מאַרטע האָט זיך אויפגעריסן, איבערגעצלמט , איינגעקוקט זיך אין באַלבינקען און אָנגעצונדן זיך :

— אַלצאיינס מיר וואָס ער איז, נאָר דו רעד נישט קיין נאַרישקייטן וועגן זיך, מאַך נישט קיין חוזק פון דער אַלטער מאַרטע !

— כ׳מאַך נישט קיין חוזק, ס׳איז אמת. מיין טאַטע, מיין מאַמע געווען ייִדן, נאָך דער מלחמה געווען אין אַ ייִדישן יתומים־הויז, אַלע ווייסן, הער קוביצקי דער קאַטאָליק אויך.

מאַרטע האָט זיך ווידער איבערגעצלמט און שטיל אַרויסגעמורמלט :

— ווי פּנימער קאָנען דאָס אָפּנאַרן.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שטיל אַרויסגעשטאַמלט :

— זאָל אייך גאָט האָבן אין זיין גענאָד.

וואַרשע, דעצעמבער 1963

אויף קבר-אבות

ס'האָט געבלאָזן אַ קאַלטער, בייזער ווינט. אַ דינער שיכט נאַסער שניי האָט באַדעקט דאָס פעלד. איבערן בית־עולם איז דער הימל געהאָנגען אַ נידעריקער, אַ גרויער, אַ דראָענדיקער. שרה איז געשטאַנען אין מיטן פעלד, ווי צוגעשמידט צום אָרט; די אויגן איינגעגראָבן אין די איינגעפאַלענע בערגלעך ערד, אַנגעשפּאַרט אין איר פריינט, האָט זי אויסגעזען, ווי זי וואָלט פאַרגליווערט געוואָרן פון קעלט און צער.

ווען שרה איז אין אַ זונטיקדיקן סוף נאָוועמבער־טאָג אַראָפּ פון צוג, האָט דאָס האַרץ זיך פאַרקלעמט ביי איר ביז ווייטיק. דער ווייטיק איז אָבער געווען געמישט מיט עפּעס אַ מין אומבאַקאַנטער פרייד: זי איז פאַרט אַנגעקומען אַהער! „וויפל יאָר ווי איך האָב נישט באַטראָטן דאָ די ערד?" זי האָט שטיל געחשבונט: „ווי ס'וואָלט נעכטן געווען און אַזוי לאַנג שוין". זי האָט געוווסט, אַז זי האָט דאָ נישט וועמען צו זוכן צווישן די לעבעדיקע און פאַרט האָט עס אַזוי אויסטערליש געצויגן אַהער. וואָס? די חרובע היים? די קברים? די שטיינער פון גאַס? זי ווייסט אַליין נישט וואָס, אָבער ס'האָט אומאויפהערלעך אי געצויגן, אי געשראָקן.

זי האָט איצט דערפילט ווי גוט ס'איז געשען וואָס יוסף איז מיטגעקומען מיט איר. ס'איז זייערביידנס געבורטס־אָרט. פאַרוואָס האָט ער זי אַזוי שטאַרק אָפּגערעדט? ער האָט געבעטן איר מאַן זי אָפּצוהאַלטן. זי האָט זיך אָבער איינגעעקשנט און ער, יוסף, איז לסוף איינגעגאַנגען זי צו באַגלייטן. איצט איז זי אים אין האַרצן נאָכמער דאַנקבאַר דערפאַר: מיט אים וועט איר היימלעכער זיין. ער זעט אויס אַנגעברוגזט, נאָר זי ווייסט, ס'וועט אים דורכגיין; זי קען אים גוט, ער קאָן נישט זיין לאַנג

אַנגעכמורעט, ער האָט זיך אַ ביסל געענדערט און אין תוך געבליבן דער זעלבער, שיט היינט אויך מיט וויצן — ווו יוסף, דאָרט מוז מען לאַכן.

שרה איז געבליבן שטיין אויפן פּעראָן און אַרומגעקוקט זיך, ווי זי וואָלט עמעצן געזוכט. אַ פּייכטער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן אין פּנים. יוסף האָט געהאַט אַ זויער־קאָמישע מינע. ער האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון מאַנטל.

— האָסט זיך אויסגעקליבן אַ צייט צו גיין אויפן בית־עולם! אויף קבר־אבות גייט מען, ווען ס'איז וואַרעם, האָט ער מיט פאַרוואורף און פאַרט גוטמוטיק איבערגעחזרט דאָס, וואָס ער האָט איר שוין געהאַט נישט איינמאָל געזאָגט אין וואַרשע.

— מען קלייבט זיך דען אויס אַ צייט צו שטאַרבן? וואָס זאָל איך טאָן, אַז מיין מאַמע איז געשטאָרבן אין ווינטער? אין אַזאַ טאָג ווי היינט; יעדעס יאָר פלעגן מיר צו יאָרצייט גיין אויף איר קבר אין אַזאַ וועטער, דאָס ערגסטע וועטער האָט נישט אָפּגעהאַלטן.

— ביסט אַזוי לאַנג נישט געווען, וואָלסטו געקאָנט צוואַרטן ביז פרילינג.

— דו ביסט פאַרבליבן דער זעלבער, געענדערט זיך און דער זעלבער. האָסט אַמאָל אויך אַזעלכע זאַכן נישט פאַרשטאַנען. איך האָב זיך שוין קוים דערוואַרט, צוליב דעם אַזוי געאיילט זיך מיטן צוריקקומען, כ'זאָל צו דער צוואַנציקסטער יאָרצייט זיין אויף דער מאַ־מעס קבר.

וואָס פאַר שרהן איז געווען דער מאַמעס קבר, האָט נישט יעדערער געקאָנט פאַרשטיין. ווען איר מאַמע איז אין 1936 געשטאָרבן, איז שרה אַלט געווען 16 יאָר. רבקה גאָלד איז פריצייטיק אַוועק פון דער וועלט. פלוצלינג. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זי באַוויינט און באַגלייט צו דער אייביקער רו. „אַזאַ לוויה האָט נאָך די שטאָט נישט געזען" — האָט מען דעמאָלט געזאָגט. די 16־יעריקע שרה האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט דער מאַמעס טויט. דער אָנדענק פון דער געשטאָרבענער איז פאַרבליבן לעבעדיק. אין איר צימער האָט זי צונויפגעזאַמלט אין שאַנק אַלץ, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט און וואָס דערמאָנט די מאַמע. נישט דער טאַטע און נישט די מומעס האָבן זי געקאָנט אָפּציען פון דעם.

אויפן קבר פון רבקה גאָלד האָט די משפחה געלאָזט אויפשטעלן אַ

אויף קבר־אבות

גרויסע, שיינע מצבה פון שוואַרצן מאַרמאָר — אַן אויסגעהאַמערטער, צעבליטער, אונטערגעהאַקטער בוים. די מצבה איז געשטאַנען אין סאַמען מיטן בית־עולם, באַשיינט אַלע קברים אַרום זיך. ביז שפּעט אין האַרבסט האָט שרה צוזאַמען מיט אירע צוויי ייִנגערע ברידער צוגעהיט די בלומען אויפן קבר.

אַזוי איז דאָס געווען ביז סוף זומער 1939.

אַז שרה האָט געדאַרפט אָפּפאָרן אויף עטלעכע וואָכן צו דער מומען קיין לעמבערג, איז זי עטלעכע שעה פריער אַוועק אויף דער מאַמעס קבר. ווי אַזוי פאָרט מען אַוועק אָן זיך צו געזעגענען מיט דער מאַמען? דאָרט, אין לעמבערג האָט די מלחמה איר פאַרשטעלט דעם וועג צוריק, זי האָט זי גיך פאַרוואָרפן אין דער טיף פון שכנותדיקן לאַנד. יאָרן זענען פאַרביי, די בענקשאַפט אַהיים איז נישט פאַרביי, נישט אויפגעהערט צו נאָגן דאָס האַרץ, ס׳האָט געטריבן, געיאָגט צוריק.

— האָסט אויסגעפירט, כ׳האָב אויפגערודערט דעם גאַנצן רעפּאַטריאַציע־אַמט, אַלץ דערליידיקט, מיר וועלן איצט זיין פון די ערשטע אין נייעם שטראָם, האָט איר מאַן איר אָנגעזאָגט די בשורה.

ער האָט איר אָפּגעצאָלט אַ חוב, מיט יאָרן צוריק האָט ער פאַרשפּעטיקט. שרה האָט אים אַרומגעכאַפּט, געווען אויסער זיך פון פרייד:

— לאָמיר וואָס פריער, וואָס פריער!

— כ׳האָב מורא, אַז דו איילסט זיך צופיל, קיינער וואַרט דאָרט אויף אונדז נישט, און מען דאַרף אונדז דאָרט נישט מער ווי דאָ.

ער האָט ביי דער געלעגנהייט געוואָלט זי צוגרייטן:

— פון מיין משפחה איז קיינער נישט געבליבן, ס׳וועט נישט לייכט זיין, און אפשר וועט מען דאַרפן זיך גלייך נעמען ווייטער גרייטן אין וועג? אַזוי וועט מסתמא טאָן ס׳רוב רעפּאַטריאַנטן. וואָס וועט אונדז דען דאָרט האַלטן?

שרה האָט געוווסט, אַז אויך איר גאַנצע משפחה איז אומגעקומען. נאָך בעת דער מלחמה איז צו איר דערגאַנגען די ידיעה, אַז איר פאָטער איז געווען צווישן די ערשטע יידן, וואָס די דייטשן האָבן דערשאָסן אויפן אַלטן בית־עולם און אַריינגעוואָרפן אין אַ געמיינזאַמען קבר. זי פלעגט זאָגן:

— דאָרט האָבן מיר אונדזערע קברים, מ׳וועט כאָטש קאָנען גיין אויף קבר־אבות.

אַפּגעריסענע צווייגן

★

ווען שרה איז איצט צום ערשטן מאָל אָנגעקומען מיטן צוג פון וואַרשע אין איר געבורטס־אָרט, האָט זי זיך נישט פאַרגינט פריער צו גיין אָנקוקן דאָס שטעטל, די גאַס, דאָס הויז, וווּ זי איז געבוירן און אויפ־געוואַקסן. גלייך פון וואָקזאַל האָט זי זיך פאַרנומען צום נייעם בית־עולם, וואָס אויסערן שטאָט.

— וואָס איז די איילעניש? מ׳וועט פאַרשפעטיקן? האָסט זיך אָפּ־גערעדט אויף אַ ראַנדעוווּ מיט די טויטע? מיט לעבעדיקע ביסטו אויך אַזוי פּינקטלעך געווען? געדענקסט ווי דו פלעגסט זיך פאַרשפעטיקן?

יוסף האָט זי געצויגן אין אַן אַנדערער ריכטונג. זאָל מען זיך צוכאַפּן פריער צו דער אַמאָליקער קאַוויאַרניע, דאָרט ביים גאָרטן, וווּ ער פלעגט וואַרטן אויף איר, מ׳וועט גיין אָנקוקן די גאַס, די שכנותדיקע הייזקעס.

— ניין, ניין, דער ערשטער וויזיט קומט דער מאַמען, קודם וועט מען גיין אויף דער מאַמעס קבר, כ׳וועל אָוועקלייגן די בלומען — האָט זי געוויזן אויפן היפּשן בוקעט, איינגעוויקלט אין גלאַנץ־פּאַפּיר — צו דער יאָרצייט פלעגן מיר שטענדיק גיין אינדערפרי.

שרה האָט גוט געקענט דעם וועג צום נייעם בית־עולם. „מיט פאַר־בונדענע אויגן וואָלט איך אַהין געטראָפן״. זי האָט איצט געמומען איר יוגנט־פריינט אונטערן אָרעם, ווי זי וואָלט אים געוואָלט ווייזן, אַז זי קען בעסער דעם וועג פון אים. ער האָט זיך אונטערגעגעבן. זיי האָבן דורכגע־האַקט דעם שטעטלדיקן גרויסן פּלאַץ, וואָס האָט אויסגעזען פאַריתומט, פאַרוואָרלאָזט. זיי האָבן זיך קוים אַרומגעקוקט, געוואָרפן בלויז דאָ און דאָרט אומעטיק־פאַרבענקטע בליקן, פאַרנומען זיך אויף לינקס, אויפן זייטיקן וועג, וואָס פירט דירעקט צום בית־עולם.

שרהן האָט דער וועג אויסגעזען זייער לאַנג. זי האָט געקוקט אַרום זיך, געקוקט אין דער ווייט און געוווּנדערט זיך וואָס מע זעט נאָך אַלץ נישט דעם בית־עולם. זי האָט פאַרלוירן די זיכערקייט:

— צי גייען מיר כאָטש גוט? מ׳זעט נאָך אַלץ נישט...

— כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ס׳וועט מסתמא נישט לייכט זיין אָפּ־צוגעפינען, אַלץ האָט זיך געענדערט, ענדערט זיך ווייטער, וועסט זען; בלויז דו האָסט זיך אַזוי ווייניק געענדערט, ביסט פונקט ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ס׳וועט דיר נישט...

זי האָט אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן:

אויף קבר־אבות

— וואָס האָבן די אַלע ענדערונגען צו טאָן מיטן בית־עולם?

— דיר דאַרף מען אַלץ צעקייען און אַריינלייגן אין מויל, ווי אַמאָל. כ׳האָב געמיינט, אַז האָסט זיך אָנגעשטויסן.

ביי שרהן האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן; זי האָט אַרויסגעצויגן די האַנט פון אונטער איר פּריינטס אָרעם, ווען ער האָט פאַרלאַנגזאַמט די טריט. יוסף האָט זיך אויפמערקזאַם אַרומגעקוקט, אָפּגעשטעלט זיך, אַרומגעכאַפּט אויף ס׳ניי מיטן אויג דעם שטח און שטיל געשטאַמלט, ווי זיך אויסצוהיטן זיינע ווערטער זאָלן נישט איבעררײַשן:

— דאָ דאַרף דאָס זיין, יאָ, דאָ.

שרה האָט אין פלוג נישט באַנומען וואָס ער מיינט, יוסף האָט אויפגעכאַפּט אירע דערשראָקענע בליקן און איבערגעחזרט מיט אַזאַ טאָן ווי ער וואָלט זיך אויך געוואָלט פאַרזיכערן.

— מסתמא דאָ; ווו דען אויב נישט דאָ? יאָ, יאָ, ס׳איז דאָ, איך דער־קען בעסער פון דיר.

ער האָט געוואָלט פאַרטרייבן שרהס אומעט:

— זעסט, בריה מיינע, ווי דו אַריענטירסט זיך! וואָלסט דאָך געפונען מיט פאַרבונדענע אויגן. באַרימערקע! וואָלסט געקאָנט לאַנג זוכן. אָט דאָס איז עס, אַלץ, וואָס איז פאַרבליבן.

שרה איז פאַרשטומט געוואָרן, ס׳האָט איר געדוכט, אַז ס׳פאַרפעלט איר אָטעם. מיט צעשראָקענע אויגן האָט זי געקוקט אויפן וויסטן פעלד. איצט האָט זי יוסף גענומען אונטערן אָרעם און אַרויפגעפירט אויפן צע־שטערטן בית־עולם. זיי האָבן פּאַמעלעך געטראָטן איבערן פאַרוויסטן שטח און געזוכט סימנים פון קברים. ערטערווייז האָט פון אונטערן דינעם שיכט שניי און פאַרוועלקטן הויכן גראָז אַרויסגעשטאַרצט אַן אומגעוואָרפענע, אָרעמע, שטיינערנע מצבה. אַנדערשווו האָבן זיך געוואַלגערט לעבן אַן עפענונג קנאכנס, ווי אויסגעדאַרטע שטיקלעך האָלץ. שרה האָט פּלוצלינג זיך אַ טרייסל געטאָן, איר פוס האָט אַרויפגעטראָטן אויף אַ שאַרבן. יוסף האָט זיך אָנגעבויגן, אויפגעהויבן דעם מענטשלעכן שאַרבן און נאָכגעמאַכט ווי האַמלעט האָט פילאָזאָפירט אויפן בית־עולם.

— הער אויף!

זי האָט אים אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל. ביי יוספן איז די סאַרקאַסטישע הייטערקייט פאַרשוווּנדן. זיי האָבן ביידע געשפּאַנט ווי פרישע אבלים, צוגעקומען צום צווייטן עק בית־עולם. דאָ זענען פאַרבליבן דייטלעכע שפּורן פון דער אַמאָליקער אַרומצוימונג. דער איינגעמויערטער, איינגעגראָ־

אָפּגעריסענע צווייגן

בענער ווינקל־זייל צעלעכערט, צעהאַקט, קענטיק מ׳האָט געוואָלט אים צעקלאַפּן, אַרויסרייסן פון דער ערד.

— קום דאָרט, האָט שרה אַרויסגעמורמלט, ווייזנדיק אויף דער מיט פון בית־עולם.

זיי האָבן זיך פאַרנומען אויף צוריק, אָפּגעשטעלט זיך ביי אַ גרוב, אַ ליידיקן קבר.

— וואָס האָט מען דאָס אויפגעמאַכט? ווו איז אַהינגעקומען דער...?

יוסף האָט אומעטיק געקוקט אויף איר און אָפּגעריסן זי פון אָרט. זיי האָבן זיך ווידער אָפּגעשטעלט, אין סאַמען מיט. שרה האָט געפירט מיט די בליקן, געזוכט, געפאָרשט, געוואָלט דערקענען. דאָ און דאָרט האָט זיך אַ ביסל אַרויסגעהויבן אַ פלאַך בערגל ערד איבער די איינגעזונקענע קברים. אין שרהס דמיון איז כסדר געשטאַנען אין מיטן בית־עולם די שיינע מצבה אויף דער מאַמעס קבר, אָבער אויף אַן אַנדערן בית־עולם.

— ס׳דאַרף זיין אין דער נאָענט, ערגעץ דאָ, אפשר שטייען מיר אויף דעם אָרט?

זי האָט שטיל געשעפּטשעט און גלייכצייטיק אַנגעשטרענגט דעם זכרון, געוואָלט זיך דערמאָנען עפּעס אַ צייכן, וואָס זאָל העלפן אָפּגעפינען דאָס אָרט, וואָס זי האָט אַמאָל אַזוי גוט געקענט. אומזיסט. דאָס גאַנצע שטיקל ערד אַרום איר האָט געהאַט אַ פרעמדן, אימהדיקן אויסזען; ס׳האָט גאָרנישט נישט דערמאָנט. אַלע איינגעפאַלענע בערגלעך ערד האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין שטיק ערד, אין איין גרויסן, פלאַכן קבר, וואָס שרייט מיט אַ שטום געשריי. שרה האָט דייטלעך געהערט דאָס געשריי פון געשענדעטע קברים. מיט אַמאָל האָט זי דערזען דעם בוקעט בלומען אין איר אָרעם. זי האָט מיט ציטערנדיקע פינגער אויפגעוויקלט דאָס פּאַפּיר, פאַנאַנדערגענומען די בלומען און צעשאָטן זיי אַרום זיך. אפשר וועט אויף דער מאַמעס קבר אויך פאַלן אַ בלום. אַן איינגעקאָרטשעטע, ווי ס׳וואָלט זיך אין איר עפּעס צעבראָכן, איז זי לאַנג געשטאַנען אַנגעבויגן און אַלץ געזוכט מיט די אויגן צווישן די איינגעזונקענע קברים. יוסף האָט זי קוים אָפּגעריסן פון אָרט.

— גענוג, לאָמיר גיין, אויף קבר־אבות טאָר מען נישט בלייבן צו לאַנג, מיט האַמלעטן האָסטו מיר נישט געלאָזט זיך פאַרמעסטן, פאַרפרירן וויל איך נישט.

שרה האָט פאַרלאָזט דעם חרובן שטח מיט פאַמעלעכע טריט און אַ געבויגענעם קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך אומגעקערט פון אַ לוויה. ס׳האָט

זיך איר געדוכט, אַז זי האָט אויף ס׳ניי פאַרלוירן די מאַמע, די משפּחה. פּלוצלינג האָט זי בייזלעך אַ קוק געטאָן אויף יוספן:

— פאַרוואָס האָסטו מיר נישט דערציילט דערוועגן?

— אַז דיר דאַרף מען אַריינלייגן אַ פינגער אין מויל. וויפל מאָל האָט מען זיך דערציילט אין דיין אַנוועזנהייט, אַז די בית־עולמס זענען צענישטערט, אַרומגעריסן, אַרומגעציפּט, אַז נאָך איצט קומט מען שאַ־ברעווען.

ער איז געוואָרן ערנסטער:

— איך האָב זיך אויך נישט פאַרגעשטעלט, אַז אַזוי ווייט, געהערט דערציילן און פאַרט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז ס׳זעט אַזוי אויס.

— ווו זענען אַהינגעקומען די מצבות?

— די דייטשן האָבן ברוקירט מיט זיי די שטעלער, הייפן, דערנאָך האָבן אַנדערע פאַרענדיקט, מע גנבעט, צעשלעפּט ווייטער.

— און דער אַלטער בית־עולם?

יוסף האָט נישט קיין חשק געהאַט צו דערציילן. וועגן גורל פון אַלטן בית־עולם האָט ער יאָ געוווּסט געניי, געוואָלט אָפּקומען מיט צוויי ווערטער:

— נאָך ערגער.

— מירן צוגיין, מיין טאַטע, די דערשאָסענע יידן; קום, ס׳איז נישט ווייט, כ׳וועל אפשר מער קיינמאָל אַהער נישט קומען.

— לאָז אָפּ! גענוג אויף היינט.

— דאָרט ליגן אויך מיין מאַמעס עלטערן, אין אַ משפּחה־קבר, כ׳בעט דיך. קיין לעבעדיקע זענען נישט געבליבן, וויל איך כאָטש באַזוכן די טויטע, זאָל זיין אַן קברים, אַן מצבות.

— דאָרט זענען קיין טויטע אויך נישטאָ.

— אָבער דאָס פעלד פון בית־עולם, כ׳וויל צוגיין!

— קיין פעלד אויך נישטאָ.

— וואָס דען איז דאָרט?

— ס׳שטייען דאָרט הייזער, נייע, אַ שולע...

דער ווינט האָט אויפגעהערט בלאָזן, די אַנגעיאָגטע קעלט איז גע־בליבן שטעקן אין שרהס לייב, אין דיביינער.

אָפּגעריסענע צווייגן

— מיר וועלן גיין אַ ביסל גיכער, ביסט פֿאַרפֿרוירן.

— ניין, פֿון דאַנען גייט מען נישט גיך.

זיי זענען פֿאַמעלעך געגאַנגען צוריק אין שטאָט. די זון האָט פֿון דרום זייט געפּרוווט דורכרייסן דעם גרויען שפּינוועבס איבערן הימל, פֿון מאָל צו מאָל אַרויסגעשטעקט אויף אַ רגע אַ בלאַס פּנים. די נאַקעטע ביימער פֿוןביידע זייטן וועג האָבן שטיל געזאָגט קדיש. שרה האָט דאָס בפירוש געהערט. די אַרומיקע ווינטערדיקע שטילקייט האָט געוויינט. בלויז די צוויי וואַנדערנדיקע האָבן געשוויגן. יוסף האָט זיך שטומערהייט אויסגע־מוסרט, וואָס ער האָט זיך געלאָזט אַנרעדן. שרה האָט די ערשטע, שוין זייענדיק אויפֿן ראַנד פֿון שטאָט, זיך אָפּגערופֿן:

— מיר האָבן דאָ אפילו קיין קברים נישט.

וואַרשע, נאָוועמבער 1958

Benn

דאָס חנוכה-לעמפּל

פון דער סעריע: הײנטצײטיקע מאַראַנען

ס׳זענען אַװעק עטלעכע יאָר װי דאָס חנוכה־לעמפּל איז געשטאַנען אין װאַנט־שאַנק, אױבן, אױף דער לעצטער פּאָליצע, דאָרט װו אַננע לײגט אָפּ נישט נױטיקע זאַכן. ס׳איז געשטאַנען פאַררוקט אין אַ װינקל, װי ס׳װאָלט אױסבאַהאַלטן געװען פאַר אַ מענטשלעך אױג. נישט אַננע און נישט זיגמונט האָבן געדענקט, אַז ס׳איז װען געװען אַ רײד דערװעגן.

דערמאָנט אַננען אין דער גאַנצער געשיכטע האָט רישעק. אין יענעם טאָג האָט זי זיך אױסגעקליבן מיט איר 7־יעריקן זון אײנקױפן צו די נײ־יאָר יום־טובים. מיט רישעקן דױערט עס לאַנג, ער מוז זיך אָפּשטעלן פאַר יעדן געשעפט, מוז אַלץ באַטראַכטן און װעגן אַלץ אױספרעגן: װאָס איז דאָס אַזעלכעס? און יענץ װאָס? צװואָס נוצט דאָס? צװואָס יענץ?

אַננע איז צוריקגעקומען אַ דערשלאָגענע. רישעק האָט איר דערמאָנט אין פאַרשטעקטן חנוכה־לעמפּל. ס׳האָט איצט אױף ס׳נײ אױפגעטױכט אין איר דמיון דאָס פּאַרװױסטע שטעטל. װי לאַנג איז שױן װי זי האָט זיך געלאָזט אַהין?

זי האָט זיך דערמאָנט. ס׳איז געװען סעפּטעמבער 1949. אַ פּױלישער גאָלדענער האַרבסט־טאָג. זי האָט מער נישט געװאָלט אָפּשלעפּן, אױסגעקליבן זיך אָן קײנעמס װיסן. װאָלט דער מאַן געװוסט, װאָלט ער זי װידער אָפּגעהאַלטן. בסך הכל אַ 70 קילאָמעטער פון װאַרשע און זי קלײבט זיך זיבנט יאָרן אַהין. דאָס מאָל האָט זי אָפּגעמאַכט בײ זיך: קײנעמען נישט דערצײלן, װעט קײנער נישט אָפּרעדן. האָט זי דען בעת דער מלחמה װײניק געפּערלעכע װעגן דורכגעמאַכט אַלײן? און אפשר װעט זי דאָרט עמעצן געפינען? פון די איריקע קײנעמען נישט, זי װײסט. דאָס שטעטל איז אָנגעפּראָפּט געװען מיט יידן, אַזױ פיל יונגװאַרג, זאָל דאָס מעגלעך זײן, אַז קײנער זאָל זיך נישט האָבן צוריקגעקערט? זי װעט נאָכפרעגן,

אַפּגעריסענע צווייגן

זי וויל אויך וויסן ווי אַזוי, ווען ס׳איז געשען, זאָל זי נאָר אָנקומען אויפן אָרט.

דער הימל איבערן שטעטל איז געהאַנגען אַ זומערדיק בלויער, אַזאַ העל־בלויער ווי אַמאָל ווען זי פלעגט אַלס סטודענטקע בעת די זומער־פעריען קומען פון וואַרשע; די זון האָט געשיינט גינגאָלדיק ווי אַמאָל, נאָר דאָס שטעטל איז נישט ווי אַמאָל. קיין זכר נישט פון קיין ייד. בלויז די פאַרמאַכטע מיט אייזערנע שטאַבעס פראָנטאָווע, טאָפּלטע טירן זאָגן עדות, אַז דאָ זענען אַמאָל געווען יידישע קליטלעך, און די פוירהעגעלעך אין די אַמאָליקע שטעטלדיקע שוי־פענצטער, די בלומען־טעפּלעך אויף די פּאַראַפּעטן זענען סימנים, אַז די יידישע הייזער און הייזקעס זענען באַוווינט פון אַנדערע איינוווינער.

אַננע האָט געשפּאַנט איבער גאַסן און געסלעך און מיט אומעט אין די אויגן געקוקט, געזוכט. זי האָט געזוכט איר אַמאָליק שטעטל. צי איז זי זיך נישט טועה? צי איז זי דאָ אויסגעוואַקסן? צווישן די־אַ שטומע, גרויע גאַסן און הייזקעס? ניין, נישט קיין טעות. זי דערקענט נישט און דערקענט פאָרט. אָט דאָ דערנעבן אַמאָל געווען די ביבליאָטעק, פון דער צווייטער זייט — דער יוגנט־קלוב, ס׳האָט גערוישט ווי אין אַ בינשטאָק. דאָרט איז געווען... און דאָרט... יאָ, אַלץ שטייט אויפן אָרט, נאָר דאָס שטעטל איז פאָרט נישט דאָס זעלבע — קלענער, איינגעשרומפּן, איינגעהויקערט, אַלט, אָפּגעלאָזן. אַננע זעט צוויי שטעטלעך: דאָס אַמאָ־ליקע מיטן געפּילדער און רעש, זי הערט דאָרט קלינגען דאָס יידישע לשון, עס טומלט זיך אויפן מאַרק, ער איז פול מיט יידן; אין אַזאַ וועטער זענען די טירן פון די יידישע קליטלעך ברייט צעעפנט, די געוועלבער און געוועלבלעך פאַרבעטן צו זיך, שמייכלען צו אַ יעדן, דורך די פענצ־טער רופט מען זיך איבער, אויף די גאַסן איז לעבעדיק. און זי קוקט איצט אויף אַן אַנדער שטעטל — אַ טריבס, גרויעס, איינגעשטומטס. זי וויל אויסגעפינען אַן ענלעכקייט, זי וויל דערנענטערן דאָס אַמאָליקע שטעטל צום איצטיקן, ס׳לאָזט זיך אָבער נישט. נישטאָ קיין שום ענלעכקייט מיטן אַמאָליקן, פּונקט ווי ס׳איז שווער צו געפינען אַן ענלעכקייט צווישן קראַנקן זקן און דעם יונגן, געזונטן, פריילעכן מענטש, וואָס דער זקן איז אַמאָל געווען.

אַננע וואַנדערט לאַנגזאַם און קוקט זיך אַרום. אין אויג פאַלט אַריין

אַ גרויסע אויפשריפט: „קינאָ”. ווו געפינט זי זיך? ס׳האָט איר געדוכט זי איז אָנגעקומען אין בית־המדרש געסל. דאָ האָט געדאַרפט זיין די שיינע, געמויערטע שול. מענטשן פון ווייט פלעגן קומען באַוווּנדערן די געטאָקטע און געשניצטע געזימסן, די מייסטערשאַפט פון בעלעמער און ארון־הקודש, די אויסגעכישופטע געמעלן אויף די פרוכתן. דאָ האָט זי געדאַרפט שטיין די שול, זי באַגערט איצט מער ווי אַמאָל צוצוקוקן זיך צו דעם וואָס אינעווייניק. אָבער וואָס באַדייט די אויפשריפט? יאָ אָדער נישט יענע אַלטע, גרויסע שול? אָט גייט פאַרביי אַן עלטערער מענטש, ער קאָן וויסן:

— יאָ, יאָ, די „בוזשניצע”, די דייטשן האָבן אויסגעברענט פון אינעווייניק, איצט נישט לאַנג האָט מען איבערגעבויט אויף אַ קינאָ, בייע ציטן געקומען, מ׳וויל מענטשן זאָלן זיך פאַרווײלן. מיידן מיט יונגן לויפן אין קינאָ ווי צום טאַנץ, אפילו באַבעס מיט קינדער, מע שטעקט אַריין די ציץ דעם קינד אין פיסקל און מען קוקט וואָס ס׳טוט זיך אויף דער ווייסער וואַנט. איינמאָל נאָר געווען, איך לאָז זיך נישט אַריינציען אין אַזעלכע זאַכן, ס׳איז ווי בראָנפן, אַז מע לאָזט זיך אַריין, ציט עס, מ׳קאָן זיך נישט אָפּגעווינען.

אַנגע איז אַוועק, געלאָזט זיך ווו די אויגן האָבן געטראָגן. ס׳האָט זי געטראָגן צום הינטערשטעטלדיקן וועג, צום שטיינערנעם שאָסיי. מען האָט איר דערציילט: דורך דאַנען האָט מען זיי געטריבן צו די גריבער. און דורך דאַנען פלעגט זי אַמאָל אין די זומערדיקע אָוונטן לאָזן זיך אויף לאַנגע שפּאַצירן. דאָ פלעגט אַמאָל אין די שבתדיקע אָוונטן הילכן מיט יונגן געלעכטער, מיט געזאַנג. דאָ פלעגן יונגע חברה צווישן די ווייסע בעריאָזעס און גרינע ווערבעס, גיין געאָרעמט שורותווייז, דאָ אויף די זייטיקע סטעזשקעס פלעגן זיך באַגעגענען יידישע מיידלעך מיט בחורים; פאַרליבטע פאָרלעך האָבן זיך דאָ געטוליעט צו זיך, דאָ האָט זי צום ערשטן מאָל אַ קוש באַקומען פון אַ בחור. און דאָ איז געווען זייער לעצטער וועג. דורך דאַנען, צווישן די זעלבע גרינע ווערבעס און ווייסע בעריאַזעס האָט מען זיי געיאָגט צום טויט. דער שיינער, ביי די זייטן מיטביימער אויסגעצירטער, שטיינערנער וועג איז איצט אימהדיק, זי הערט די פאַרשטיקטע יללות. ניין, זי וועט אַהין נישט גיין, אי ס׳איז ווייט, אי דאָס האַרץ קלאַפּט צו שטאַרק.

זי האָט זיך צוריקגעקערט צום ראַנד שטעטל, נישט ווייט פון וואַלד, צום אָרט ווו ס׳איז געהאַט געשטאַנען דאָס הויז פון אירע עלטערן; אפשר

אָפּגעריסענע צווייגן

ווען זי איצט עפּעס דערקענען. פריער האָט זי געזוכט די אַמאָליקע, באַ־ליבטע ווינקלען אין גאָרטן, הינטערן הויז. נישטאָ קיין ווינקלען, נישטאָ קיין גאָרטן, נישטאָ קיין הויז. זי האָט זיך אַנגעבויגן, צונויפגעשאַרט אַ ביסל ערד, צוזאַמענגעדריקט אין האַנט־פּלאַך. זי האָט דערפילט אויף זיך ווייטע בליקן און מעכאַניש אַרויסגעלאָזט דאָס זאַמד פון האַנט. אויפן שוועל פון אַ ווייטלעך אָפּגערוקטער, פּראָוויזאָרישער כאַטע איז געשטאַ־נען אַן עלטערע פרוי מיט די אויגן געוואָנדן צו איר. אַננע האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך דערנענטערט.

— אַ היגע?

— אַ היגע.

— געוווינט דאָ אויך אין דער צייט פון דער מלחמה?

— אין דער צייט פון דער מלחמה און פאַר דער מלחמה, אַ צענ־דליק הייזער זענען אַוועק מיטן רויך, מיינס אויך. דאָרט, ווו איר זענט געשטאַנען — געווען אַ שיין גרויס הויז, אַ יידישס.

— איר האָט זיי געקענט?

— פאַרוואָס נישט? אַלע געקענט.

— איר האָט געקענט די זאַמערשטיינס?

— פאַרוואָס זאָל איך נישט האָבן געקענט די זאַמערשטיינס? פיינע מענטשן געווען, אַזאַ אומגליק אויף זיי, אויף אַלע. אוי, איר זענט זיכער פון די זאַמערשטיינס, מען דערקענט נישט, די יונגע ענדערן זיך מער ווי די אַלטע. גוטע שכנים געווען די זאַמערשטיינס!

— צי ווייסט איר ווי אַזוי מען האָט זיי...?

— פאַרוואָס זאָל איך נישט וויסן? געווען די גאַנצע צייט אויפן אָרט, ס׳האָט אָפּגעברענט ערשט, ווען די דייטשן זענען אַנטלאָפן, אָבער וואָס שטייט איר פאַרן טיר? קומט אַריין, איך פריי מיך, וואָס ס׳איז עמעצער פאַרבליבן פון די זאַמערשטיינס.

די עלטערע פרוי האָט אונטערגערוקט אַננען אַ שטול, געבעטן זיצן, אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ קוישעלע פלוימען, געבראַכט צו טראָגן פון קעמערל אַן ערדערן טעפּל מיט זויער־מילך און צוגעשטאַנען אַננע זאָל זיך מכבד זיין.

— דערציילט מיר עפּעס וועגן זיי פון דעמאָלט. ווי אַזוי...?

די עלטערע פרוי האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן, דער זכרון האָט איר גוט געדינט, האָט דערציילט מיט די קלענסטע פּרטים, גע־שילדערט בילדעריש. אַננע איז געזעסן אַ בלייכע, די אויגן פאַרנעפּלט

דאָס חנוכה־לעמפּל

פון טרערן, די ליפּן פאַרביסן ביז ווייטיק ס׳זאָל דורכן מויל זיך עפּעס נישט אַרויסרייסן פון האַלדז. ס׳האָט איר אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. זי האָט צוזאַמענגענומען אַלע כּוחות, אויפגעהויבן זיך, באַדאַנקט פאַר דער גאַסטפריינטלעכקייט און געזאָגט אַ תּירוץ: זי איילט זיך איצט, וועט נאָך צוריקקומען אויסהערן דאָס איבעריקע. גראָד דעמאָלט, ווען זי האָט געזאָלט פאַרלאָזן די כאַטע, האָט זי דערזען דאָס חנוכה־לעמפּל. ס׳איז געשטאַנען אויפן נאַכט־טישל וואָס ביים בריטן, הילצערנעם בעט. אויפן אָרט פון „שמש״ האָט געשטעקט אַ קליין וואַקסן ליכטל. אַננע איז שטיין געבליבן, נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן.

— איר ווילט עס אפשר פאַר אַן אָנדענק? ס׳האָט זיך ערגעץ גע־וואַלגערט, האָב איך גענומען.

— איך וויל עס ביי אייך אָפּקויפן...

— פאַרקויפן נישט, איך האָב עס נישט געקויפט. עס געהערט אייך און נישט מיר.

דעם גאַנצן וועג האָט אַננע געדריקט צום האַרץ דאָס אין אַן אַל־טער צייטונג איינגעוויקלטע חנוכה־לעמפּל, ווי ס׳וואָלט געווען אַ לע־בעדיק באַשעפעניש — אַן איינציק פאַרבליבענער לעבעדיקער נפש פון אַ שטעטל יידן. געקומען אַ היים, האָט זי דאָס לעמפּל אָפּגערייניקט, אָפּ־געפּוצט און אַוועקגעשטעלט אויבנאָן אויף דער קאָמאָדע.

— וואָס פאַראַ שיינדל האָסטו דאָ אַוועקגעשטעלט?

איר מאַן איז קורץ נאָכדעם אַהיים געקומען און גאָרנישט געוווּסט וועגן איר נסיעה.

— ווו האָסטו דיר איינגעשאַפט דעם אַנטיק?

— פאַר מיר איז דאָס מער ווי אַן אַנטיק, מער ווי אַ שיינדל, ס׳איז דער איינציקער אָנדענק פון דאָרט, נאָך זיי.

— זאָל זיין, אַז אַן אָנדענק, אָבער אַן אָנדענק שטעלט מען דען אויס אויף אַלעמענס אויגן?

— וואָס שאַדט עס דיר?

— עס שאַדט דיר! עס לאָזט דיך נישט פאַרגעסן, און בכלל...

— איך וויל נישט פאַרגעסן, בכלל אויך נישט.

— דאַרפסט ס׳זאָל דיך שטענדיק דערמאָנען?

— ס׳גייט דיר דען נאָר אין דעם?

— ס'גייט אין דעם וואָס מ'קאָן נישט לעבן מיטן נעכטן, מיט דעם וואָס איז געווען און פאַרשוווּנדן, מ'מוז לעבן מיטן היינט, טראַכטן וועגן מאָרגן.

— כ'זע, דאָס לעמפּל זשעבירט דיך, האָסט מורא מ'וועט...

— דו האָסט ליב שטאַרקע ווערטער, איך זאָג נישט „זשעבירט", איך זאָג ס'איז נישט נויטיק.

— מיר יאָ נויטיק.

— זיך צו פאַרמאַכן אין זיך? פאַרגעסט, אַז מיר האָבן אַ קינד, אַ נייע סביבה. דאָס לעבן גייט אויף אַנדערע רעלסן, אונדזער קינד וועט לעבן אינגאַנצן אין אַן אַנדער וועלט. מיר קאָנען אויך נישט לעבן מיט דעם, וואָס ס'איז געווען. ס'איז געווען און מער נישטאָ. דאָס לעבן האָט זיינע געזעצן.

אַנגעהויבן זענען נימאוס געוואָרן די קריגערייען מיטן מאַן. ער פאַרש־וועכט סייווי דאָס חנוכה־לעמפּל מיט זיינע בייזע בליקן. זי האָט עס אַראָפּ־גענומען. אויף ס'ניי איינגעגראָבן אין דעם די אויגן. ניין, ס'איז נישט קיין „שיינדל", אַ ביסל אויסגעבויגן, דאָ אויסגעדרייט, שטעלסט עס אַוועק גיט עס זיך אַ שאָקל ביי יעדן באַריר, פּונקט ווי אַן אַלטער אויסגעמאַ־טערטער מענטש, וואָס וואַקלט זיך אויף די פיס. פאַר מיר איז דאָס אָבער טייערער ווי ס'וואָלט ניי געווען. זיינע גערעדערייען זענען אַ חילול השם, ער וועט נאָך אָנשטעקן רישעקן, בעסער אַוועקנעמען פון די אויגן און זאָל מען אויפהערן צו רעדן דערוועגן.

צער און פאַרדרוס האָבן געפּרעסט דאָס האַרץ: צי פאַרשוועכט זי גופא נישט זייער אָנדענק? צי טאָר זי זיך אונטערגעבן? אָבער רישעק! עס וועלן דערגיין צו אים די אָפּפערנישן. דער טאַטע וועט נאָך דעם זון אַריינציען אין דעם גאַנצן עניין, בעסער אַ סוף מאַכן דערצו.

ווי אַלע מאָל אין שווערע מינוטן האָט זי געזוכט אַן אָנשפּאַר, אַן עצה אין דער מאַמעס ווערטלעך. ווי וואָלט די מאַמע געזאָגט אין אַזאַ פאַל? אָ, זי דערמאָנט זיך, זי וואָלט מסתמא געזאָגט: „איידער צו ווערן די כפרה איז בעסער מען זאָל איינגיין אויף אַ פּשרה". נאָך אַ פּשרה, אפשר אויף דערווייל.

זי האָט דאָס חנוכה־לעמפּל אַריינגעשטעלט אין וואַנט־שאַנק, אויף דער העכסטער פּאָליצע, אויף דערווייל. זאָל מען דערווייל אויפהערן צו רעדן. ס'וועט זיך אפשר עפּעס ענדערן אין דעם אַלעמען. ס'האָט זיך געענדערט — צום ערגערן. און אין חנוכה־לעמפּל האָט מען פאַרגעסן.

דאָס חנוכה־לעמפּל

✶

ווען אַנגע האָט אין אַ קאַלטן דעצעמבער־טאָג 1952 געשפּאַנט איבער די וואַרשעווער גאַסן איינצוקויפן קלייניקייטן צו ווייַנאַכט, האָט זיך רישעק פאַרהאַלטן פאַר אַ גרויסן שוי־פענצטער פון אַ יוועליר־געשעפט. פון אַזאַ שוי־פענצטער וועט מען אים אַזוי גיך נישט אָפּרייסן. דאָ זענען פאַראַן זייגערלעך, ער דערוואַרט אַזאַ מתנה צום געבורטס־טאָג. אַנגעקוקט זיך אויף די זייגערלעך, האָט ער זיך גענומען איינקוקן אין די שיינע חפצים.

— מאַמע, וואָס איז דאָס ? אָט־די ?

— לייכטער.

זי האָט שטיל צוגעגעבן, ווי די ווערטער וואָלטן זיך קעגן איר ווילן ארויסגעריסן פון מויל :

— יידישע לייכטער...

— יידישע ? פאַרוואָס יידישע ? און דאָס־אַ וואָס איז ?

רישעק האָט צוגעלייגט דאָס מויל צום שויב, אַז דאָס פּראָסטיקע דינע הייטל זאָל זיך צעגיין און אַנגעוויזן מיט דער האַנט אויף אַ גרויסן, שיינעם זילבערנעם חנוכה־לאָמפּ :

— מאַמע, וואָס פאַראַ לייכטער איז דער־אָ ?

— אַמאָל האָט דאָס געהייסן חנוכה־לאָמפּ.

ביי די ווערטער האָט זיך ביי אַנגען עפּעס שטאַרק אַ ריר געטאָן אין האַרץ, זי האָט געוואָלט וואָס גיכער זיך אומקערן אַ היים. מיט רי־שעקן ווערט מען אָבער אַזוי גיך נישט פאַרטיק, אַז ער פרעגט איז אָן אַ סוף :

— חנוכה־לאָמפּ ? איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף... אַזוי פיל ליכט שטעלט מען אַריין איינס ביים אַנדערן ? מען צינדט זיי אָן ?

— מען צינדט זיי אָן אויף אַ יום־טוב...

— אויף וואָסער יום־טוב ?

— קום, זונעלע, איך וועל דיר אין שטוב דערציילן, וועגן לייכטער און וועגן דעם יום־טוב, איך וועל דיר עפּעס ווייזן...

— עפּעס ווייזן ? וואָס ?

רישעקס נייגיר האָט זיך אָנגעצונדן און דאָס מאָל זיך אויסגעלאָשן. ער איז מער נישט צוגעשטאַנען, ווי געוויינלעך, די מאַמע זאָל אָט שוין דערציילן, אָט שוין ווייזן. ביז זיי זענען געקומען אַ היים, האָט ער אין אויסטערלישן לייכטער פאַרגעסן. אַנגע האָט אָבער נישט פאַרגעסן. ווי

אָפּגעריסענע צווייגן

נאָר זי איז צוריקגעקומען, אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם מאַנטל, האָט זי אָפּגעזוכט דאָס פאַרשטעקטע חנוכה־לעמפּל. ס'האָט איר אויסגעזען איצט נאָך אָרעמער, פאַרלאָזענער ווי אין טאָג, ווען זי האָט עס דערזען אויפן נאַכט־טישל אין דער פרעמדער כאַטע. דורך די עטלעכע יאָר איז עס פאַרראָסט געוואָרן. דאָס מאָל האָט זי גופא עס פאַרשוועכט. זי וועט זיך קיינמאָל נישט מוחל זיין! ס'איז פונקט אַזוי ווי זי וואָלט אָפּגעשטויסן פון זיך אַן אָפּגעראַטעוועטן, עלנדן מענטש, וואָס האָט זיך גענויטיקט אין איר הילף. ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט געשען? יאָ, זי פאַרגעסט אויך. די מאַמע האָט געהאַט דערויף אַ גוט ווערטל, זי וואָלט איר מסתמא איצט געזאָגט: „אייגענע זינד פאַרגעסט מען געשווינד". אַ זינד געווען זיך אונטערצוגעבן, איצט פילט זי ווי זי האָט זיך געלאָזט דערנידעריקן, ער האָט זי צעטראָטן מיט זיינע גערעדערייען. אויך אויף דעם האָט די מאַמע געהאַט אַ ווערטל — „צעטרעטן אַ מענטש קאָן מען נישט נאָר מיט די שטיוול, נאָר אויך מיט דער צונג". זי וועט זיך מער נישט לאָזן!

זי איז געקומען אַ מידע, רישעק האָט זי היינט פאַרמאַטערט, אָבער תיכף גענומען זיך מיט אימפּעט צו שייערן און פוצן דאָס חנוכה־לעמפּל; אַזוי לאַנג געריבן ביז זי האָט אויסגעגלאַנצט, אויסגעגלעט דאָס פאַרגעסענע לעמפּל, דערנאָך צוריק אַרויפגעשטעלט אין סאַמע אויבן־אָן אויף דער קאָמאָדע אין גרויסן עס־צימער. אַ געדאַנק האָט אויפגעבליצט אין קאָפּ: צי נישט אַמאָל היינט חנוכה? ס'דאַרף אויספאַלן אין דער צייט. אָט קלינגט זי שוין צו איר אַמאַליקן, אַלטן לערער, ער איז אַ בקי, ס'וועט אויך זיין אַ געלעגנהייט צוריק צו באַנייען די אַמאַליקע פריינטשאַפט.

— חנהלע, דו?! אַז מען לעבט, דערלעבט מען! וואָס? דו טראַכסט וועגן מיר? ווייסט וואָס מען זאָגט? ווייט פון די אויגן, ווייט פון האַרץ. היינט מאַכט מען פון אַלטע, אָפּגענוצטע קעגנשטאַנדן אַנטיקן און פון אַלטע מענטשן מאַכט מען אָפּגענוצטע קעגנשטאַנדן. אַ, פאַרענטפער זיך נישט, חנהלע, איך ווייס, אַז איך בין אויך שולדיק, אָבער איך האָב נישט געוואָלט שטערן, איך בין צו אַלט צו די נייע פירעכצן. פריינטשאַפט זאָגסטו? איך האַלט אויך פון פריינטשאַפט. מע זאָגט אפילו, אַז אויף קיין צעריסענער פריינטשאַפט קאָן מען קיין לאַטע נישט לייגן, אָבער איך האַלט, אַז מען קאָן יאָ, מען דאַרף גאָר קיין לאַטע נישט, אַן אַלטע פריינטשאַפט קאָן מען צוריק מאַכן ניי. זאָג מיר אָבער פון וואַנען קלינגסטו? מסתמא נישט פון דער היים. ווען זעליג וואָלט דערהערט

דאָס חנוכה־לעמפּל

רעדן יידיש! זיי מיר מוחל, איך געדענק נאָך ווי זיין טאַטע, אים צו לאַנגע יאָרן, האָט אים גערופן זעליג. אַלזאָ, דיין זיגמונט איז זיכער נישט אין שטוב. טאָ זאָג־זשע מיר וואָס האָט דיך געבראַכט אַנצוקלינגען צו מיר. וואָס? אין חנוכה גייט דיר? יאָ, ס׳איז חנוכה, היינט דאָס זיבעטע ליכטל. ווילסט מיך אפשר פאַרבעטן אויף לאַטקעס? מיינסט דאָך מסתמא נישט דעם סדר נאָר די קניידלעך. פון חנוכה האַלטסטו מסתמא נישט אָבער פון לאַטקעס אפשר יאָ. ביסט אַ קנאַפּע בריה זאָגסטו? טאָ קום־זשע צו מיר, מיין ווייב איז יאָ אַ בריה, מיר געהערןביידע צו דער אַלטער וועלט, איך צינד אָן חנוכה־ליכטלעך און מיין ווייב גרייט לאַטקעס. אסור אויב מיר וועלן דערמיט שטערן דעם סאָציאַליזם. קום מאָרגן, צום אַכטן ליכטל, נעם מיט דיין זונעלע, ער וועט באַקומען אַ מתנה — אַ דריידל. נישט קיין פאַרמלחמהדיקס. אַ ריין סאָציאַליסטיש דריידל, כ׳האָב עס אַליין געמאַכט, איך דריי און דריי און ס׳ווירבלט זיך נישט ווי אַמאָל. אויב וועסט נישט האָבן דאַקעגן וועל איך דיין זון דערציילן די געשיכטע פון חנוכה. ווייסט דאָך, אַז איך בין געווען אַ גוטער לערער, איך קאָן אים אַזוי דערציילן וועגן חנוכה אַז דיין בן־יחיד זאָל זיך נישט כאַפּן דאָס איר האָט עפּעס אַ שייכות צו דער גאַנצער מעשה. נו גוט, גוט, חנהלע, נעם זיך נישט צום האַרצן, קענסט דאָך דיין אַמאָליקן לערער, ער איז אַזאַ הונט וואָס בילט שטענדיק, אָבער בייסט נישט. געדענק, היינט דאָס זיבעטע ליכטל.

דער לאַנגער מאָנאָלאָג פון אַלטן לערער האָט צעבלאָזן, צעפלאַקערט די פונקען, וואָס האָבן טיף געטליעט. זי איז אַ ווײלע געזעסן אַ צערודערטע. די ווערטער, וואָס האָבן נאָך געקלונגען אין אירע אויערן האָבן ערשט איצט נאַס געמאַכט אירע אויגן. פאַר די פאַרנעפּלטע אויגן האָבן דורכגעצויגן בילדער: דער מעשענער חנוכה־לאָמפּ גלאַנצט, די פלעמלעך פון די ליכטלעך טאַנצן, זינגען, דער טאַטע מיט דער לאַנגער באָרד ווערט גאָר אַן אַנדער טאַטע, צוגעלאָזענער, היימישער. ער שפּאַצירט מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן איבערן צימער. זיין ערנסט פּנים איז מילד, באַצויגן מיט אַ ברייטן שמייכל, ער ברומט אונטער דער נאָז אַ ניגון; די מאַמע פּרעגלט לאַטקעס, וואָס האָבן אַ שם אין שטעטל. זי, חנהלע, פאַרבעט אירע חברטעס, מען קוויקט זיך מיט די לאַטקעס און מען זינגט: „אָ איר קליינע ליכטעלעך"... וואָכעדיקע טעג און אַזאַ יום־טובדיקייט, אַזוי פיל פרייד. מיין קינד וועט אפשר קיינמאָל דער־

וועגן נישט וויסן. וואָס טו איך ער וואָל יאָ וויסן? ער איז גערעכט דער אַלטער לערער.

זי האָט זיך פּלוצלינג אויפגעריסן, דערמאָנט זיך, אַז פון דער פאַר־אַיאַריקער כאַאינקע איז פאַרבליבן אַ שאַכטל קאָלירטע ליכטלעך. עס שטעקן שוין זיבן ליכטלעך אין חנוכה-לאָמפּ, די קנויטן ברענען קוים־קוים מיט אַ רויט פייערל, דאָס אַכטע ליכטל איז גרעסער, ברענט העַ־לער. אַננע איז אַוועק מיט אַן אָנגעצונדענעם ליכטל צו רישעקן.

— קום, זונעלע, כ׳האָב דיר צוגעזאָגט צו דערציילן. און צו ווייזן.

— וואָס דערציילן? וואָס ווייזן?

רישעק האָט מיט קינדערישן חידוש געקוקט אויף די ברענענדיקע ליכטלעך.

— דאָס וועט אויך זיין צו דער כאַאינקע?

— ניין, היינט איז אַן אַנדערער יום־טוב, מען צינדט אָן ליכטלעך, מען זינגט, מען...

אַננעס וואַרעמע שטימע האָט זיך שטיל צעזונגען, אַזוי שטיל ווי ווען מען היט זיך אויס עמעצן פון די שכנים נישט איבערצוועקן.

א איר קליינע ליכטעלעך

איר דערציילט געשיכטעלעך

מעשהלעך פון אַמאָל...

מעשהלעך אָן אַ צאָל

רישעק האָט אָנגעשטעלט די אויערן, געקוקט אויף דער מאַמען מיט אַן אָפן מויל. ער האָט ליב ווען די מאַמע זינגט אים, אָבער וואָס קומט דאָ פאָר? ער האָט זיך דערמאָנט:

— האָסט געזאָגט וועסט דערציילן.

אַננע האָט דערציילט. זי האָט צוגעקליבן ווערטער, געאיילט זיך, זי איז איבערגעשפּרונגען פון דער אַלטער געשיכטע צום יום־טוב, צו די מנהגים, ס׳איז אַ יום־טוב פאַר קינדער. ניין, זי וואָלט זיך נישט פאַרשעמט פאַרן אַלטן לערער, זי ווייסט נישט ערגער פון יענעם, ווי אַזוי מען דאַרף אַזאַ קינד דערציילן דערוועגן.

— נו, זונעלע, זאָג מיר, וואָס געפעלט דיר צום בעסטן פון דער אַלטער געשיכטע און פון דעם היינטיקן יום־טוב?

— חנוכה־געלט! דאַרפסט מיר געבן חנוכה-געלט.

— און וואָס נאָך געפעלט דיר?

דאָס חנוכה־לעמפּל

רישעק האָט הילכיק געלאַכט.

— לאַטקעס, דאַרפסט מאַכן לאַטקעס.

— און דאָס חנוכה־לעמפּל מיט די אָנגעצונדענע ליכטלעך ? געפעלט עס דיר ?

— יענער לייכטער אין שוי־פענצטער איז שענער, דער איז אַ מיאוסער, קויף יענעם, מען וועט אים אויפהענגען אויף דער כאָאינקע, ס׳איז אַ גאַנצער בוים, מ׳וועט אַרויפטאָן יענעם חנוכה־לאָמפּ אין דער הויך און אַרום די קאָלירטע לעמפּלעך.

אָפּגעזאָגט און אַוועק; ער האָט צופיל באַשעפטיקונגען, רישעק, ביי זיך אין צימער. דאָס צעוואַקסענע נאָדל־ביימל שטייט צוגעפּעסטיקט אויף אַ געטאָקט ברעטל ווי אויף אַ פּיעדעסטאַל, ס׳איז נאָך נישט אויסגעצירט, רישעק האָט עס אַרויסגערוקט אין מיטן צימער און בויט דערוויל אַרום אַ מעכאַנישע באַן.

אַננע האָט נישט געפּרוווט פאַרהאַלטן דאָס ייִנגל. אַ שטאָלענע רייף האָט אַרומגעפּאַנצערט איר האַרץ. פאַר וועמען עפענען דאָס האַרץ ? בלויז מיט זיך אַליין קאָן זי זיך אויסטענהן. אַזוי זעט עס אויס: איר אייגן קינד איז געוואַקסן אין אַ פרעמדן גאָרטן, אַ פרעמד געוויקס. עס דערגייט גאָרנישט צו אים. ס׳איז געווען פון איין אויער אַריין און פון אַנדערן אַרויס, די גאַנצע מעשה וועט אים מסתמא באַלד אַרויס פון קאָפּ. דאָס קערנדל, וואָס זי האָט אָקאַרשט געפּרוווט פאַרזייען איז געפאַלן אויף אַן אויסגעטרוקנטן, זאַמדיקן באָדן. דאָס אַמאָליקע גרינע פעלד איז אַ זאַמדיקער מדבר געוואָרן. ווי אַזוי אָנהייבן עפּעס איינפּלאַנצן ביי איר קינד ? זי האָט זיך אונטערגעגעבן, געכאַפּט זיך שפּעט. ווען נישט דאָס חנוכה־לעמפּל, זי וואָלט ווייטער... פּלוצלינג געפאַלן אויפן שכל. די מאַמע וואָלט מסתמא אין אַזאַ פאַל געזאָגט: „פּלוצעם געפאַלן אויפן שכל און זיך צעקלאַפּט די נאָז״. כ׳וועל זיך באַלד ווידער אָנהייבן פאָרן אַרום דעם ווייַנאַכט־יום־טוב. זאָשע שטייט אין די רייען איינצוקויפן די טראַדיציאָנעלע ווייַנאַכט־שפּייזן, זיגמונט וועט פאַרבעטן געסט, דער הויפּט־אינזשיניער סלאָווינסקי וויל, אַז אַלץ זאָל זיין טיפּ־טאָפּ, לויט די טראַדיציעס. לויט זייערע טראַדיציעס. מיר האָבן נישט קיין טראַדיציעס, גאָרנישט קיין אייגנס. „זיך נישט איזאָלירן, נישט אויסטיילן זיך, דאָס לעבן גייט אויף נייע רעלסן, אַריינגיסן זיך אין גרויסן שטראָם״. צי וועט מען נישט דערטרינקען ווערן אין דעם גרויסן שטראָם ? מ׳טאָר נישט פרעגן.

אַפּגעריסענע צווייגן

וואָס ס'איז געווען נעכטן דאַרף מען אויך נישט דערמאָנען. פאַרגעסן! פאַרגעסן! מ'דאַרף לעבן מיטן היינט! טראַכטן וועגן מאָרגן!

וואָסערער וועט ער זיין אונדזער מאָרגן? מענטשן אָן אַ נעכטן, אָן אַ פאַרגאַנגענהייט. אָן אייגענער געשיכטע. „גלייך מיט אַנדערע", חזרט ער כסדר איבער. מיט וועמען גלייך? און אַז גלייך מיט אַלע, פאַרוואָס פאַרשטעלן דאָס אייגענע פּנים? פאַרוואָס אויסבאַהאַלטן? פאַרוואָס?... פאַרוואָס?...

דאָס עלעקטרישע גלעקל ביים טיר האָט הילכיק געקלונגען. אַננע האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף און אין מוח האָט זיך געפּלאָנטערט אַ בייזער חלום. זי האָט געהערט ווי רישעק איז געלאָפן עפענען. ער וואַרט נישט אַז עמעצער זאָל גיין עפענען די טיר. אים הויבט אַלץ אונטער, ציגדט זיך צו אַלעמען אָן, נאָר די מעשה האָט אים געלאָזט קאַלט.

— וואָס אַזוי פאַרטראַכט? אַזוי אומעטיק? ערב יום־טוב אַזאַ פּנים?

מאַריע איז אַריינגעפאַלן צו איר אין צימער און מודיע געווען, אַז בלויז אויף אַ ווײַלע. זי איז פאַרבייגעגאַנגען. איז ווי טרעט מען נישט אָפּ? זינט זיי האָבן צוזאַמען אונטערגעלייגט ביי די באַן־רעלסן דאָס „קנויטל", וואָס האָט אויפגעריסן אַ דייטשן צוג, און האָבן זיך ביידע לעבעדיקע אומגעקערט אין וואַלד, האַלט אָן צווישן זיי אַ הייסע פריינטשאַפט. מאַריע האָט אָבער ווייניק צייט, זי איילט זיך שטענדיק, האָט פולע הענט אַרבעט. זי זאָגט: „נישטאָ היינט קיין צייט צו גיין אין געסט". און וועגן איר זאָגט מען: „נישט גענוג וואָס זי איז פּראָפעסאָר פון געשיכטע, מאַכט זי נאָך געשיכטע". אַ שנעלע, אַן אימפּעטיקע האָט זי זיך גיך און הייס צעקושט מיט אַננען, געוואָרפן עטלעכע בליקן אַרום זיך און דערשטוינט אויסגעשריען:

— וואָס איז דאָס?!

— זעסט דאָך, אַ חנוכה-לעמפּל.

— וואָס עפּעס פּלוצלינג אַ חנוכה־לעמפּל? אָנגעצונדענע ליכטלעך?

— ס'איז חנוכה...

— מאַכסט אַ טעאַטער? וואָס וועט זיגמונט זאָגן?

— מסתמא דאָס זעלבע וואָס דו, ער וועט אפשר אויך זאָגן, אַז איך מאַך טעאַטער, מיר דוכט, אַז איר ביידע מאַכט טעאַטער, נישט ווילנדיק מאַכט איר טעאַטער פון זיך גופא.

— אַזוי גאָר! כ'האָב שוין לאַנג באַמערקט, אַז דו טראָגסט זיך אַרום מיט בויך־ווייטיק, האָסט כסדר טענות.

דאָס חנוכּה־לעמפּל

— מאַרישע, איך האָב נישט קיין טענות, איך האָב מורא, אַז דאָס אַלץ וועט קיין גוטס נישט ברענגען פאַר אונדז.

— וואָס שרעקט דיך אַזוי ?

— דאָס אויסבאַהאַלטן, דאָס אָפּווישן זיך. און סייווי, סייווי... מען...

זי האָט אָנגעהויבן קייען די ווערטער, געוואָלט זיי צוריק אַראָפּשלינגען, ס׳האָט אָבער אַרויסגערעדט פון איר :

— מען ווייזט סייווי מיט די פינגער אויף אונדז, סלאָבסקי און די אַנדערע האָבן זיך פון לאַנג געהאַט אָפּגעווישט און מען האָט געטייטלט מיט די פינגער אויף זיי, זיי זענען פּלוצעם...

— מען טייטלט מיט די פינגער אויף די שונאים, אויף אַלע שונאים פון סאָציאַליזם, ס׳האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דעם, וואָס דו האָסט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ. אַן איינרעדעניש איז ערגער ווי אַ קרענק, די אַלטע שרעק שטעקט נאָך אין דיר, וואָלסט געדאַרפט גיין צו אַ פּסיכיאַטער.

— מאַרישע, ס׳איז נישט קיין אַלטע שרעק, נאָר אַ נייע.

— איז דאָס די רפואה ? דאָס־אָ איז אַ סגולה קעגן דיין שרעק ?

זי האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויפן חנוכּה־לעמפּל און אָנגעהויבן רעדן אין איילעניש :

— אַנשטאָט צו גיין צו אַ דאָקטער ווערסטו פרום. דאָס לעבן גייט פאָרויס און דיך ציט עס צוריק.

— ס׳ווענדט זיך וואָס מען רופט פאָרויס און וואָס צוריק.

מאַריעס גרויסע סאַמעט־שוואַרצע אויגן זענען גרעסער געוואָרן. נישט דאָס מויל האָט געענטפערט נאָר די אויגן. דאָס טונקל מאַטע געזיכט האָט איצט מער ווי אַלע מאָל דערמאָנט די רבנישע טאָכטער. זי האָט זיך אין איילעניש קאַלט געזעגנט, האָט פאַרלוירן צופיל צייט. פאַרן אַרויסגיין, ווען אַננע האָט שוין געהאַט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן ריגל, האָט זי זיך אומגעדרייט, צעקושט זיך מיט איר און מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן און אַ הייזעריקער שטימע אַרויסגעשטאַמלט : „אַ צו שווערע טעמע, ס׳איז נישט אויף איין פוס".

אַננע איז ווידער געבליבן אַליין. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן פאָטעל וואָס אַנטקעגן דער קאָמאָדע. אַ ציטער איז איר דורכגעלאָפן דורך די ביינער. נישט פון קעלט. פון איינזאַמקייט. אַ פרעמדע צווישן די איי־

גענע, ערגער — אַן אומנאַרמאַלע. זי שיקט זי צו אַ דאָקטער. מ׳וויל מיט געוואַלד זי אויסהיילן פון איר בענקשאַפט, פון אַלעמען. זי, זיגמונט, די אַנדערע דערוויטערן זיך אַלע מאָל מער. זי דערמאָנט זיי. זיי ווילן נישט מ׳זאָל זיי דערמאָנען. ווי וועט עס זיין מיט איר קינד? שפּעטער, ווען ער וועט דערוואַקסן ווערן? וואָס טוט מען, ער זאָל נישט זיין ווי זיי?

זי האָט געקוקט מיט שטאַרע אויגן ווי די ליכטלעך לעשן זיך אויס. די פלעמלעך צאַנקען, גוססן, אָט-אָט גייט אויס אַ ליכטל און אָט הויבט זיך ווידער אויף אַ פלעמל, גיט אַ לויכט און פאַלט אַריין אין גסיסה. „אַזוי ווי מענטשלעכע טרוימען, ווי מיין אייגענער טרוים״...

פון די אומהיימלעכע מחשבות האָט זי דאָס מאָל אַרויסגעריסן אַ טומל אין קאָרידאָר. רישעק האָט זיך געפּרייט מיטן טאַטן, מיט אַ גאַסט. זי האָט זיך אין דער שעה אויף קיינעמען מער נישט געריכט. אין דער הייסער מינוט האָט זי געוואָלט אַוועקנעמען דאָס חנוכה־לעמפּל מיט די צאַנקנדיקע ליכטלעך. דער „שמש״ האָט נישט געהאַלטן ביי יציאת נשמה, אַנגעהאַלטן לענגער ווי די אַנדערע ליכטלעך. זי האָט שוין געזאָלט אַ בלאָז טאָן צו פאַרלעשן, ווי אויפן שוועל האָט זיך אַ שמייכלענדיקער באַוויזן דער וויצע-דירעקטאָר שימאַנסקי. זיגמונט האָט אים דורכגעלאָזן דעם ערשטן. ער האָט געוואָלט מאַכן דעם ווייב אַן אַנגענעמען סורפּריז, גע־זאָלט היינט קומען שפּעט. אומגעריכטערהייט זיך אומגעקערט אַ סך פרי־ער פון דער אינספּעקציע און פאַרבעטן ערב יום־טוב זיין פּאַרטרעטער אויף אַ גלעזל, כאָטש אויפן ניכטערן מאָגן זענען זיי נישט געווען, געמאַכט שוין אַ כוסה ביי דער אינספּעקציע. דער ניינציקער בראָנפן האָט זיי אויפגעהייטערט. דירעקטאָר שימאַנסקי האָט זיך טיף פאַרבויגן און אַוועק־געלייגט אַ לאַנגן קוש אויף אַננעס האַנט. זיגמונט האָט אויסגעפירט פינקט־לעך די זעלבע צערעמאָניע און גענומען זיך באַזעצן דעם גאַסט אין גרויסן פאָטעל, וואָס אַנטקעגן דער קאָמאָדע. דאָס חנוכה־לעמפּל מיט די ליכטלעך האָט אים אַ זעץ געטאָן אין פנים. ער האָט אויסבאַהאַלטן די ערגעריש. מיט אַן אַרויפגעצויגענעם שמייכל אויפן אַנגעשרענגטן פנים האָט ער מיט חידוש געפרעגט דאָס ווייב:

— וואָס איז דאָס פאַראַ לעמפּל? האָט דאָס רישעק אַרויפגעשטעלט?

דירעקטאָר שימאַנסקי, אַ צוואַרעמטער פונעם בראָנפן, איז גע־וואָרן נאָך היימישער.

— דיין שיין ווייב האָט מסתמא אַ טעות געהאַט — האָט ער גוט־מוטיק געפרוווט טרעפן — אַנגעצונדן דאָנערשטיק שבת-ליכט. איך גע־

דענק, אַז ליכט צינדט מען פרייטיק, אָבער אַ טאָג פריער, אַ טאָג שפּע־טער, אַז ס׳זענען אָנגעצונדן ליכט, איז מסתמא פאַראַן שבתדיקע חלה און יידישע פיש.

זיגמונט איז בלאַס געוואָרן, האָט אָנגעהאָנגען די אויגן אויף אַנגען, ווי ער וואָלט דערוואַרט פון איר רעטונג. דירעקטאָר שימאַנסקי האָט אויפגעכאַפּט זיין קאָלעגעס פאַרלעגנהייט און באַרואיקט אים:

— ברודערקע, איך בין עלטער פון דיר. מיר זענען צוזאַמען אין דער מלחמה־צייט געווען אין דער פּאַרטיזאַנטקע, געשלאָפן אין וואַלד־בונקער אויפן זעלבן ביסל שטרוי, אָבער איך האָב געזען מער, אי אַמאָל, אי היינט. וואָסער זינד אַז מען צינדט ליכט? הלוואי וואָלט איר געפּראַוועט שבת מיט יידישע פיש, מיט שבתדיקע חלה און מיך פאַרבעטן צו דער סעודה.

וואַרשע, דעצעמבער 1960.

גאָלדזוכער

סטעפּאַן קוזמא איז אַ געלאַסענער, סטאַטעטשנער פּויער, קיינמאָל קיינע־מען קיין עוולה נישט געטאָן, נישט אָפּגענאַרט, נישט באַגנבעט, און שטענ־דיק אויסגעמיטן מחלוקת מיט די אַרומיקע פּויערים. איז עמעצנס אַ קו אָדער אַן אַנדער פיר־פיסיק באַשעפעניש פאַרקראָכן אויף זיין פעלד, האָט ער געהייסן זיין עלטסטן פערצן־יעריקן זון יאַנעק, באַלייגן די בהמה מיט אַ שטעקן, פאַרטרייבן ווייט פון אייגנס און פּטור, קיין פאַרגיטיקונג קיינ־מאָל נישט געפאָדערט; וויפל די בהמה האָט זיך אָנגעפרעסן — איז אירס. אַרומקריגן זיך דערפאַר איז נישט כדאי. אָבער פּויערים פון דער אַרומי־קער געגנט זאָלן קומען גראָבן אויף זיין ערד און זיך אָנשטאָפּן די קע־שענעס — דאָס וועט ער נישט דערלאָזן! אָ, אין אַזאַ פאַל איז ער גרייט אויף אַלעמען. ער, קוזמא, נעמט ביי קיינעמען גאָרנישט, קומט קיינמאָל נישט אויף יענעמס און וועט נישט לאָזן מ'זאָל קומען אויף זיינס. זיינס איז זיינס.

— גנבים, באַנדיטן, היענעס! זאָלן זיי גיין גראָבן ווו זיי ווילן, נאָר נישט אויף מיין פעלד. כ'על אַראָפּיאָגן מיט אַ שטעקן, כ'על ברעכן די ביינער, כ'על זיי וויזן...

אַזוי האָט סטעפּאַן קוזמא, אַ רויטער פון כעס, פאַרגעהאַלטן פאַר זיין באַבע און זיין עלטסטן פערצן־יעריקן זון יאַנעק.

— ביסט שטאַרק אין פּיסק, מיט מיר קאָנסטו אַלץ, אָבער מיט זיי? לאָכן זיך אויס פון דיר, גראָבן וויפל זיי ווילן, און דו? דו בלייבסט ביים רעדן, אין שטוב אַ בריה.

דאָס ווייב האָט אים אַריינגעשלאָגן אין אַמביציע. אַ באַבע ווייזן, אַז ער טויג זיך נישט אויס, ביי איר נאָך בלייבן אַ טויגעניכץ וואָלט שוין צופיל געווען. קיין לייכטע זאַך איז דאָס אָבער פאַרט נישט.

פון די זיבן זאַמדיקע מאָרגעס ערד, זענען צוויי מאָרגעס געלעגן באַזונדער, ווייט פון זיין באַלעבאַטישקייט, העט ביים סאַמע וועלדל. יענץ

שטיקל ערד האָט ער געהאַט באַקומען אין נדן, ווען ער, סטעפּאַן, אַ 26־יעריקער אַלמן, האָט מיט 15 יאָר צוריק חתונה געהאַט מיט זיין איצטיק ווייב. פון אָנהויב אָן האָט ער געהאַלטן, אַז מ׳האָט אים אָפּגענאַרט מיטן נדן. אַחוץ דעם האָט ער מיט צוויי מאַרגעס רק צרות. די דייטשן האָבן אויסגעקליבן אויף אַ לאַגער פּאַר יידן יענע זאַמדיקע געגנט צווישן די סאָסנע וועלדלעך. קיין רייד נישט געווען ער זאָל דעמאָלט קאָנען אַראָפּ־נעמען דאָס ביסל קאַרטאָפּליעס. סטעפּאַן קוזמאַ האָט פאַרביסן די ציין און געשוויגן. מלחמה איז מלחמה און דייטשן זענען דייטשן. אָבער איצט ? איצט ווען יענע האָט מען פאַרטריבן און ער איז צוריק באַלעבאָס פון זיין ערד ? !

וואָלטן די צוויי מאַרגעס געלעגן הינטערן נאָז, ווי דאָס איבעריקע, וואָלט ער, קוזמאַ, זיך אַן עצה געגעבן. ער וואָלט זיי אַנגעריבן אַ מאַרדע, נישקשה, ער וואָלט זיי געוויזן וואָס הייסט אַרומרודערן אויף זיין ערד. דאָס אומגליק וואָס די צוויי מאַרגעס ליגן וויט, ער קאָן זיך דאָרט נישט אָוועקשטעלן היטן. קומען די שעלמעס ווי גנבים הינטער זיינע אויגן שאַ־ברעווען אויף זיין פעלד, זיפּן דורך מיט גרויסע זיפּן זיין זאַמד אויסצו־געפינען גאָלדענע ציין און אַנדערע קאָסטבאַרקייטן. פרעמדע מענטשן, צומאָל נישט קיין שכנים, קומען פון ווייטע דערפער און גראָבן מיט לאָ־פּעטעס אין זיין ערד, וואָס ער האָט באַקומען אין נדן, באַלעבאָטעווען אויף זיינס, מאַכן אים אַן גריבער, זוכן פאַרשטעקט יידיש גאָלד. ווייניק פאַר די דייטשן זיך אויסגעשטאַנען, דער רויך און געשטאַנק האָט געגרייכט ביז צו דער כאַטע. טיילמאָל האָט אַזש געאיבלט פון גערוך פון די גע־ברענטע לייבער. איצט קומען זיי פון ווייטע דערפער צום גרייטן, אָנ־שטאָפּן זיך די קעשענעס.

קוזמאַ האָט איינמאָל געהאַט אָוועקגעשטעלט פאַרטאָג אַ וואַך — זיין פערצן־יעריקן זון. יאַנעק האָט געוואַכט אויף זייער פעלד, די באַ־בעס האָבן געזיפּט און די מאַנסבילן האָבן געגראָבן מיט לאָפּעטעס. דאָס ייִנגל האָט זיך געלאָזט אין גאַלאָפּ, ווי אַ וויכער געקומען צולויפן און אַ פאַרסאָפּעטער מודיע געווען :

— זיי גראָבן !

קוזמא האָט אויף גיך איינגעשפּאַנט דאָס פערד, באַלייגט עס גוט מיט דער בייטש און ס׳האָט נישט לאַנג גענומען ווי טאַטע און זון זענען געווען אויפן אָרט. די שעלמעס האָבן אָבער דערשנאַפּט, אַז מ׳האָט זיי נאָכגעשפּירט — האָבן זיך שנעל אָפּגעטראָגן. צוויי באַבעס בלויז האָבן גע־

נישטערט אין זאַמד אויפֿן שכנותדיקן פעלד. יאַנעק האָט געשווירן ביי גאָט און ביי דער הייליקער מוטער, אַז ער האָט ביידע געזען אויף זייער אייגנס, נאָר גיי טענה מיט באַבעס, אַז האָסט זיי נישט געכאַפּט ביי דער האַנט.

— נישט דיין עסק, דאָ נישט דיינס, היט בעסער דיין באַבע זי זאָל נישט קריכן צום אָרגאַניסטער און אונדז לאָז צורו — האָט אַ קיילעכדיקע באַבע מיט אַ רויט פּנים אָפּגעענטפערט סטעפאַנען.

— דו גראָבסט דען נישט ? דו טאָרסט און מיר נישט ? — האָט די צווייטע באַבע אים געגעבן אַ גאָב.

קוזמאַ וואָלט געוווּסט וואָס ער האָט צו טאָן. ער וואָלט זיי גוט אָנגעלערנט. ער, סטעפאַן קוזמאַ, ווייסט גוט, אַז די מאַכט האָט פאַרבאָטן צו גראָבן אין אַזעלכע ערטער. ס׳איז אָבער אַ שטעקן מיט צוויי עקן. די שעלמעס ווייסן, אַז ער גראָבט אויך, גייט שפּילט זיך מיט זיי! ס׳איז טאַקע אַ גרויסער אונטערשייד צווישן זיי און אים, ער גראָבט אויף זיין אייגן פעלד, וואָס ער האָט באַקומען אין נדן, זיי גראָבן אויף פרעמדס, האָבן נישט קיין רעכט צו נישטערן אויף זיין ערד. גייט אָבער הייַנט גיט דאָס צו פאַרשטיין דער מיליציע. פרעמדס אָדער אייגנס, וואָס איז זיי אַ נפקא מינא ? ווער טראַכט זיך הייַנט אַריין אין אַזעלכע זאַכן ? אַז מען טאָר נישט, טאָר מען נישט, וועלן זיי זאָגן.

אַ ניין, ער, סטעפאַן קוזמאַ, האָט נאָך דעם שכל נישט פאַרלוירן. ס׳וואָלט געווען דאָס זעלבע ווי זיך אַרויסנעמען ביידע אויגן, אַבי יענעם אַרויסדראַפּען איין אויג. ניין, נאָר מיט דער מיליציע נישט האָבן צו טאָן

מיט אַלע אויף איין מאָל וועט ער סייווי זיך נישט קיין עצה געבן, מ׳דאַרף פריער אָנלערנען איינעם. ער וועט זיך נעמען צום לאָמען יוזעף. יענער גראָבט אַליין, ווייסט ווו צו גראָבן, ווייסט וועגן די זאַכן מער ווי אַלע אַנדערע צוזאַמען; ער איז מיט די דייטשן געווען ווי אַ שטערצל צו אַ טעפּל, געטרונקען מיט זיי ברודערשאַפט, מיטן הינקנדיקן פיסל דעמאָלט אומעטום אַרומגעטאַנצט. הייַנט נישטאָ וואָס פאַר אים מורא צו האָבן.

אַהאַ, קוזמא האָט נאָך אַ קאָפּ אויפֿן קאַרק, קאָן נאָך עפּעס צו־טראַכטן. ער וועט נישט איינרייסן מיט אַלע פאַר אַמאָל, שטענדיק אויס־געמיטן קריגערייען, קיינמאָל אויף יענעמס נישט אָנגעשטאַנען, אָבער זיינס וועט ער אויך נישט לאָזן רירן, ער וועט אָנהייבן פון לאָמען, ס׳וועט אָפּ־שרעקן די אַנדערע אויך.

אפגעריסענע צווייגן

✶

דער לאַמער יוזעף וווינט אין דריטן דאָרף, ווייטלעך פון דאַנען. אַראָפּכאַפּן זיך דאָ אַהער אַט אַזוי איינס־צוויי איז נישט פאַר אים. און אַזאַ פאַרשווין קומט נישט גראָבן אויף לייטישע אויגן, יענער זוכט נישט צוזאַמען מיט די באַבעס אין זאַמד. יאַנעק האָט אים שוין געהאַט אַמאָל געזען אַ זונטיק אינדערפרי, דאָס איז מסתמא זיין צייט.

סטעפאַן קוזמאַ האָט פאַרטראַכט אַ פּלאַן: אַ זונטיק פאַרטאָג האָט ער מיט יאַנעקן זיך פאַרשטעקט צווישן די נידעריקע, שטעכיקעביימלעך ווייטלעך פון זיין פעלד, אָבער גענוג נאָענט צו קאָנען אַרומנעמען מיטן אויג דאָס גאַנצע אייגנס. טאַטע און זון זענען אָפּגעלעגן אַ שעה צייט און געמיינט ס׳וועט שוין פון דעם גאָרנישט אַרויסקומען. די סעפּטעמ־בער־זון האָט זיך שוין געהאַט אַרויסגעשאַרט פון האָריזאָנט, אָנגעהויבן וואַרעמען די לופט. קוזמאַן האָט דאָס נישט געוואַרעמט, קאַלעמוטנע איז אים געוואָרן אויפן האַרץ, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין ווייב, זי וועט ווידער קאָנען זאָגן, אַז ער איז שטאַרק בלויז אין פּיסק, מיט איר. פּלוצלינג האָט יאַנעק שטיל אַ זאָג געטאָן:

— ר׳איז דאָ!

סטעפאַן קוזמאַ האָט אויסגעצויגן דעם קאָפּ, אויסגעבאַלושעט די אויגן, אָנגעשאַרפט די אויערן ווי אַ יאַגד־הונט. ער האָט איצט דייטלעך געזען, ווי דער הינקנדיקער יוזעף טרעט אַרויף אויף זיין אייגנס, וואָס ער האָט באַקומען אין נדן, ווי יענער קוקט זיך אַרום פון אַלע זייטן, פאַרשט מיט זיינע גנבישע שפּיציקע אויגן, שטעלט זיך דערנאָך אָפּ ביים רעכטן ראַנד פעלד נישט ווייט פון די סאָסנע ביימלעך, נעמט אַרויס פון הינטער דער קורטקע אַ קורצע לאָפּעטע און הייבט אָן גראָבן.

— ער גראָבט! האָט יאַנעק ווידער מודיע געווען.

— שווייג! זאָל ער...

קוזמאַ האָט אים געלאָזט גראָבן, ווייטער געלעגן און געקוקט שפּי־ציק, נאָכגעפאָלגט יעדע באַוועגונג פון לאַמען יוזעף. ערשט ווען יענער האָט אַרויסגעלאָזט די לאָפּעטע און זיך אָנגעבויגן, האָט ער זיך אויפגעריסן און געלאָזט זיך לויפן מיטן שטעקן אונטערן אָרעם. יאַנעק האָט מיט זיינע פלינקע פיס אים איבערגעיאָגט, ווי אַ ווינטער דורכגעלאָפן דאָס פעלד און צוגעפאַלן צום לאַמען יוזעף מיט אַ געשריי:

— פּאַטערל, ער האָט געפונען, אויף אונדזער פעלד אויסגעגראָבן אַ שאַכטעלע, ר'האָט באַהאַלטן, באַהאַלטן, דאָ, דאָ!

יוזעף האָט באַוויזן דאָס אויסגעגראָבענע שאַכטעלע צו פאַרשטעקן אין בוזעם, ביז קוזמאַ האָט זיך דערנענטערט האָט ער פאַרקנעפּלט די קורטקע און געכאַפּט זיך צו דער לאָפּעטע, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך פאַרטיידיקן. קוזמאַס כעס איז געשטיגן:

— כ'על דיר וויזן גראָבן אויף מיין ערד! — האָט ער מיט דראָ־אונג געוויזן דעם גראָבן שטעקן — גיב אָפּ מיט גוטן! כ'על דיר דאָ באַלד...

— נישט דיינס, דאָס פעלד דיינס, אָבער דאָס אויסגעגראָבענע נישט דיינס, ס'איז פון די יידן, געהער עס צו אַלע, צו יעדערן.

— צו יעדערן? כ'על דיר באַלד וויזן צי ס'געהערט צו יעדערן, אויף מיין ערד גראָבן? אויף מיין אייגנס?

— די ביינער אויך דיינס? — האָט יוזעף אָנגעוויזן אויף מענטש־לעכע קנאָכנס — נישט דיינס, וואָס?

— אויף מיין ערד אַלץ מיינס! מיינס וואָס האָסט אויסגעגראָבן, כ'על דיר וויזן גראָבן אויף מיינס, כ'על דיר...

און בעסער צו באַשטעטיקן זיינע ווערטער האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם שטעקן איבערן לאָמען יוזעף.

יוזעף האָט אַרויסגעלאָזט אַ שפּיציקן קוויטש, ווי אַן איבערגעפאָ־רענער הונט, איינגעקאַרטשעט זיך און מיטביידע הענט עקשנותדיק צו־געהאַלטן דעם בוזעם. דער קוויטש האָט פאַרהאַלטן קוזמאַס שטעקן אין דער לופטן. ווי גיך יוזעף האָט זיך איבערצייגט, אַז זיין סטראַטעגיע ווירקט, האָט ער זיך ערשט צעשריען, ווי מען וואָלט אים געקוילעט. סטעפּאַן קוז־מאַ וואָלט זיך מיט יוזעפס געשרייען נישט איבערגענומען, און אַן עצה וואָלטן זיך זיינע האַרטע הענט געגעבן אויך אַן אַ שטעקן. קוזמאַ איז אָבער אַ מענטש אַ סטאַטעטשנער, וואָס מיידט אויס לייטישע גערעדע־רייען. זונטיק אינדערפרי גייען די פויערים אין קלויסטער און יוזעפס ליאַרמען האָט געקאָנט עמעצן פון דער וויטנס צוציען. ער האָט נישט לאַנג געטראַכט און אָנגעוואָנדן אַן אַנדער טאַקטיק:

— יאַנעק, נעם אַראָפּ דאָס היטל, מ'עט דעם חזיר פאַרשטאָפּן דאָס מויל, ער וועט פאַרשפּאַרן רייסן זיך דעם האַלדז, מירן דערנאָך זען ווע־מענס ס'איז וואָס מ'גראָבט אויס אויף מיין ערד.

די ווערטער האָבן געווירקט מער ווי דער שטעקן. יוזעף האָט אַ

צעטומלטער זיך אויפגעריסן, געכומען זיך וואַקלען אויף די קרומע פיס, די אונטערשטע ליפּ האָט אונטערגעשפּרונגען, ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען און אָנגעבאָטן אַ שותפות:

— טאַ לאָמיר... לאָמיר בשותפות, מיר קאָנען ביידע צוזאַמען; פאַרוואָס ווילסטו מיך באַרויבן? וואָס בין איך, אַ ייד? ביידע קריסטן, איך אַ קריסט, דו אַ קריסט. דאָס געפונענע איז יידיש, ס'געהערט קיינעם. דאָס פעלד דיינס, אָבער איך האָב געפונען, געוווסט ווו צו גראָבן, נו, געהערט עס מיר און דיר אויף גלייך. מ'עט צעטיילן, כ'באַשטיי, אויף גלייך...

פון אָנהייב האָט ער זיך געקרעקט מיט די ווערטער, דערנאָך זיי אַרויסגעוואָרפן גיך־גיך, ווי די שרעק וואָלט זיי אַרויסגעשטופּט. סטעפּאַן קוזמא האָט בייז געקוקט אויף אים און פאַרדעכטיק געשוויגן. דאָס שווייגן האָט יוזעפן נאָך מער דערשראָקן, ער האָט אין איילעניש צוגעוואָרפן:

— איך ווייס ווו מ'דאַרף גראָבן, קיינער ווייסט נישט, איך ווייס, וועט מען, מ'וועט בשותפות.

דער אָנגעבאָטענער שותפות האָט קוזמאן געמאַכט אַ ביסל ווייכער — וואָס־וואָס, אָבער אַן אויסטויגער אין די זאַכן איז דער לאַמער פּאַרט אַ גרעסערער, ווי ער. ער האָט אַ ביסל געענדערט דעם טאָן, אָבער זיך אויסגעהיט צו זיין צופיל נאָכגיביק:

— מ'עט זען, אויב דו ווייסט, טאָ זאָל זיין...

ער האָט זיך באַלד פאַרכאַפּט און אָנגעהויבן דראָען:

— אָבער געדענק לאַמער טייוול, אויב וועסט אָפּנאַרן, געדענק! — האָט ער אים געוויזן דעם שטעקן.

— צו וואָס דיך אָפּנאַרן? מיר זענען קריסטן, איך אַ קריסט, דו אַ קריסט. דאָס באַגראָבענע יידישס. דיין פעלד, איך ווייס ווו צו גראָבן — וועט זיין אַן ערלעכער שותפות. איך קלייב נישט קיין קלייניקייטן, זאָלן די באַבעס קלייבן גאָלדענע ציין, מיר לוינט נישט. די יידן האָבן באַגראָבן גאָלד און צירונג און דאָלאַרן, האָבן בעסער געוואָלט אַריינוואַרפן אין אָפּטריט, באַגראָבן, איידער אָפּגעבן. ווי גאָט איז מיר ליב, אַזוי איז דאָס געווען. איינמאָל געשטאַנען און געקוקט, כ'זע מ'פירט אַ נייע פּאַרטיע יידן, שיין אָנגעטאָן, מסתמא נישט קיין היגע, האָב איך זיך פאַרגנבעט און געקוקט, אַזוי זיך, ווער וואָלט נישט געוואָלט זען? וואָס,

נישט? זע איך ביי איינעם אַ זייגער, אַיִ אַ זייגער! גיב איך אַ זאָג צו אים: „דיין זייגער גיב בעסער מיר, די דייטשן וועלן סיווי אַוועקנעמען". און ער גאַרנישט, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען. ווייז איך אים מיטן פינגער אויפן האַלדז און זאָג: „כיק", אַז אַלצאיינס וועט ער דעם זייגער נישט דאַרפן, זאָל ער בעסער מיר געבן. מיינסט ער האָט געגעבן? נישט געגעבן. אַזעלכע זענען זיי די יידן. ווייסן, אַז זיי וועלן אַליין פון דעם קיין הנאה נישט האָבן, און ווילן נישט אַנדערע זאָלן הנאה האָבן, אַזעלכע זענען...

קוזמא האָט אים געוואָלט ווייזן זיין העכערקייט און אים איבער־געריסן:

— נו, נו, פאַררעד מיר נישט די ציין, בין נישט געקומען מיט דיר איינטענהן. צוזאַמען מיט דיר קיין חזרים נישט געפּאַשעט. נעם אַרויס פון בוזעם, וואָס דו האָסט אויסגעגראָבן אויף מיין אייגנס און ווייטער זאָלסטו הינטער מיינע אויגן נישט דערוועגן. הערסט?

יוזעף האָט אָנגעהויבן שטאַמלען. קוזמא איז אים אַריין אין די רייד און ווידער שטרענג, מעשה באַלעבאָס, געוואָרנט:

— אָן מיין וויסן זאָל דיין פוס מער נישט קומען אויף מיין פעלד!

— צו וואָס אָן דיין וויסן? אָפּגעמאַכט איז אָפּגעמאַכט, דיין פעלד, מיין אַרבעט, מירן בשותפות, מירן טיילן גלייך אויף גלייך, נישט דיר קיין עוולה, נישט מיר קיין עוולה.

— דאָס וועלן מיר שפּעטער זען, דערווייל נעם אַרויס פון הינטערן העמד!

— געזאָגט איז געזאָגט, ביי מיר אַ וואָרט איז אַ וואָרט, איך בין אָן ערלעכער מענטש, איך...

ער האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, קענטיק ער האָט געוואָלט אָפּ־שלעפּן. קוזמא האָט אָבער געקוקט אויף אים מיט כעס. לית ברירה האָט ער פּאַמעלעך אַריינגעשטעקט די האַנט הינטערן בוזעם און נאָך פּאַמע־לעכער זי צוריק אַרויסגעצויגן. קוזמא האָט אין זעלבן אויגנבליק אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּאַרזשאַווערטע שאַכטל און אָן צו באַקוקן גלייך אַריינגע־רוקט אין דער לאַנגער קעשענע פון קורצן כאַלאַט. צוזאַמען מיטן שאַכטל האָט ער געלאָזט שטעקן די האַנט. יאַנעק האָט אונטערגעשפּרונגען פון פרייד.

אַפּגעריסענע צווייגן

— מיין חלק ? ! — האָט יוזעף פאַרצווייפלט אויסגערופן.

— כ׳בין נישט קיין גנב באַלד זיך צו טיילן מיט דער גנבה.

— און איך אַ גנב ? גענומען יידישס, ס׳געהערט אונדזביידע, מ׳דאַרף צעטיילן יושרדיק.

— נישט דאַ ! איך בין באַלעבאָס !

סטעפאַן קוזמא מיטן זון האָבן זיך איילִיק געלאָזט מיטן קירצערן וועג צוריק, געשטעלט פיס, ווי זיי וואָלטן באַקומען פרישע כוחות. דער לאַמער יוזעף האָט זיך געלאָזט נאָך זיי, געוואָלט זיי האַלטן טריט און אַלע מאָל מער געבליבן הינטערשטעליק, געשלעפּט זיך איילִיק אַ שטיק הינטער זיי.

וואַרשע, אַפּריל 1961

אַ מעשה מיט צווי פרויען און אַ הונט

קיקי האָט בלויז אַ האַווקע געטאָן. נישט מיט קיין שלעכטער כוונה. אפשר פון לאַנגווייל, אָדער גאָר אויס גאַסטפריינטלעכקייט? ווער קאָן דאָס וויסן וואָס קיקי טראַכט אין אַזעלכע מינוטן? ער האָט נישט ליב צו בלייבן מיט אַ פרעמדן מענטשן אָן זיין באַלעבאָסטע. אַז בלייבן איינזאַם, וויל ער שוין בעסער זיין אַליין. אָבער צו פריידקען האָט ער זיך געהאַט כמעט צוגעוווינט. נישט ס׳זאָל מיט איר היימלעכער זיין, נאָר זי שטערט אים נישט אין זיינע געוווינהייטן און אויפפירעכצן.

איז זיך קיקי פויל געלעגן אויף דער אָטאָמאַנע און וויניק וואָס זיך געמאַכט דערפון וואָס פריידקע איז אַנטקעגן אים געזעסן אויסגעצויגן אין פאָטעל און געשלאָפן. פלוצלינג האָט ער אויפגעריסן דעם קאָפּ און אַ שטאַרקן ביל געטאָן. פריידקעס שלאָף, וואָס רייסט זיך ביי יעדן שאָרך, ווי אַן אויסגעריבענער, אויסגעמאַטערטער פאָדעם, ווען מע גיט אים אַ ציַ, האָט זיך איבערגעריסן. דער קערפּער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי ער וואָלט פון ערגעץ אַראָפּגעפאַלן. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט.

דאָס ערשטע וואָס זי האָט דערזען אין דער פאַרנאַכטיקער, טונקעלער דעמערונג, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט אין צימער, זענען געווען צווי גלאַנציקע, גריגע הינטישע אויגן. ס׳האָט בפירוש אַרויסגעקוקט פון זיי געטריישאַפט, און געקוקט האָבן זיי צום גאַסט מיט מילדקייט. פריידקע האָט אָבער אין שלאָף פאַרגעסן אין קיקין, אין אַלע מעשיות, וואָס ליבע האָט איר געהאַט אָנדערציילט וועגן קיקיס געטריישאַפט און קלוגשאַפט. זי האָט דערזען אַנטקעגן זיך הינטישע אויגן, גרינע, גלאַנציקע און אין דמיון האָבן אָנגעהויבן שפּרינגען נאָך און נאָך הינטישע אויגן. דאָס בלוט האָט איר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ, זי איז אויפגעשפּרונגען, אָנגעכאַפּט זיך מיטביידע הענט ביים האַלדז און אַ געשריי געטאָן מיט אַזאַ קול, ווי אַ ביין וואָלט איר געבליבן שטעקן אין דער גרגלת. קוקנדיק אויף אַזאַ אויס־

טערלישע סצענע, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען, האָט קיקי זיך שטאַרק דערשראָקן. זיינע אויגן זענען געוואָרן גלאַנציקער, גרינער, די ברוין־זיידענע פעל האָט זיך אָנגעבלאָזן, דאָס הינטישע מויל האָט זיך צעעפנט און אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן פון זיך משונהדיק אַלאַרמירנדיקע קלאַנגען, ווי מ׳וואָלט דאָס הויז באַפאַלן. פריידקע האָט געמאַכט עטלעכע טריט הינטער זיך, פאַרטשעפעט אַ פוס אין טעפּיך, וואָס אויפן דיל און מיט אַ פאַרשטיקטן געשריי געפאַלן. קיקי האָט זיך אויף אַן אמת צעוויינט מיט אַ הינטיש געוויין.

נישט פריידקע און נישט קיקי האָבן געהערט, ווי ליבע שטעקט אַריין דעם שליסל און עפנט די טיר.

אויפמאַכנדיק די טיר, האָט ליבע ראשית כל דערהערט דאָס יאָמערן פון קיקין. זי האָט אויף גיך אָנגעדריקט ביים אַריינגאַנג אויפן עלעקטרישן קנעפּל און ווען דאָס צימער איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט ליכט, איז איר צוריק פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ס׳האָט לאַנג גענומען ביז זי איז דערגאַנגען, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען. קיקי האָט קיין פרטים נישט איבערגעגעבן, בלויז זיך צוגעטוליעט צו זיין באַלעבאָסטע און מיט אַ דין וויינענדיק קול געקלאָגט זיך פאַר איר. פריידקען האָט זי געמוזט ציען פאַר דער צונג, דערנאָך זי אויסגעמוסרט:

— וואָס איז דיר קיקי שולדיק?! וואָס האָסטו צו אים? צוליב יענע הינט דאַרף ער אָפּקומען? היסטעריע! קענסט אַזוי ווייטער נישט לעבן.

פאַרביידע האָט איר ווי געטאָן דאָס האַרץ. אי פריידקע, אי קיקי זענען פאַרפלאָכטן און פאַרבונדן מיט איר, ווי אַ קוישל מיט צווי הענטלעך: אַן די הענטלעך, וואָלט פון קוישל גאָרנישט אַרויסגעקומען. ביידע האָט זי באַגעגנט צופעליק, און יעדעס פון זיי האָט אויף אַן אייגענעם אופן געראַטעוועט איר דאָס לעבן. אַלע דריי זענען געהאַט געווען מיט אַ פוס אויף יענער וועלט. אָבער קיקי האָט מער מזל, ווי זיי ביידע, צום שנעלסטן געקומען צו זיך, צום לייכטסטן אויסגעוואַרעמט זיך אַ נעסט אויף דער ערד און צופרידן מיט זיך. מען זעט באַשיינפּערלעך, אַז קיקי האָט הנאה וואָס ער לעבט אויף דער וועלט. צו פאַרדאַנקען דאָס אַלץ האָט ער ליבען.

מיט פריידקען איז ליבעס פריינטשאַפט אַ סך אַן עלטערע, אָבער אַ קילערע. נישט זי זאָל זיך האָבן דורך די יאָרן אָפּגעקילט, נאָר פּשוט נישט געווען קיין געלעגנהייט זי זאָל זיך אַזוי צעוואַרעמען די פריינט־

שאַפֿט, ווי צווישן ליבען און קיקין. באַגעגנט האָבן זיי זיך אויף אַ בלאָ־טיקן וועג, אין אַ גרויען ערב־פֿרילינג טאָג. רעשטלעך פֿון צוויי לאַגערן האָט מען אויפֿן וועג צונויפֿגעפּאָרט און געטריבן צוזאַמען. ליבע האָט נישט געהאַט קיין אויסזיכט זיך צו דערשלעפּן. אירע געשוואָלענע פֿיס האָבן שוין געהאַט אָפּגעזאָגט זי צו טראָגן. האָט איר אָבער פֿלוצלינג דאָס גליק צוגע־שפּילט און ביי איר זייט האָט זיך באַוויזן אַ סך אַ ייִנגערע און שטאַרקערע פֿון איר. פֿריידקע האָט אונטערגעשפּאַרט אירע 25 יאָר אונטער איר שכנטעס אַקסל און געשלעפּט, געשלעפּט. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז מ׳האָט אַרויפֿ־געלייגט אויף איר אַ באַרג; נישט אַנדערש נאָר די אויסגעדאַרטע שכנטע איז געמאַכט פֿון בליי. און ליבען האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט שוין איר גאַנץ לעבן מוזן האָבן פֿריידקען לעבן זיך, זי וועט זיך שוין קיינמאָל נישט קאָנען צעשיידן מיט איר.

זיי האָבן זיך צעשיידט. איינע איז אַוועק אין איר געבורטס־שטאָט אויף דרום, די צווייטע איז געפֿאָרן קיין צפֿון־מערב זוכן גליק, דאָרט איז לייכטער מיט אַ וווינונג, מעבל, די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט.

ליבע האָט אין דער פֿרעמדער שטאָט זיך אויסגעהיילט פֿון אַלע חו־לאתן, נאָר נישט פֿון דער איינזאַמקייט. זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין הצלחה, קיין סך ווייבערישן חן אויך נישט, דאָס ביסל וואָס האָט געשטעקט אין איר, האָבן זיי דאָרטן אָפּגעווישט. נישט קיין בעסער אויסזען, ווי דאָס פּנים האָט געהאַט דאָס געמיט. און די עלנטקייט האָט אַזוי לאַנג געפּרעסן דאָס האַרץ, ביז גאָט האָט איר צוגעשיקט קיקין, טאַקע ווי פֿון הימל איז ער איר אַראָפּגעפֿאַלן.

ס׳איז געווען אין אַ וואַרעמען מאַי־זונטיק אינדערפֿרי. ליבע האָט אַליין שפּאַצירט ביים ברעג פֿון דער אָדער. די זון האָט זילבערדיק געשיינט, דער הימל ווייס־בלוי, נאָר ביי איר אויפֿן האַרץ גרוי, פֿאַרוואָלקנט.

אַ פֿאַרבייגייער מיט אַ קאַשיקל אין האַנט האָט זיך פֿאַרהאַלטן נאָענט ביים וואַסער. זי האָט זיך דערנענטערט און זיך אויך פֿאַרהאַלטן. דער מאַן מיט אַ פֿויערישן אויסזען, אין קאַלירלאָזע, אָפּגענוצטע זונטיקדיקע קליי־דער, האָט אַרויסגעצויגן פֿון קוישל אַ שיין, טונקל־ברוין הינטעלע. ס׳האָט געסקאַמליעט. ווי ס׳וואָלט געבעטן רחמים. ליבען האָט אָנגענומען ביים האַרץ.

אפגעריסענע צווייגן

— וואָס ווילסטו טאָן דערמיט ?

— דערטרינקען.

— פאַרוואָס ?

— כ׳באַדאַרף ס׳נישט.

— גיב עס מיר.

— וואָס וועל איך האָבן דערפון ?

— דיין הינטל וועט לעבן.

— מיר אַלצאיינס.

— ס׳איז דיר נישט קיין רחמנות ?

— רחמנות ? אויף מענטשן האָט מען נישט רחמנות, זאָל איך אויף אַ הינטל !

— מיר איז אַ רחמנות, אויף דיר, אויפן הינטל, גיב עס מיר.

— וואָס וועל איך האָבן פון דיין רחמנות ! פאַר רחמנות צאָלט מען.

— וויפל ווילסטו ?

— אַז האָסט רחמנות אויף אַ הינטל, קאָנסטו געבן 50 זלאָטעס.

— צען.

— פאַר צען וויל איך ס׳בעסער דערטרינקען.

— וואָס וועט דיר אַרויסקומען, אַז וועסט דערטרינקען ?

— מיין אייגנס, כ׳קאָן טאָן וואָס כ׳וויל.

ער האָט אָנגעהויבן רימען זיין סחורה: פון אַ גוטער ראַסע, די סוקע די מאַמע אַ שיינקייט פון אַ הונט, נאָר קיין קליינוואַרג דאַרף ער נישט, דאָס איז אַ זכר, ס׳וועט נישט זיין דערמיט קיין צרות מיט קליינוואַרג.

— כ׳גיב דיר צוואַנציק זלאָטעס.

— פאַר אַזוי ווייניק לוינט זיך מיר נישט, פאַר אַזאַ שיין הינטל !

— וועסט דערטרינקען וועסטו גאָרנישט האָבן.

ער האָט זיך אַ ביסל געוואָקלט און נאָכגעגעבן :

— זאָל זיין 25 ! העלפט אויף העלפט, אַזוי ווי די יידן מאַכן ביים האַנדל.

ליבע האָט אויסגעקראַצט פון אַלע קעשענעס, דורכגעזיפּט דעם בייטל און אָפּגעציילט 24 זלאָטעס, מער האָט זי נישט ביי זיך. דער פויער האָט געקוקט אויף איר מיט אומצוטרוי, געעצהט זי זאָל נאָך אַריינקוקן אין בייטל, אין די קעשענעס און לית ברירה צוגענומען דעם נישט פולן פרייז און אָפּגעגעבן דאָס הינטל, דאָס אַלטע קוישל נישט געוואָלט צוגעבן, נישט

געווען אַריינגערעכנט אין פרייז. ליבע האָט געמוזט אַהיימטראָגן דאָס הינטל אין איר אָרעם.

זינט יענעם טאָג איז ליבע געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. זי האָט געהאַט פאַר וועמען צו זאָרגן, מיט וועמען זיך צו פאַרנעמען, געהאָדעוועט דאָס הינטל ווי להבדיל אַ געטרייע מאַמע איר איינציק קינד, געוואַשן און געבאָדן עס מיט שמעקנדיקן זייף, געקעכלט מיט די בעסטע מאכלים, האָט זיך איינגעהאַנדלט אַ ספּעציעלן בוך און דערצויגן קיקין לויט די בעסטע, פּעדאַגאָגישע פאַרשריפטן. און כאָטש קיקי איז שוין איצט אַ הונט אין די יאָרן און שטייט שוין פאַרן שוועל פון דער זקנה, באַגייט זיך מיט אים ווייטער ליבע, ווי אין די יאָרן פון זיין קינדהייט. פּונקט ווי אַ מאַמע דערזעט נישט ווי אירע קינדער וואַקסן אונטער, אַזוי זעט נישט ליבע, אַז קיקי איז שוין אַ באַיאָרטער הונט.

קיקי צאָלט איר אָפּ מיט דער זעלבער ליבשאַפט און געטריישאַפט, פאַרשטייט איר יעדעס וואָרט און איז אַזוי געהאָרכזאַם ווי נאָר דאָס הינ־טישע מין קאָן זיין. איז ליבע נישט מיט אַלעמען, אָדער ס'איז איר שווער אויפן האַרץ, טרעט שוין קיקי פון איר נישט אָפּ, קוקט אויף איר מיט אַזעלכע פאַרליבטע און געטרייע אויגן, אַז ס'ווערט איר לייכטער. הכלל, ליבע איז שוין נישט איינע אַליין אויף דער וועלט. זי האָט צווישן די פיר ווענט צו וועמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן, אַ שטומע צונג, אָבער אַ לעבעדיק באַשעפעניש, בפרט קיקי קוקט אויף איר ווי ער וואָלט זיך אויסגעטענהט מיט איר.

אַנדערש מיט פריידקען: אַזוי איינזאַם־פאַרלוירן ווי דעמאָלט אויפן בלאָטיקן וועג. ליבע האָט אפילו געוואָלט אָנווענדן די זעלבע רפואה, וואָס זי האָט אָנגעוואָנדן צו איר אייגענער איינזאַמקייט. אָבער ווען מע וואָלט פריידקען אָפּגעגילדט וואָלט זי נישט אַריינגענומען קיין הונט אין שטוב. זי ווייכט פון דערווייטנס פון בעסטן הונט, ווי דער גאַנצער הינטישער מין וואָלט שולדיק געווען פאַר דעם וואָס יענע הינט פלעגן אָפּטאָן.

— נישט אַנדערש נאָר דו ווילסט איינפירן קאָלעקטיווע פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר הינט. זיי דאָרט, די צווייפיסיקע כלבים, וואַרפן דאָס אָפּ, ווילסטו זיך נוקם זיין אין די הינט.

ליבע עסט זיך אָפּ די גאַל מיט פריידקען. זינט ס'האָט געטראָפן דאָס אומגליק מיט איר מאַן, הערט זי נישט אויף צו שרייבן צו איר בריוו און

געבן עצות. זי זאָגט וועגן איר: מ׳דאַרף נישט זיין שיין, מ׳דאַרף נישט זיין געבילדעט, נאָר מזל דאַרף מען האָבן. און פריידקע האָט נישט קיין מזל, אַלץ הייסט נישט האָבן קיין מזל? צו וואָס זי רירט זיך צו ווערט דערפון אַ תל עולם. מיטן ערשטן מאַן אַפּגעקומען גאַנצע זעקס יאָר, מיטן צווייטן זיך געפּרייט בלויז זעקס חדשים. דער ערשטער האָט מער פון אַלץ ליב געהאַט די כוסה, דער צווייטער האָט מער פון אַלץ ליב געהאַט זי, פריידקען. האָט דער רבונו של עולם זיך מיישב געווען, אַז צופיל גליק פאַר אַזאַ פריידקען, און אונטערגעשיקט דעם מלאך המות. ער איז געקומען אין דער ריכטיקער צייט דער מלאך המות; פונקט ווען אַדאַם שטראַסער, פריידקעס צווייטער מאַן איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער אַרבעט. ס׳איז געווען איינס־צוויי, אַ האַרץ־שלאַג און פאַרטיק. די ערד האָט זיך ווידער אַ וואַקל געטאָן אונטער פריידקעס פיס. דערצו האָט זי זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז דאָס האַרץ האָט ביי אים געפּלאַצט. וואָס דרייט מען איר אַ קאָפּ מיט אַן אינפאַרקט? דאָס האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן, געפּלאַצט, ביים טעלעפאָן, אַוועקגעפאַלן ווען ער האָט געהאַלטן דאָס טרייבל אין האַנט.

דעמאָלט האָט ליבע באַנייט די פריינטשאַפט מיט איר. מע דאַרף זי איצט אונטערהאַלטן, ווי פריידקע האָט זי דעמאָלט אונטערגעהאַלטן אויפן בלאָטיקן וועג, דערנאָך אין די ערשטע חדשים. אָבער זי, ליבע, קאָן זי נאָר אונטערהאַלטן מיט עצות: פאַרוואָס זאָל פריידקע נישט אָפּנעמען דאָס וואָס ס׳קומט איר? פאַרוואָס זאָל זי נישט פּרווון איר גליק ערגעץ אַנדערש? ווען זי, ליבע, וואָלט געווען אין איר עלטער! ווען זי וואָלט געהאַט איר חן! ווען זי וואָלט געקאָנט מאַנען!

די צייט האָט אַנגעהויבן לויפן אַלע מאָל גיכער. פריידקע האָט זיך אַרומגעזען, אַז זי איז שוין נישט גאָר יונג. מיט איינמאָל דערפילט, אַז די יאָרן הויבן אַן אַריינקריכן אין לייב, אין די ביינער. מיט וואָס זענען זיי אַוועק די יאָרן? האָט זי דען זיי נישט פאַרטאָכלעוועט? צעטרענצלט? וואָס האָלט זי דאָ? ווער דאַרף זי דאָ? פאַרוואָס האָט זי פריער נישט געזען ווייטער פון איר נאָז?

פראַגן וואָס זי האָט געיאָגט פון זיך ווי זשמודנע פליגן, זענען איר איצט באַפאַלן ווי רויבער, אַוועקגערויבט פון איר די רו, דעם שלאָף. פאַרוואָס האָט זי זיך אַרומגעקוקט אַזוי שפּעט? צי וועט זי איצט בכוח

זיין אַנצוהויבן אויף ס׳ניי ? ווי אַזוי ? ווו זוכן אַן אָנשפּאַר ? אַן אָנהאַלט ? קיינמאָל די נאַז נישט אַרויסגעשטעקט פון דאַנען. דאָס יאָר פאַר דער מלחמה נישט דערוואָרעמט דאָרט דאָס אָרט. ווי אַזוי איצט אונטער אַנדערע הימלען ? צווישן נייע מענטשן ?

ליבע איז ערשט רעכט צוגעשטאַנען צו איר: פאַרוואָס זאָל זי נישט מאַנען וואָס ס׳קומט איר ? געבראַכט געוואָרן מיט די ערשטע פון פּאַריז, אָפּגעזעסן לענגער פון איר, זי אויף איר אָרט וואָלט געוווסט וואָס זי האָט צו טאָן. קלוג און באַנאַרישט זיך כסדר. ניין, דאָס איז ערגער ווי נאַרישקייט, מילא, זיך די עוולה וואָס זי טוט, אָבער יענע אַ טובה טאָן ! ?

פריידקע האָט זיך נאָך געפּרוווט ווערן: זי קאָן נישט ! איבערפאַרן זיך, אַרומזען זיך — יאָ, אפילו בלויז איבערצוקלופּטערן זיך לוינט, אָבער זי וועט נישט גיין צו זיי אויפדעקן אירע ווונדן זיי זאָלן איר דערפאַר באַצאָלן. וואָס ? זי וועט נעמען געלט פאַר איר פאַרברענטער מאַמען ? פאַר איר דערשאָסענעם טאַטן ? פאַר דער שוועסטער, וואָס די דרעסירטע הינט האָבן זיך געוואָרפן איר צום האַלדז ? ס׳איז געווען אויף אירע אויגן, קיין איין טאָג, קיין איין נאַכט נישט פאַרגעסן. דריי טעג האָט זי זיך נאָך געמאַטערט ביז זי האָט אויסגעהויכט די נשמה. זי, פריידקע, האָט דעמאָלט... ניין, זי וועט נישט !

ליבען האָט זי אָבער נישט איבערראַשט, זי האָט אויך געזען נישט ווייניק, נו, איז וואָס ? זאָל מען זיי דאָס שענקען ? זיי וואָלטן צופרידן גע־ווען, נאָך ווי צופרידן ! זיי צאָלן דען ווייל זיי ווילן ? באַנדיטן וואָס פאַלן אָן, מאָרדן און רויבן אויס, צווינגט מען נישט כאָטש אָפּצוגעבן דאָס אויס־געראַבעטע ? פאַדערט מען נישט קיין פאַרגיטיקונג פאַר די לעבנגעבלי־בענע ? זי אויף פריידקעס אָרט וואָלט געפאָדערט דאָס איריקע כאָטשבי צו דערמאָנען זיי אין זייערע שיינע מעשׂים. אָוועקשענקען זיי דאָס וואָס ס׳קומט אונדז ! נישטאָ ווער זאָל לאַכן. מען דאַרף נישט האָבן פאַר קיין גראָשן שכל זיך אַזוי אָפּצורעכענען מיט זיי.

זי האָט אַזוי לאַנג אַריינגערעדט אין איר, אַז פריידקע איז לסוף איינ־געגאַנגען. אפשר וועט עס זי שטעלן אויף די פיס. ניין, ניין, נישט צוליב דעם ! צוליב אַנדערע חשבונות, זי וועט זען אויפן אָרט. זאָל זי זיך נאָר אַרויסריירן.

ס׳איז געווען פאַרן אַרויסריירן זיך. דער נאָוועמבער־טאָג אַ מילדער. דער גאָלדענער האַרבסט האָט זיך פאַרצויגן, געהאַלטן נאָך אין מאָלן די בלעטער אויף די ביימער מיט אַלע ניואַנסן פון וואַרעמען געל און רויט.

אפגעריסענע צווייגן

בלויז די זון איז נישט אָפּגעשטאַנען פון איר שטייגער, אַראָפּגעלאָזט זיך פרי פון האָריזאָנט און פאַרקירצט דעם טאָג. פריידקע האָט אָפּגעריסן אַ טאָג פון איר אויסגערעכנטער צייט און געקומען זיך זען מיט ליבען. פאַרט אַ סך עלטער פון איר, אירע האָר זענען שוין זילבערדיק, כאָטש דאָס פּנים האָט זיך קיין סך נישט געענדערט; מיאוסע פּרויען עלטערן זיך נישט אויפן געזיכט, מסתמא אַ פאַרגיטיקונג פון דער נאַטור, אָבער זי, פריידקע, געדענקט, אַז ליבע איז עלטער מיט 20 יאָר. ווי וועט זי גופא אויסזען אין 20 יאָר אַרום ? וועט זי האָבן אויסגעוואָרעמט אַ נעסט ?

דעם גאַנצן טאָג איז זי אַרומגעקראָכן, דאָ און דאָרט אַריינגעשמעקט אין אַ מאַגאַזין, צוריקגעקומען אַ מידע און אַריינגעזעצט זיך אין פאָטעל וואָרטן אויף ליבען, אָט־אָט קומט זי זיכער אָן. דערווייל איז איר באַפאַלן אַ שלעפעריקייט, אונטערגעגעבן זיך און איינגעשלאָפן. אויפגעוועקט האָט זי נישט ליבע נאָר קיקי. אַ פאַרשלאָפענע, צעטראָגענע, מיט שטיקלעך צע־פּליקטן חלום, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט אין מוח, האָט זי אין דער פינצטערניש דערזען הינטישע, גלאַנציקע אויגן.

— וואָס איז קיקי שולדיק ? וואָס ?! זיינע אויגן ?! משוגע מיינע שונאים! ער האָט בעסערע אויגן ווי טייל מענטשן; נו, לאָז געמאַך, פאַרן פאַרן אַזאַ היסטעריע, דאַרפסט זיך נעמען אין די הענט, איך אויף דיין אָרט וואָלט שוין פון לאַנג, ס'איז די העכסטע צייט.

— כ'וועל דעמאָלט שטענדיק זען פאַר די אויגן גלאַנציקע, הינטישע אויגן.

— לאָז אָפּ! ביסט נישט איינע געווען. אַז זיי וועלן דיר אָפּגעבן וואָס דיר קומט, וועסטו אָנהייבן לעבן ווי אַ מענטש, ראשית הויב אָן צו מאָנען.

— כ'וועל נישט !!

זי האָט זיך אין דער רגע געהאַט אָנגעטראָפן מיטן הונטס אויגן און אַזאַ געשריי געטאָן, אַז קיקיס ברוינע, געפּלעגטע פעל האָט אַ ציטער געטאָן.

דער הונט איז אַראָפּ פון דער אָטאָמאַנע, אַראָפּגעלאָזט נידעריק דעם ווידל, אָוועקגעשטעלט זיך פאַרביידע צעהיצטע פריינדינס און געקוקט מיט טריבע אויגן, ווי ער וואָלט מחילה געבעטן.

וואַרשע, אָקטאָבער 1965.

אויף אַ שטילן דאָרף

אַרנאָלד איז אויסגעשטיגן פון צוג, אַרומגעקוקט זיך און פאַרנומען זיך מיטן וועג פאַר זיך. דער גרויסער, אָנגעפּראָפּטער רוקזאַק האָט אים געדריקט ווי אַ פּאַנצער, איינגעבויגן די 42־יעריקע פּלייצע, נאָר ער האָט זיך דערפון גאָרנישט געמאַכט. ס׳האָט אים בלויז פאַרדראָסן, וואָס ער איז נישט צוגעוווינט צו אַזאַ ספּאָרט. ער האָט לויזער געמאַכט די פּאַסקעס. דער רוקזאַק האָט זיך אַראָפּגערוקט און געקלאַפּט אין קריזש, איינגעבויגן אים נאָך מערער.

ער האָט צוריק פאַרצויגן די פּאַסקעס, אויסגעגלייכט זיך און איראָניזירט אויף זיין אייגענעם חשבון: „אַ שטאָטישע חיה געוואָרן, דער קערפּער ווי אַ מאַנעקין, פאַרלוירן די עלאַסטישקייט, קאָן שוין נישט מאַכן דעם מינדסטן בויג. אַז אַ מענטש ליגט אַזוי לאַנג פאַרגראָבן אין די שטאָטישע ווענט! איצט מוז עס נעמען אַ סוף, פּטור ווערן נישט בלויז פון טומל, פון אַלע גערעדערייען, נאָר אויך פון דער שלאַבעריקייט, וואָס האָט זיך פאַרנעסטעט אין מיין קערפּער״.

אַזוי טראַכטנדיק איז אים לייכטער געוואָרן צו טראָגן די שווערע משא. און טראָגן דעם רוקזאַק האָט ער געדאַרפט נאָך אַ היפּש שטיקל וועג. פון דער באַן־סטאַציע צום דאָרף איז אַ פיר קילאָמעטער און אפשר מיט אַ סמיטשיק. פון קיינעם האָט ער זיך נישט געקאָנט דערוויסן גענוי וויפל ס׳האַלט דער וועג. איין באַאַמטער אויפן וואָקזאַל האָט אים געזאָגט: אַ קילאָמעטער צוויי־דריי, אַן אַנדערער איז זיך משער געוועזן, אַז בלויז איין קילאָמעטער, העכסטנס צוויי. אין אינפאָרמאַציע־ביוראָ מעסטן זיי בכלל נישט אויף קילאָמעטערס: „אויב נישט מיטן אויטאָבוס איז אַ שעה צייט צוצוגיין, שפּאַצירנדיק״.

ערשט אין צוג האָט אים אַ פּאַסאַזשיר פון יענער געגנט פאַרזיכערט, אַז צום שטעטל איז פיר קילאָמעטער, און אַזוי ווי די כאַטע ליגט ווייט הינטערן שטעטל, קאָן זיך דער וועג אויסציען ביז אַ פינף קילאָמע־

טער, אויב ער וויל נישט דורכשניידן דאָס שטעטל. וואָלט ער פאַרויס גע־וווסט, וואָלט ער געקומען אין די פאַרמיטאָג־שעהן, ווען ס׳גייען אויטאָ־קאַרן, און ער וואָלט אויך נישט אַריינגעשטופּט אין רוקזאַק וואָס ס׳איז אים נאָר געלעגן אונטער דער האַנט. אַ זאַק שטיינער טראָגט ער איצט אויף דער פּלייצע. וואָס פאַראַ משוגעת געווען צו נעמען די גראָבע ענצי־קלאָפּעדיע! און צו וואָס טויגן אים אַזויפיל ביכער? ער וועט דען לייע־נען? ער דאַרף דאָך דאָ שרייבן און נישט לייענען, אַנטלאָפן פון שטאָ־טישן הוהאַ צו קאָנען מיט אַ רואיקן קאָפּ פאַרענדיקן די פּיעסע.

די יולי־זון האָט זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט צום וואַנדרער מיטן שווערן פּאַק אויף די פּלייצעס און זיך גאָרנישט געמאַכט פון זיינע טראַכ־טענישן. גליטשנדיק זיך בהדרגהדיק באַרג אַראָפּ פון איר זעניט־פּאָזיציע האָט זי זיך גאָר אַלע מאָל מער צעגליט.

אַרנאָלד האָט זיך אָפּגעשטעלט, דערנאָך אַראָפּגעגאַנגען פון דער סטעזש־קע און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אָנגעשוואָלענעם רוקזאַק. ער וועט דעם וועג מיט די אייגענע טראַנספּאָרט־מיטלען אין איין אָטעם נישט דורכ־מאַכן, נישט די פיס און נישט די פּלייצע גייען אײַן צו ווערן מיט איינ־מאָל ספּאָרטסמעניש מיטן גאַנצן קנאַק.

ער האָט אַראָפּגענומען דאָס העמד. ס׳איז געווען פייכט. אַרום און אַרום קיין איין בוים, קיין איין קוסט, קיין פּיצל שאָטן. אַ פּאַנאָנדערגע־שפּרייטע צעבליטע ערד; זי זינגט מיט אַלע ניואַנסן פון גרינס, מיט אַלע קאָלירן פון זומער. דאָס געזאַנג פון קאָלירן מישט זיך אין דער שטילקייט אויס מיטן בּזשומען פון זשוקעס. אויך די שטילקייט זינגט שטיל־שטיל, ווי איינצושלעפערן.

אַרנאָלד האָט זיך איינגעהערט אין דער מיסטעריעזער סימפאָניע און גלייכצייטיק מיט הונגעריקע אויגן געשלונגען דעם אַרום, אָבער אַ מידער זעטיקט זיך שנעל אָן. ער האָט זיך אונטערגעגעבן דער מידקייט און אַזוי ווי ער שטייט און גייט זיך אויסגעצויגן. זיין לאַנגער, דינער גוף האָט אויפן גראָז אַרויסגעוואָרפן אַ שאָטן נאָך אַ לענגערן און דינערן, וואָס האָט נערוועז־קאָמיש געדרייט זיך ביי יעדער באַוועגונג פון זיין באַלעבאָס.

אַן איינגעטונקענע אין גראָז, האָט אַרנאָלד זיך דערפילט אָפּגע־פרישט; און אַז שוין ליגן דאָ אויפן גראָז, איז איינס־צוויי אַראָפּגעצויגן די שיך און די הויזן; ער האָט דאָ אַ גרינע פּליאַזשע, זאָל דאָס גאַנצע לייב

דערפילן דעם טעם פון זומער אויפן דאָרף. זיין זיידע, דער דאָרפס־ייִד, איז זומער אַרומגעגאַנגען באָרוועס, דאָס העמד צעכראַסטעט, די אַרבל פאַרקאַטשעט; ווינטער פלעגט ער פרייטיק פאַרן אין שטעטל אין דער שוויץ־באָד און לאָזן שמייסן דאָס לייב מיט הייסע בעזעמלעך. אפשר האָט דאָס אים געגעבן כוח צו דערציען ביז 92 יאָר ? דער זיידע פלעגט אָפּלאַכן פון שטאָטישע מענטשן: וואָס ווייסן זיי ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיטן אייגענעם גוף ?

דעם זיידן איז געגאַנגען אין לעבן דאָס אייניקל זאָל נישט ווערן קיין „שטאָטישע חיה״, מיטגענומען צום בוג און געלערנט אים שווימען. ער אַליין איז געשווומען ווי אַ פיש, אָבער דאָס אייניקל האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעלערנט רעכט שווימען. אַז דער זיידע האָט שוין קוים אַרומ־געדרעפּטשעט, פלעגט ער זומער זיך אויסציען אויפן גראָז הינטער דער נחלה, ליגן מיטן זייט־זשע מוחל אַרויף, דעם קאָפּ פאַרדעקט און אויס־בריען די פלייצעס אויף דער זון.

אַרנאָלד האָט מעכאַניש אויסגעצויגן די האַנט נאָכן העמד און פאַר־דעקט דעם קאָפּ. ער האָט געוווּסט וואָס ער טוט דער זיידע.

ער האָט זיך איבערגעדרייט אויף איין זייט, באַלד אויף דער צווייּ־טער. דערנאָך זיך אַ צופרידענער אויפגעזעצט, געכאַפּט אַ קוק אויפן זייגער און זיך צוריק אַוועקגעלייגט. וואָס האָט ער זיך צו איילן ? ער וועט היינט שוין סייווי זיך נישט נעמען צו גאַרנישט. זאָל ער פריער זיך אויסטאָן פון שטאָטישן רויש, וואָס שטעקט אים אין אַלע ביינער. זייער גוט, וואָס די כאַטע דאָרט איז ערגעץ פאַרוואָרפן אויף אַ זייטיקן וועג.

אַז אַרנאָלד האָט מיט עטלעכע וואָכן צוריק אָנגעהויבן שרייבן זיין פאַרטראַכטע פּיעסע, האָט ער זיך געזאָגט, אַז קיינער און קיין שום זאַך וועט אים פון איצט אָן נישט אָנגיין. דעם טעלעוויזאָר און ראַדיאָ וועט ער עפענען אויף אַזוי פיל, ער זאָל וויסן צי ס׳איז נישטאָ קיין קאָסמישער איבערפאַל פון עפּעס גיגאַנטישע ברואים פון אַן אַנדערער פּלאַנעטע. דעם טעלעפאָן האָט ער אָפּגעשלאָסן.

אָבער אַז ס׳גייט נישט, גייט נישט. דער מאַטעריאַל האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, ער לאָזט זיך נישט קנעטן, האַרטנעקיק, שטעלט זיך אַוועק שטאַרצעם; דער דיאַלאָג אָדער ער ציט זיך און קאָן זיך נישט פאַרענדיקן, אָדער די צונג דרייט זיך שווערלעך אין די מיילער פון די

פערסאנאזשן. און די אטמאספער! אלץ ארום שטערט! וועןביידע יונגע פארליבטע האבן זיך געפונען אין א זוניקן פרילינג-פרימארגן אין שטילן פארק, איז פלוצלינג די שכנטע ארייננגעלאפן מיט א געיאמער: זי האט געלאזט דעם מאן א לעבעדיקן און געזונטן און געטראפן א טויטן. גיי באקום נאכדעם ארויס פון זיך א ביסל פייער, וואס זאל אנצינדן די יונגע הערצער מיט לעבנס-פרייד.

ער האט דעם ערשטן אקט נישט פארענדיקט און זיך גענומען צום צווייטן. ס'איז אים אבער אויך דא נישט געגאנגען. ער האט קוים צונויפ־געפירט צוויי אנדערע פערסאנאזשן, אלטע פריינט, אנגעשטאפטע מיט יארן און לעבנס-חכמה. אבער פונקט דעמאלט, ווען זיי אנטציקן זיך מיט דער דארפישער שטילקייט, האט זיך אנגעהויבן די מעשה, וואס דערגייט אים יעדן טאג די יארן: אין די צוויי אנטקעגנאיבערדיקע ווינונגען, וואס זייערע פענצטער גייען, ווי זיינער, ארויס אין שמאלן הויף, האט מען מיט א ברייטער האנט געעפנט די ראדיאס; די ליבע שכנטעס, ווי גיך זיי קומען פון דער ארבעט, לאזן זיי אויף אלע רעלסן אין גאנג זייערע ראדיא-אפא־ראטן, זיי דארפן נויטיק ווי דאס לעבן א ביסעלע מוזיק, דערפאר צאלט מען. און מען איז דאך ביי זיך אין שטוב.

אן אנדערער שכן, אן עלטערער מענטש, טוט זיי אפ אויף טערקיש: ער עפנט דעמאלט דעם טעלעוויזאר, צי ס'איז יא פאראן א פראגראם, צי נישט; ער פארטויבט, זאגט ער, מיטן טעלעוויזאר דעם רעש פון די „ראדיא-קאטערינקעס”, וואס מאכן א תל פון זיינע נערוון; אנדערש, זאגט ער, וואלט ער נישט אויסגעהאלטן.

ארנאלד האלט אויך נישט אויס, נאר דער טעלעוויזאר איז א קנאפע רפואה, ער מוז פארשטופן די אויערן. אזוי ווי שטענדיק האט ער זיך ווי אן אפגעבריטער אויפגעריסן, פארמאכט די פענצטער און ארייננגעלייגט אין די אויערן גראבע קנויטן וואטע. ס'טויבט נישט אפ אינגאנצן דאס געהער, נאר גוט איז דאס. די רוישיקע קלאנגען, וואס רייסן זיך ארײַן דורך די טאנדעטנע, דינע ווענט זעצן שוין נישט ווי מיט א האמער אין קאפ.

ער האט זיך צוריק גענומען צו דער ארבעט. ווען ער האט אבער זיינע צוויי העלדן אוועקגעזעצט קעגנאיבער זיך אין געפלאכטענע, דאר־פישע פאטעלן, אויסגעבעטע מיט קישעלעך, און זיי צעשמייכלטע האבן קוים אויסגעטוישט עטלעכע פריינטלעכע ווערטער, האט דאס הויז אנגע־הויבן זיך טרייסלען, ווי פון געהיימע, אונטערערדישע באמבארדירונגען.

וואס פארא נייע אנשיקעניש? ער האט זיך דערמאנט: היינט אינ־

אויף אַ שטילן דאָרף

דערפֿרי האָט ער באַגעגנט די שכנטע אַ צעפּלאָמטע, די וואָס וווינט אַ שטאָק נידעריקער, אונטער אים; זי האָט אויף אַן אַלטן קינדער־וועגעלע געבראַכט צופֿירן אַ וואַש־מאַשין פֿון דער מאַרקע „ראשמאַן" און אַ שטויבזויגער, „נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע". אַז ער האָט דערזען דעם פּירקאַנ־טיקן שטויבזויגער, האָט אים געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרץ, מ׳האָט אים געזאָגט, אַז דאָס ריטשעט ווי אַ צערייצטע חיה. ער האָט נאָך צוגעלייגט אַ האַנט צו זיין אומגליק, געהאָלפֿן אַרויפֿטראָגן אויפֿן ערשטן שטאָק, איצט צאָלט זי אים אָפּ דערפֿאַר, געלאָזטביידע מאָנסטערן אין גאַנג.

ער איז אַרויס פֿון שטוב. אויף די טרעפּ איז אים אַנטקעגנגעקומען זיין באַקאַנטער פֿון פּערטן שטאָק מיט אַ צייטונג אין דער האַנט. ער האָט אים פֿאַרשטעלט דעם וועג און אַ פֿרעג געטאָן:

— ווייסט שוין די נייעסן?! וואָס ס׳רודערט זיך אין...

— כ׳וויל נישט וויסן! — האָט ער אים איבערגעריסן — גיב מיר דעם אַדרעס!

דעם אַדרעס פֿון דער דאָרפֿישער כאַטע האָט אים זיין באַקאַנטער אויסרעציטירט פֿון אויסנווייניק, כאָטש ער איז נאָך דאָרט קיינמאָל נישט געווען. ביז אַרנאָלד האָט זיך אָבער דורכגעשריבן און אויסגעקליבן איז דורך אַ שטיקל צייט.

נאָך דריי וואָכן האָט זיך אַרנאָלד געפֿונען אויפֿן דאָרפֿישן, שמאָלן וועג צום אויסגעבענקטן ווינקל. ער וואָלט נאָך איצט געלעגן אויסגעצויגן אויפֿן גראָז, ווען נישט דער דורשט. ער האָט זיך פּאַמעלעך אויפֿגעהויבן און אויף ס׳ניי אַרומגעכאַפּט מיטן אויג די געגנט אַרום און אַרום. קיין שום אויסזיכטן צו קאָנען דאָ ערגעץ באַנעצן דעם האַלדז, לית ברירה האָט ער זיך תיכף געלאָזט ווייטער אין וועג.

ער איז אָנגעקומען, ווען די זון האָט זיך שוין געזעצט.

פֿאַרן שטעטל האָט אים אָנגעיאָגט אַן אויטאָבוס. אַרנאָלד האָט אָבער נישט געהאַט קיין פֿאַרדרוס וואָס ער האָט זיך אויף זיין צייכן נישט אָפּ־געשטעלט. פֿאַר אים איז די זון אַ גינגאָלדענע געהאַנגען נידעריק איבערן האָריזאָנט, אויף זיינע אויגן איז דאָס גינגאָלד געוואָרן פֿייערדיק, און וואָס מער זי האָט זיך אַראָפּגעגליטשט איבערן ראָז־בלויען הימל־ראַנד, אַלץ

אַפּגעריסענע צווייגן

פייערדיקער איז זי געוואָרן די זון. איר רויטער אָפּשיין האָט געפינקלט איבערן גרינס פון וואַלד וואָס אויף רעכטס.

די נחלה איז אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צום וואַלד, מיטן פּנים צום וועג, ווייטער איז דאָס דאָרף, און נאָך אַ ביסל ווייטער — דער פּאַלאַץ, אַ צעקראַטשעטע, אָפּגעבליאַקעוועטע געביידע, די אַמאָליקע זומער־רעזידענץ פון פּריץ, ביי וועמען דער אַמאַליקער יידישער באַלעבאָס פון דער איינזאַמער נחלה האָט געהאַלטן די פּאַכט.

אַרנאָלד איז מיט שמאָלינקע טרעפּלעך אַרויף אין אַ ברייטער קאַמער, דאָס איינציקע, איינשטאָקיקע צימער. זיין אויג איז געפאַלן אויפן אָפענעם פענצטער. דורכן פענצטער האָט מען נאָך געקאָנט זען ווי די זון זינקט איין אין האָריזאָנט. איר האַלבער, קיילעכדיקער גוף איז געוואָרן קלענער און קלענער; פאַרשווינדנדיק האָט זי באַפאַרבט דעם הימל־ראַנד מיט אַזאַ פּורפּור־רויט, וואָס פאַרמאָגט אַ צוויי צענדליק ניואַנסן, אַזוי ווי דער רויט ביי סוטינען.

דורכן צווייטן פענצטער, אַ שמעלערס, וואָס גייט אַרויס דירעקט צום וועג, האָט אַריינגעקוקט אַ בלויער, תמימותדיקער בין השמשות.

אַרנאָלד האָט קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, אויף גיך אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן גאַסטפרייינטלעכן מאַלצייט און אַרויס אין דרויסן. ער האָט פאַרגעסן אין זיין מידקייט. וואַלד און פעלד האָבן אויסגעשטרעקט צו אים אַ ברייטן שלום-עליכם. ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט געמאָסטענע טריט אין דער אָוונט-שטילקייט, געשלונגען די וואַלדיקע לופט און גלייכצייטיק געהאָט צו זיך טענות פאַרוואָס דער שכל איז צו אים געקומען אַזוי שפּעט. דאָ וואָלט ער מסתמא ביז היינט שוין געהאָט פאַרענדיקט די אַרבעט.

איינגעשלאָפן איז ער שפּעט. מידקייט און עמאָציעס נעמען שטענדיק ביי אים אָוועק דעם שלאָף. קומט ער אָבער לסוף דער שלאָף, שלאָפט ער דעמאָלט ווי אַ בער אין ווינטער. צווישן וואָר און שלאָף איז אים נאָך דורכגעפלויגן אַ געדאַנק, ס'קאָן היינט זיין אַ שטורעם; אַ קילער ווינט האָט אויף אים אַ בלאָז געטאָן דורכן פענצטער. דונערן און בליצן שטערן אים סייווי נישט צו שלאָפן, נאָר דאָס אָפענע פענצטער. מען דאַרף פאַרמאַכן.

דער שלאָף האָט אים באַלד אָפּגענומען די מאַכט, ער האָט זיך מער נישט געקאָנט באַפעלן אַראָפּצוגיין פאַרמאַכן. אויפגעוועקט האָט אים אַ

שטאַרקע קנאַקעריי, ווי ס'וואָלט געדונערט. ער האָט זיך אויפגעריסן און געלאָפן צומאַכן דאָס פענצטער. דער קאַיאַר האָט אַריינגעקוקט אַ לויטע־רער, דער הימל אַ זילבערן־ראָזלעכער.

נישט דער הימל האָט געדונערט, נאָר די ערד. איבערן שטיינערנעם וועג האָט דורכגעצויגן אַ לאַסט־וואָגן מיט מעטאַלענע קאַנען מילך, דער־נאָך אַ צווייטער; דערנאָך האָבן פון מאָל צו מאָל דורכגעצויגן פורלעך מיט דאָרפישע סחורות. די פערדישע געשמידטע קאָפּיטעס האָבן מיט אַ טראַסק געקלאַפּט אין די שטאַרצנדיקע שטיינער פון וועג. ער איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און געחלומט קאַשמאַרע חלומות אויף דער וואַר.

נאָכן דאָרפישן פרישטיק איז ער צוריק נישט אַרויף מיט די שמאָלע טרעפּ אין ברייטן קאַמער. איידער ער נעמט זיך צו עפּעס, מוז ער זיך אויסטשוכן. דער שלאָף שטעקט אים נאָך אין די ביינער, די קנאַקעריי איבער די שטיינער הילכט נאָך אָפּ אין קאָפּ. ער מוז זיך לאָזן שפּאַנען ערגעץ, אַזוי סתם אָן אַ ציל, אָן אַ צוועק. אַרומדרייען זיך דאָ — טויג אויך נישט, די באַרעדעוודיקע באַלעבאָסטע האָט אים שוין אַ פרעג געטאָן וואָס ס'הערט זיך אויף דער וועלט...

ער האָט אַליין נישט באַמערקט ווי ער האָט זיך פאַרנומען מיט דער סטעזשקע פּאַזע דעם דאָרפישן, שטיינערנעם וועג. וואָס ווייטער, אַלץ בונטער די גרינע פעלדער, זיי בעטן זיך ביי אַ יעדן: „טרעט אונדז נישט".

ער איז באַלד אַריינגעפאַלן צווישן תבואה־פעלדער. פון ביידע זייטן פעלד איז די תבואה אַזוי הויך, אַז מען קאָן זיך דאָ אויסבאַהאַלטן פון אַ מענטשלעכן אויג. די גאָלדענע זאַנגען זענען אויף דער צייט שוין. דאָס בלוי פון די קאָרנבלומען און דאָס רויט פון די מאַנבלומען שימערירן צווישן די גאָלדענע, לאַנגע שטענגלעך. דאָס אויג ווייסט נישט אויף וואָס פריער זיך אָנצושפּאַרן. און די שטילקייט זינגט דאָ אַזוי, ווי דאָרט אויפן פוסטן פעלד.

די תבואה איז געוואָרן אַלע מאָל שיטערער, די בלויע און רויטע תבואה־בלומען געדיכטער. פון דער ווייטנס, אויף אַ הויכלאַנד, האָבן אָפּגעקוקט פון איין זייט צוואָרפענע דאָרפישע הייזקעס, פון דער צווייטער זייט אַ לאַנגע שורה צוזאַמענגעדרענגטע אַלטע כאַטעס, ווי זיי וואָלטן אין זייער אומבאַהאָלפענער עלטער אָנגעשפּאַרט זיך איינע אויף דער אַנדערער. צוזאַמען מיטן דאָרף איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ קינדערישער געפילדער.

אָפּגעריסענע צווייגן

דער טומל פון קינדער איז דער איינציקער, וואָס לעכערט אים נישט דעם קאָפּ, פּאַרקערט, ער האָט ליב זיך צוצוקוקן ווי קינדער שפּילן זיך, שטיפן און טומלען. ער האָט זיך פּאַרהאַלטן.

אויפן צעטראָטענעם גראָז פּאַר אַן איינגעהויקערטן שייער, זענען אַ צוויי צענדליק 12־10־יעריקע ייִנגלעך, באַוואָפנטע מיט שטעקלעך, פּאַרטיילט געווען אין צוויי פּאַרטיעס. ביידע צדדים האָבן געהאַלטן אויס־געשטרעקט די שטעקלעך אַנטקעגן זיך און מיט קוויטשנדיקע, הייזעריקע שטימעלעך סילאַביזירט: פּיף־פּאַף! פּיף־פּאַף! פּיף־פּאַף! אַ קאָסאָקע, פעסט יאַטל מיט שטרויענע, קודלוואַטע האָר, האָט פון הינטערן שייער אָנגעהויבן סיקען, דערנאָך קאָמאַנדעווען, רייסנדיק זיך אויפן גאַנצן האַלדז. די ייִנגלעך זענען געפאַלן צו דער ערד. דער קאָסאָקער חברהמאַן איז אָפּגעשפּרונגען פון זיין אָבסערוואַציע־באַהעלטעניש און מיט רוגזה באַפוילן: מיטן פּנים אַראָפּ! אַז מ'באָמבאַרדירט פאַלט מען מיטן פּנים צו דער ערד! דערנאָך האָט ער מעשה־קאָמאַנדיר אָנגעכאַפּט אַ שלאָבעריק יאַטל, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין דער מלחמה־הלכה און אַ טרו־מייטער געטאָן: פאַרמשפּט! פּיף! פאַל אַוועק! פאַרוואָס פאַלסטו נישט?! ביסט דערשאָסן!

אַרנאָלד האָט זיך נישט אומגעקערט מיטן זעלבן וועג. אַ ברייטע סטעזשקע פירט פון דאַנען צום וואַלד, ס'דוכט זיך אַט איז ער דאָ אונטער דער נאָז, נאָר ווען הויבסט אָן צו גיין באַרג אַראָפּ, רוקט ער זיך אָפּ.

ער האָט צוגעאײַלט די טריט, באַגערט צו זיין וואָס גיכער אין וואַלד, ווי ער וואָלט געוואָלט פון עפּעס אַנטלויפן. ער איז אַריין צווישן די ביי־מער ווי אין אַ גערוימער באַהעלטעניש. דער וואַלד האָט אויסגעזען אויס־טערליש היימיש, געמיטלעך, די גרינע קרוינען פון די ביימער דער זי־כערסטער דאַך איבערן קאָפּ; דאָ איז מען ערשט ביי זיך. און ווי ווייט איז דען אַהער פון דער כאַטע? פּאַרט אַ פאַרוואָרפן ווינקל, ווייט פון גרויסן הוהאַ, מ'וועט דאָך קאָנען אָפּעטעמען, פאַרגעסן אין אַלע צרות.

נאָכמיטאָג האָט ער זיך גענומען אויספּאַקן דעם רוקזאַק און איינ־אָרדענען די דאָרפישע קוואַרטיר. נעכטן איז ער געווען צו מיד, היינט אינדערפרי דענערווירט. ווו אָבער עפּעס אַוועקלייגן? אַחוץ דעם גרויסן הילצערנעם בעט — אַ טישל מיט אַ שטול און אַ טאַבורעט פאַר דער טואַ־לעט־שיסל. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. זיין אויג איז געפאַלן אויף אַ

אויף אַ שטילן דאָרף

קליינער נישע אין וואַנט, ביי דער טיר. גוט איז דאָס. איינלייגנדיק די ביכער, האָט זיין האַנט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ טירל, עפּעס אַ קליינע קיטשע אין זייטיקן ווענטל. ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט אַריינצוקוקן. אַן אָפּגעקלעפּטער, פאַרויסגערוקטער ציגל האָט א צי געטאָן דעם נייגיר. ער האָט אים אַרויסגעצויגן. ס׳איז אַרויסגעפאַלן אַן איינגעוויקלט בלעטל פּאַפּיר. ער האָט עס פאַנאַנדערגעוויקלט: דאָס פּאַפּיר פאַרגעלט, אָפּגעלעגן, די איינ־געלייגטע קאַנטן דורכגעריבן, אָט־אָט צעגייט עס אין די הענט. ער האָט עס פאַרזיכטיק אויסגעשפּרייט אויפן טישל, די שריפט האָט וויניקער געליטן, ווי דאָס פּאַפּיר, אַ גראַבע, כמעט קאַליגראַפישע שריפט, געשריבן מיט אַ נערוועזער האַנט. ער האָט זיך איבערגעבויגן און געלייענט: „אהרון, ברודער איינציקער, נישטאָ שוין די מאַמע און דער טאַטע, מיר זענען ביינאַכט אַהערגעקומען, פון דאַנען אין וואַלד, דער פעטער זישע האָט געפירט, דאָס אומגליק האָט געטראָפן ביי דער אַלכע, דער פעטער זישע ווייס איך נישט, ער איז געגאַנגען באַזונדער, דער ערשטער, איך פון הינטן, ווייט פון זיי, כ׳בין צוריקגעלאָפן, גיי נישט דורכן בלעטער־וואַלד, דורך יענעם דאָרף אויך נישט, דאָרט איז דער טויט, כ׳גיי צום פּאַלאַץ, לאָז אַ צעטעלע, אפשר צוריקקומען. שרהלע.״

אַרנאַלד האָט צוויי מאָל דורכגעלייענט, צוריק איינגעלייגט דאָס פאַרגעלטע בלעטל און אַריינגעלייגט אין דער אויבערשטער קעשענע פון העמד. ער איז לאַנג געזעסן ביים טישל מיט די הענט אונטערגעשפּאַרט אונטערן קאָפּ. פּלוצלינג האָט ער זיך אויפגעריסן און צוריק איינגעפּאַקט דעם רוקזאַק.

צוריק צום באַן האָט אים געפירט דער אויטאָקאַר.

וואַרשע, 1964.

צעשטערטער שלום-בית

— הערסט מיכאל, דו ווייסט גאַרנישט וואָס פאַר אַן אָפּקומעניש דאָס איז די מעשה מיטן פאָרן! שטעלסט זיך דען פאַר וואָס ס׳טוט זיך ביי מיר אין שטוב!

— האָסט זיך נאָך אַלץ נישט דעצידירט?

— ווי קאָן איך דעצידירן? איך בין דען אַליין צו דעם געשעפט? יעדן טאָג האָבן מיינע שותפים אַן אַנדער איינפאַל.

— מוזסט פאַרענדיקן, צו לאַנג ציסטו די שפּיל.

לייזער בערקאָוויטש האָט פאַרהאַלטן די טריט אין דער שטילער גאַרטן-אַלייע, אויסגעשטעלט אַ פאַר פרעגנדיקע אויגן אויף זיין פריינט, וואָס האָט גורם געווען, אַז יענער האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך געחידושט וואָס מיכאל באַנעמט נישט זיינע דאגות:

— וואָס הייסט איך צי די שפּיל? כ׳דערצייל דאָך דיר וואָס ס׳טוט זיך ביי מיר, זיי האָבן מיך שוין אינגאַנצן צעדולט. אדרבא, וואָס וואָלסטו געטאָן אויף מיין אָרט?

אויף מיכאַלס ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ גוטמוטיקער, איראָנישער שמייכל, וואָס זיין לאַנדסמאַן האָט אין זיין פאַרדאגהטקייט נישט באַמערקט. נישט צום ערשטן מאָל קומט מיכאַלן אויס צו פירן מיט לייזערן אַזעלכע שמועסן און אויסהערן פראַגן אויף וועלכע ער קאָן נישט געבן קיין ענטפער. פון זיינע אַמאָליקע יוגנט־חברים פון זיין געבורטס־שטעטל איז אים פאַרבליבן בלויז לייזער מיט וועלכן ער לאָזט זיך אַרויס פון צייט צו צייט אַ זונטיק אויף אַ שפּאַציר. זיין לאַנדסמאַן איז דער איינציקער פאָדעם, וואָס פאַרבינדט אים מיטן אַמאָל, מיט דער היינטיקער, אָפּגעפרעמדטער יידישער וועלט. ער האָט ליב צו הערן נייעסן פון דאָרטן, די באַהאַלטענע בענקשאַפט נאָגט. אויף דער איצטיקער באַגעגעניש האָבן זייביידע לאַנג געוואַרט. לייזער האָט אַן אַ שיער צו דערציילן, דער עיקר — ער מוז זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ, און אויף לייזערס האַרץ זאַמלען זיך

אַפּגעריסענע צווייגן

אַן אַלע מאָל מער שטיינער. שוין עטלעכע יאָר ווי ער האָט נישט קיין רו נישט בייטאָג, נישט ביינאַכט. אַזאַ צרה! ס׳נעמט נישט קיין סוף און קיין עק, כאָטש נעם טו זיך אָן אַ מעשה!

לייזער האָט קיינמאָל קיין סך האַניק אין לעבן נישט געלעקט. דאָס ווייב זיינס, סאַלקע, פלעגט אים אַמאָל צערטלעך רופן: „שלים־מזל מיינער" — ווו אַן אומגליק, מוזסטו אַריינשטעקן דעם קאָפּ, ווו מען שלאָגט ערגעץ יידן, מוזסטו פּונקט אָנקומען און כאַפּן קלעפּ. מיכאַל דאַקעגן האַלט, אַז ער איז שטענדיק געווען אַ בר־מזל: „פון אַלע אומגליקן גראַבלסטו זיך אַרויס בעסער ווי אַלע אַנדערע, אַן אַנדערער אויף דיין אָרט! גראָז וואָלט שוין לאַנג געוואַקסן אויף אים". לייזער ענטפערט דערויף: „וואָס טויגן מיר די אַלע רייד, בר־מזל, שלים־מזל, כ׳בין אַ ייד, וואָס זעט זיך צופיל אָן".

נישט איינמאָל איז לייזערן אויסגעקומען צו בענטשן גומל צוליב זיין אָנזעעוודיקייט. אַ הויכוווקסיקער, מיט אַן אָנגעבויגענער פּלייצע, ווי זי, די פּלייצע, וואָלט נישט אויסגעהאַלטן דעם וווקס, מיט אַ גרויסן קאָפּ שוואַרצע, געדיכט־געקרייזלטע האָר און אַ מאַיעסטעטישער נאָז, האָט ער אומעטום, ווו ס׳איז נישט נויטיק געווען צו זיין אָנזעעוודיק, זיך געוואָרפן אין די אויגן. פאַר דער מלחמה איז אים אויסגעקומען עטלעכע מאָל זיך צו געפינען אַליין הינטערן שטעטל, יעדעס מאָל איז אים עפּעס געפלויגן אין קאָפּ. איינמאָל אפילו אַ היפשער שטיין. פּאַסטוכער־ייִנגלעך פלעגן פון דער ווייטנס דערזען זיין שוואַרצן, געקרייזלטן קאָפּ און אים מקבל פּנים זיין אויף זייער שטייגער.

אַן אַנדערש מאָל איז דאָס געשען אין שטאָט גופא. ס׳איז געווען עטלעכע וואָכן פאַר פּסח. דער קריסטלעכער פּסח איז אויסגעפאַלן אַ ביסל פריער. יידן האָבן געהאָפּט אויף פּרנסה און צוגעגרייט זיך צום יערלעכן, פריילינגדיקן מאַרק־טאָג. פּוילישע פּאַטריאָטן האָבן זיך אויך צוגעגרייט — עטלעכע צענדליק יונגע העלדן האָבן געהאַלטן „פּיקעטן", נישט צו צולאָזן קיין קריסטלעכע קונים צו יידישע געוועלבלעך און הענדלער. באַפאַלן יידישע סטראַגאַנעס. לייזער איז צופעליק דורכגעגאַנגען דעם מאַרק, אָפּגעשטעלט זיך און נישט געוואָלט זיין קיין פּאַסיווער צושויער פון עם שיינעם ספּעקטאַקל. מיט זיינע הענט האָט ער זיך חס וחלילה נישט באַנוצט, ראשית כל ווייל ער האָט געהאַט ליידיקע הענט און יענע האָבן

געהאַט פּאַלקעס, אָבער אויפקלערן עמעצן די זאַך האָט ער יאָ געפּרוווט. די הייסע פּוילישע פּאַטריאָטן האָבן אַזאַ יידישע חוצפה נישט געקאָנט מוחל זיין און נישקשהדיק אים אָנגעבראָכן די ביינער. צו די קלעפּ האָבן זיי אים נאָך צוגעלייגט אַן עפּיטעט „באָלשעוויק״, כאָטש ער, לייזער, איז שטענדיק געווען הימל ווייט פון באָלשעוויזם.

נאָך דער מלחמה, ווען לייזער איז נאָך אַלע וואַנדערונגען און פּלאָ־גענישן צוריק געקומען פון ראַטנפאַרבאַנד קיין פּוילן און זיך צייטווייליק פאַרהאַלטן אין לאָדזש, נאָכדעם ווי ער האָט שוין געוווסט, אַז פון די זיי־ניקע איז קיין לעבעדיקער נפש נישט געבליבן, האָט זיך אים פאַרגלוסט אַראָפּצוכאַפּן זיך קיין קעלץ. קעלץ! דאָ האָט ער אַמאָל פאַרבראַכט זיינע בעסטע בחורישע יאָרן אַלס העברעאישער לערער, דאָ געפונען זיין באַ־שערטע, איינגעשאַפן זיך אַ סך פריינט. איז ווי פאַרט מען דאָס נישט אַ קוק טאָן, ווען ס'איז אפילו ווי אויף קבר־אבות? און אפשר, אפשר וועט ער טרעפן צווישן די לעבעדיקע עמעצן פון די אַמאָליקע פריינט? און וועלכער לעבנגעבליבענער קעלצער ייד איז נישט זיינער אַ פריינט? אַ קרוב? ער האָט געוווסט, אַז ווייניק זענען פאַרבליבן, אָבער זיי זענען אים נאָענט און טייער. און אפשר וועט ער זיך עפּעס דערוויסן וועגן דער פרויס משפּחה? דאָס האַרץ ווערט צעריסן, צעזעצט און דאָך וויל זיך וויסן מיט וואָסער טויט זיי זענען אומגעקומען.

— נישט צו באַגרייפן! געקליבן זיך עטלעכע וואָכן, יעדן טאָג גע־זאָלט פאָרן און געדאַרפט אָנקומען פונקט אין יענעם טאָג! — האָט לייזער דערציילט און טענות געהאַט אי צום בייזן צופאַל, אי צו זיך גופא.

נישט מער ווי אַ צופאַל. ער איז אָנגעקומען פונקט צום פּאָגראָם. ס'איז געווען אַ שיינער יולי טאָג 1946. לייזער האָט זיך קוים דער־וואַרט דער צוג זאָל אָנקומען קיין קעלץ. די יידישע שטאָט, די יידישע גאַסן און צענדליקער פּנימער האָבן אים אויפן וועג אַנטקעגנגעקוקט, נישט אָפּגעטראָטן פון זיין דמיון. ער האָט זיך איינגעחזרט די אַדרעסן אויף וועלכע ער וועט זיך לאָזן. ער האָט זיך אָבער אין שטאָט נישט געלאָזט. ווי גיך ער איז אַראָפּ פון באַן, איז אים ווי הונגעריקע וועלף באַפאַלן אַ צערייצטע באַנדע. אַזוי ווי אין שטאָט איז קיין סך יידן נישט געווען, מיטן ביסל האָבן זיך שוין אַנדערע געהאַט אָפּגעפּאַרטיקט, און נאָכדעם ווי דאָס שיינע שטיקל אַרבעט איז דאָרט אָפּגעטאָן געוואָרן איז מלכות

צוגעטרעטן מאַכן אַ שטיקל אָרדענונג, האָט מען דאָ ממש זיך דערקוויקט מיט לייזערן, און מ'האָט אים אַזוי צערעכט געמאַכט, אַז ער איז געבליבן ליגן מער טויט ווי לעבעדיק. אפשר איז זיין מזל געווען וואָס ער האָט טאַקע אויסגעזען מער טויט ווי לעבעדיק און די פּאָגראָמטשיקעס האָבן זיך געאיילט? פון דעמאָלט אָן זענען אים צו די יידישע אויסערלעכע שטריכן צוגעקומען נאָך אַנדערע: צוויי לאַנגע צייכנס פון פאַרנייטע ווונדן אויפן שטערן און אויף דער גאָמבע. מיכאַל האָט געהאַט אַ נייעם באַוייז, אַז ער, לייזער, איז אַ גרויסער בר־מזל, דרייט זיך אַרויס אפילו, ווען דער מלאך המות האַלט אים שוין אין די הענט.

— פאַרוואָס האָסטו דעמאָלט נישט פאַרלאָזט פּוילן? — האָט אים די לעצטע יאָרן נישט איינמאָל געפרעגט מיכאַל.

—וווּ האָב איך דעמאָלט געזאָלט פאָרן? קיין קרובים אין ערגעץ נישט געהאַט, געווען עלענד און אין אַ מצב בין איך געווען! לאָז זיך איינער אַליין אין דער וועלט מיט אַזאַ פּנים.

מיכאַל האָט זיך אָבער אָנגעשטויסן, אַז לייזער האָט נישט פאַרלאָזט פּוילן אויך צוליב אַנדערע סיבות. ווער ווייסט צי ער וואָלט ווי טויזנטער אַנדערע יידן נישט געלאָפן אין שלעזישן שטעטל קודאווע, צו דער טשע־כישער גרענעץ, צומאָל אין אַזאַ מצב. ס'האָט געשטראָמט אַ מאַסע אָפּגע־ריסענע, אָפּגעשליסענע, אויסגעמאַטערטע מענטשן, וואָס זענען אַרויס פון די באַהעלטענישן, וועלדער, לאַגערן. מיט קליינע פּעקלעך, און מיט גרוי־סער שרעק אין די אויגן זענען זיי אַנטלאָפן פון דער באַפרייטער ערד, געיאָגטע דורכן געשפּענסט פון קעלץ.

לייזער האָט דעמאָלט באַגעגנט סאַלקען. פון אָנהייב איז זי אָפיציעל באַשטימט געווען צו פאַרנעמען זיך אַ ביסל מיטן געליטענעם, ביסלעכ־ווייז האָט זי אים גענומען אונטער אירע פליגלען אויס פריינטשאַפט, גע־האָלפן אים געפינען אַרבעט אין דער אינסטיטוציע, אין וועלכער זי האָט געהאַט אַ סך צו זאָגן. אַז זי, סאַלקע איז פאַרוואַלטערין, קאָן ער, לייזער, ווייניקסטנס ווערן בוכהאַלטער, כאָטש קיין גרויסער בקי אין בוכהאַל־טעריע איז ער נישט געווען.

סאַלקע איז אים פון ערשטן טאָג געוואָרן נאָענט. איר אפּוטרופּ־סות איז געווען דער בעסטער באַלזאַם. ס'האָט געהאָלפן היילן נישט נאָר די ווונדן, נאָר אויך די איינזאַמקייט. זי האָט אים געפרעסן דאָס האַרץ, איינגעשניטן זיך אין לייב, די איינזאַמקייט. פּונקט ווי דער הונגער און די קעלט אין די ווייטע צפון מקומות, אַזוי האָבן דערנאָך די עלנטקייט און

אבלדיקייט אויסגעדרייט די געדערים. „כ׳גיי איין, ווי אַן אָפּגעפליקט צווייגל פון אַן אויסגעריסענעם בוים, ס׳איז נאָך גרין, אָבער הייבט שוין אָן איינ־צודאַרן״ — פלעגן אים אין שלאָפלאָזע נעכט פּיקן די ווערטער אין קאָפּ.

סאַלקע איז אויך געווען אַזאַ אָפּגעפליקט צווייגל, און ווי ער אויך געשראָקן זיך נישט איינצודאַרן. די צופעליקע אפּוטרופּסות, וואָס איז איר צוגעפאַלן אויסצושפּרייטן איבער דעם פאַרוואונדעטן, איז פּונקט אַזוי איר נויטיק געווען ווי אים, כאָטש זי האָט געהאַט באַשעפטיקונגען איבערן קאָפּ.

ס׳איז געווען אין טאָג, ווען לייזער איז אַלט געוואָרן 40 יאָר. צו זיין געבורטס־טאָג האָט מען אין ביוראָ געטרונקען אַ גלעזל, געווונטשן אים לאַנגע יאָרן לעבן אין בויענדיקן סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד. סאלקע האָט אים געדריקט די האַנט און ליבלעך געשמייכלט. איר שמייכל האָט צעפלאַקערט דאָס פלעמל, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעצונדן. פון דעמאַלט אָן האָט ער אין שלאָף געזען סאלקעס ברוינע, וואַרעמע אויגן, וואָס האָבן פאַריאָגט נאַכטיקע, קאָשמאַרע וויזיעס.

— מיר וועלן זיך אפשר היינט צוזאַמען אַראָפּכאַפּן אין קינאָ? — האָט ער קורץ נאָך זיין געבורטס־טאָג פאָרגעלייגט דער פאַרוואַלטערין.

— היינט נישט, אַן אַנדער מאָל. היינט פאַרבעט איך אייך צו מיר, מיין יינגער טעכטערל ווערט היינט 5 יאָר.

זיי האָבן פאַרבראַכט דעם אָוונט ווי אַלטע גוטע פריינט. לייזער האָט געהאַלטן אויף די קני דאָס 5 יעריקע מיידעלע, וואָס האָט זיך געטוליעט צו אים צוזאַמען מיט דער גרויסער מתנה־ליאַלקע. די עלטערע האָט גע־קוקט מיט אייפערזיכט און פאַרדאַכט.ביידע מיידעלעך האָבן לייזערן דער־מאָנט זיינע צוויי טעכטערלעך, ביידע זיינע „סימפּאַטיעס״ זענען פון אָנ־הייב אָן צוגעפאַלן צו אים מיט אַ קינדערשער אינסטינקטיווער בענקשאַפט נאָך אַ טאַטן.

אין איינעם אַ ווינטער־אָוונט 1946, ווען ביידע מיידעלעך זענען גע־האַט איינגעשלאָפן מיט אַ האַרטן קינדערישן שלאָף און סאַלקע האָט זיך אַוועקגעזעצט אָפּעטעמען נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט אין ביוראָ און נאָך אירע מאַמעשע פליכטן, האָט לייזער צוגערוקט נאָענט זיין שטול צו אי־רער, אַנגענומען צערטלעך איר האַנט און זיך מודה געווען:

— צוואָס דאָס ווייטער אויסבאַהאַלטן, סאַלקע? למאי לייקענען,

אַז ס׳ציט מיך אַהער נישט נאָר צו מײַנע קלײנע „סימפּאַטיעס״, נאָר אין דער ערשטער ריי די גרויסע סימפּאַטיע מײַנע? מיר זענען צוויי אָפּגע־ריסענע צווייגן, פאַריאָגטע פויגל פון וויסט-צעשטערטע נעסטן, פאַרוואָס זאָלן מיר נישט אויפבויען צוזאַמען אַ נייע נעסט?

סאַלקע האָט נישט צוריקגעצויגן איר האַנט פון זײַנער. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און מילד־מעלאַנכאָליש געשוויגן. לייזער האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ הסכּמה. ער האָט צוגעדריקט איר קאָפּ צו זײַן ברוסט און געקושט אירע שוואַרצע, גלאַנציקע האָר, אַרומגעוויקלטע אַרום קאָפּ, ווי אַ קרוין, ער האָט ווי אַ דורשטיקער געזויגן דעם זאַפט פון אירע ליפּן. סאַלקע האָט זיך נישט געווערט, אונטערגעגעבן זיך די מענלעכע צערטלעכקייטן, וואָס האָבן איר זינט יאָרן געפעלט. אין לייזערס אָרעמס האָט זי געטראַכט וועגן איר דערמאָרדעטן מאַן, וועגן אירע צוויי טעכ־טערלעך, וואָס האָבן דעם טאַטן שוין כמעט נישט געדענקט, און נויטיקן זיך איצט, ווען זיי ווערן גרעסער, אין אַ פאָטער.

לייזער און סאַלקע האָבן איצט געהאַט צוויי באַלעבאַטישקייטן, קיין איי־נע פון די צוויי דירהלעך איז נישט גענוג גרויס געווען אַרײַנצונעמען די פאַרגרעסערטע משפּחה. סאַלקעס טרוים זיך איבערצוציען קיין וואַרשע, אין איר געבורטס־שטאָט האָט אָנגענומען בלוט און פלייש. מ׳וועט מוזן צווואַרטן אויף אַ דירה, אָבער זי וועט נישט רוען ביז זיי וועלן זיך אַרי־בערציען אין איר שטאָט.

— אפשר זאָלן מיר זיך אַריבערציען נאָך ווייטער? האָט לייזער איינמאָל געמאַכט אַן אָנדייטונג וועגן עמיגרירן.

— וואָס מיינסטו דערמיט? האָט סאַלקע מיט אומעט און אויסבאַ־האַלטענעם פאַרדרוס געפרעגט.

— כ׳מיין מיר זאָלן אפשר טאָן דאָס, וואָס אַ סך אַנדערע לעבנגע־בליבענע יידן טוען.

— זאָג דייטלעך וואָס דו מיינסט צו טאָן? — האָט סאַלקע שוין מיט ערנסטקייט געפרעגט.

— כ׳מיין דאָך נישט אָט שוין צו טאָן עפּעס אַליין, כ׳וויל מיר זאָלן זיך צוזאַמען באַטראַכטן, האָט זיך לייזער פאַרענטפערט.

— זאָג דעם אמת, טראַכסט ווייטער וועגן פאַרלאָזן פּוילן?

— ווי זאָל מען דערוועגן נישט טראַכטן נאָכדעם, וואָס מיר זענען

דורכגעגאַנגען ? און אַ צולאָג קעלץ . . . אַזוי פיל יידן פאָרן אַוועק, ס׳ווערט אַלע מאָל וויניקער, וואָס איז זיך צו וווּנדערן ?

— איך וווּנדער זיך פון דיר. אַז ס׳פאָרן אַוועק מענטשן, וועלכע אַנטלויפן פון סאָציאַליזם, פאַרשטיי איך, אָבער דו, כ׳האָב געמיינט . . . געוועזן זיכער, אַז דו ביסט אַנדערש.

— און קעלץ . . . ? אַנטלויפן אפשר נישט פון סאָציאַליזם, נאָר צו־ליב קעלץ.

— איז וואָס אַז קעלץ ? אויב פאַשיסטישע עלעמענטן מאַכן אַ פּאָ־גראָם דאַרף מען צוליב דעם אַנטלויפן ? זיי באַפאַלן און מאָרדן די בעס־טע קאָמוניסטישע טוער, וועלן די פוילישע קאָמוניסטן אַנטלויפן פון פוילן ? זיי מאָרדן נישט נאָר קאָמוניסטן און יידן, אַנדערע ערלעכע פּאָ־ליאַקן אויך, נו, וועלן זיי אַנטלויפן פון פוילן און איבערלאָזן דאָס לאַנד די פאַשיסטישע באַנדעס ?

— ס׳איז אַפשר נישט דאָס זעלבע ווי מיט יידן ?

— פאַרוואָס נישט דאָס זעלבע ?

— פאַרוואָס ווייס איך נישט, אָבער פאַר מיר נישט דאָס זעלבע . . .

— אויב אַזוי, וועסטו פאָרן אַליין, פאַר אונדז ביידע בעסער זאָלסט וואָס פריער זיך באַטראַכטן. פאַר מיר איז דאָס סאָציאַליסטישע פוילן מיין פאָטערלאַנד, כ׳וועל עס נישט פאַרלאָזן, כ׳האָב פאַרן סאָציאַליזם אָפּ־געגעבן מיין גאַנץ ביז איצטיק לעבן, כ׳וועל ווייטער.

— איך בין דאָך אויך מיטן גאַנצן האַרצן פאַר סאָציאַליזם, שטענדיק געשטרעבט צו גערעכטיקייט, ס׳זאָל זיין פאַרברידערונג צווישן מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער.

— דאָס זענען בלויז ווערטער, אויב מען טראַכט וועגן אַנטלויפן איז אַ סימן . . .

— מיר איז דער סאָציאַליזם אַזוי טייער ווי דיר — האָט ער דאָס מאָל געזאָגט מיט אויפגעבראַכטקייט.

— דאָס דאַרף מען באַווייזן, אויב נישט זענען דאָס פּוסטע ווערטער.

— און אויב ס׳וועלן אין פוילן קיין יידן נישט בלייבן ? — האָט לייזער אַרויסגערוקט אַ נייעם אַרגומענט.

— איז וואָס ?

— כ׳בין אַ יידישער מענטש, ווייסט דאָס פון דער ערשטער מינוט. נויטיק זיך אין יידן, אין אַ יידיש לעבן, מיר דוכט זיך, אַז דו אויך, האָסט נאָר קיין צייט נישט צו טראַכטן דערוועגן.

— אַלע יידן וועלן נישט אַוועקפאָרן, וויפל ס׳וועט בלייבן, וועלן זיי נאָך אַלץ קאָנען בויען אַ שענער יידיש לעבן ווי ערגעץ אַנדערש. האָסט דאָך מער ווי צוואַנציק יאָר זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּעקל לידער, האָסט נישט געהאַט ווער עס זאָל עס אַרויסגעבן, ס׳איז דיר אַזוי ווייט נימאוס געוואָרן, אַז האָסט אינגאַנצן פאַרוואָרפן דאָס שרייבן. שטעל היינט צו אַזאַ פּעקל לידער, מ׳וועט דיר עס אַרויסגעבן פאַר מלוכיש געלט און מ׳וועט דיר נאָך באַצאָלן אַ פיינעם האָנאָראַר.

— ס׳איז גאָרנישט פאַרבליבן פון דעם, וואָס כ׳האָב אַמאָל געהאַט אָנ־געשריבן — האָט לייזער מיט אומעט איר דערמאָנט.

— וועסט זיך צוריקנעמען צום שרייבן, וועסט זען צי די מלוכה גיט אַרויס אַ יידיש ביכל אַזוי גוט ווי אַ פּויליש צי נישט? איך וויל דיר נישט איינרעדן, ביסט נישט קיין קינד, כ׳וויל נאָר אַז זאָלסט וויסן, אַז אויף פאָרן זאָלסטו אויף מיר נישט רעכענען, באַטראַכט זיך גוט, בעסער פריער ווי שפּעטער...

זינט יענעם לאַנגן שמועס, האָט לייזער מער נישט דערמאָנט וועגן עמיגרירן, אויסגעהיט זיך מיט אַ וואָרט. דער טרוים צו ווינען אין וואַרשע האָט דאַ איינגעדרימלט, דאַ ווידער אויפגעוואַכט. ערשט אין מאַי 1949, ווען יידישע אינסטיטוציעס האָבן זיך איבערגעטראָגן אין דער הויפּטשטאָט, האָט לייזער באַקומען אי אַ וווינונג, אי אַ נייע אַרבעט. -- געוועזן שוין אַ לערער, אַן אָנגעשטעלטער, אַ שטיקל בוכהאַלטער, אַ האָלץ־העקער אין אַן אורוואַלד, ווידער אַ בוכהאַלטער, איז פאַרוואָס נישט איצט אַ קאָרעקטאָר אין אַ יידישער דרוקערײַ? — האָט ער זיך אי גע־וויצלט, אי באַרימט, בעת ער האָט צוגעגעבן: ס׳איז אַ מלוכישע יידישע דרוקערײַ! און פאַרוואָס זאָל ער איצט צוריק נישט אָנהייבן שרייבן לידער?

ער האָט צוריק געפּרוווט די כוחות, פון אָנהייב געשריבן כמעט אין געהיים, דערנאָך אַלע מאָל דרייסטער געגעבן צו דרוקן אין אַ יידישער צייטונג. נאָך צוויי יאָר איז דערשינען אַ דינינקע ביכעלע „מיין פאַרשפּע־טיקט ליד", מיט וועלכן ער האָט זיך געפרייט ווי אַ קינד מיט אַ פאַרכי־שופט, שיין שפּילכל, בפרט מען האָט דאָס שפּילכל זיינס שטאַרק געלויבט. ס׳איז אָבער נישטאָ קיין פרייד אָן צער: לייזער איז געוועזן אויסער זיך וואָס דער רעדאַקטאָר האָט אַרויסגעוואָרפן די שורה „ווי משה מיטן שטעקן האָט געשלאָגן וואַסער פון שטיין". ס׳איז דאָך אַ מעטאַפאָר, האָט ער זיך געבעטן ביי אים ווי ביי אַ גזלן. מילא, אַנדערע ענדערונגען, אָבער דאָס איז אַ בפירושער פאַרגלייך מיטן כוח פון סאָציאַליזם! דעם וויב האָט

ער צענדליקער מאָל אויפגעוויזן, אַז משה רבינו איז נישט געווען קיין רעאַקציאָנער, קיין קעגנער פון סאָציאַליזם, פאַרקערט, אַרויסגעפירט דאָס פאָלק פון שקלאַפעריי, פאַרוואָס זאָל מען נישט טאָרן דערמאָנען דעם אויפטו פון משה רבינו? ס׳איז דאָך אַ לעגענדע און אַ מעטאַמאָפאָר, פאַר־שטייסט?

דאָס ווייב וואָלט איינגעגאַנגען, דער רעדאַקטאָר בשום אופן נישט, אַרויסגעוואָרפן נאָכאַמאָל די מעטאַפאָר זיינע אין דער לעצטער מינוט. פונדעסטוועגן איז דאָס דינע ביכעלע לידער געווען אַ יום־טוב סיי פאַר לייזערן, סיי פאַר סאַלקען. זי האָט דאָך געהאַט נישט קיין קליינעם חלק אין דעם וואָס ער האָט זיך צוריק גענומען צו לידער און וואָס אַ מלוכישער פאַרלאַג האָט די לידער אַרויסגעגעבן.

לייזער האָט שטופענווייז אָנגעהויבן צו שווימען מיטן שטראָם. די אַמאָליקע שרעק איז פאַרשוונדן, די נאָגנדיקע בענקשאַפט צו געפינען זיך צווישן אַ סך יידן איז אויסגערונען, דער הוהאַ ביי דער אַרבעט, דאָס משפּחה־לעבן און די פּילצאָליקע פליכטן האָבן איינגעשלונגען דעם טרוים אויסצוּוואַנדערן. איין צרה נאָר געבליבן: סאַלקע פלעגט אים אָפטמאָל פאַרוואָרפן פאַרוואָס ער איז אויסער דער פאַרטיי, ס׳איז איר אַזש אַ חר־פּה. היט דערפאַר ער זאָל חס וחלילה נישט טאָן עפּעס אַזעלכעס, וואָס פּאַסט זיך נישט אַריין אין די ראַמקעס פון די אָנגענומענע כללים.

— מיין ווייב וואָלט געוואָלט איך זאָל אָפּהיטן דעם שולחן־ערוך פּונקט אַזוי געטריי ווי זי. און זי וואָלט גליקלעך געווען אויב זי וואָלט מיך גע־קאָנט ווערבירן „צו פאַרגרעסערן די רייען״, האָט ער אַמאָל אי געשפּאַסט אי פאַרקלאָגט זיך פאַר מיכאַלן.

— פאַרוואָס נישט? מ׳דאַרף זיך איינגלידערן, נישט שטיין פון דער זייט.

— ס׳איז גענוג, אַז זי איז איבער די אויערן פאַרטאָן אין קהלישע זאַכן, זי איז שוין פרום פאַר מיר אויך; מיין פרומע מאַמע האָט אַזוי נישט צוגעהיט כשרות אין שטוב, ווי מיין ווייב היט דעם נייעם שולחן־ערוך, איך טויג זיך נישט דערצו.

די אמתע סיבה פון זיין רעזערווירטקייט און פאַרזיכט האָט לייזער קיינמאָל נישט דערמאָנט, כאָטש ער האָט יאָ עפּעס וואָס דערציילט, דער עיקר פאַר מיכאַלן. די דריי יאָר, וואָס ער האָט אין דער צייט פון דער מלחמה פאַרבראַכט אין „דער ווייסער סאַנאַטאָריע״ אויפן ווייטן צפון האָט געלאָזן אַ ווונד אין דער נשמה. יענע געהיימע דערינערונגען זענען געווען

אָפּגעריסענע צווייגן

ווי אַ מיסטעריעזע האַנט וואָלט אים צוריקגעהאַלטן יעדעס מאָל, ווען מ׳האָט אים געצויגן פאַר דער פּאָלע. סאַלקע האָט זיך צוגעוווינט צו זיין צוריקגעהאַלטנקייט. זייער צוזאַמענלעבן האָט דאָס נישט געשטערט, פאַר־קערט, צומאָל געוועזן באַקוועם פאַר איר. ווען סאַלקע פלעגט נאָך דער אַרבעט בלייבן אויף אַ זיצונג, פאַרנומען געווען מיט צענדליקער פאַר־טייאישע ענינים, האָט לייזער גענומען דאָס קוישל און געגאַנגען איינ־קויפן, געשטאַנען אין אַ ריי נאָך פלייש, נאָך פיש, אויסגעפאַרטיקט דאָס מיטאָג, צוגעקליבן די שטוב, פאַרנומען זיך מיט די מיידלעך, געאיילט זיך צו קאָנען נאָך אויסשניידן אַ שעה־צוויי אין אָוונט צו שרייבן.

— זעסט דאָך אַליין, אויב וואָלט איך אויך ווי דו געבויט גאַנצע טעג און נעכט דעם סאָציאַליזם, וואָלט אונדזער שטוב אונטערגעגאַנגען. דער סאָציאַליזם וואָלט אפשר קיין צימעס זיך נישט געמאַכט דערפון, אָבער די קינדער?

זי האָט געזען. און דאָס צוזאַמענלעבן פון פאַרפאָלק בערקאָוויטש איז געגאַנגען אָן שטרויכלונגען; טיילמאָל האָט דער אימפּעטיקער הוהאַ גע־געבן אַ גרילץ, אָבער צו גרילצן האָט מען זיך צוגעוווינט, „יעדער עטאַפּ״ האָט זיינע גרילצן — אַזוי האָט מיכאַל געזאָגט — און דער שטראָם איז ווייטער געפלאָסן ביז האַרבסט 1956.

אין אַ קאַלטן דעצעמבער־טאָג פון יענעם יאָר איז סאַלקע פריער ווי געוויינלעך געקומען פון דער אַרבעט. איר געזיכט האָט געהאַט דעם קאָליר פון אַש און פון די אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פאַרשעמטקייט, פאַר־לוירנקייט און אומעט. זי האָט אַ שווייגעדיקע, אַ צעטראָגענע אַראָפּגע־וואָרפן פון זיך דעם מאַנטל, אַריין אין שלאָף־צימער, אויסגעצויגן זיך אויפן בעט מיטן פּנים אַראָפּ. אַלע בקשות פון לייזערן זי זאָל זיך זעצן צום טיש האָבן נישט געהאָלפן. זי האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און אויסגעבראָכן אין אַ פאַרשטיקטן געוויין. לייזער האָט זיך געהאַט גע־ריכט, האָט זיך פון לאַנג אָנגעשטויסן וואָס ס׳קומט ביי איר פאָר.

— מ׳האָט דיך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט?

— אָפּגעזאָגט ... אַרויסגעוואָרפן!

— איז וואָס דאָס אומגליק אַזוי גרויס? מ׳וועט נישט שטאַרבן פון הונגער.

— כ׳ווייס ...

צעשטערטער שלום־בית

— איז וואָס דער געווייין ?
— נישט דאָס אָפּזאָגן, נישט דאָס . . .
— וואָס דען ?
— דער אופן, דאָס, דאָס . . .
— וואָסער אופן, פאַרוואָס עסטו דיר אָפּ די גאַל ?
— ווי זאָל איך נישט . . .? אַז איך בין אין אַלץ שולדיק, איך האָב געשעדיקט, איך האָב . . . אַלץ איך.
— פאַרוואָס עפּעס דו אַליין ? ס׳זענען דאָך פאַראַן מענטשן איבער דיר !
— פאַרשטייסט נישט פאַרוואָס ? ווייל . . . ווייל אַ יידישקע !
סאַלקע האָט אַרויסגעוואָרפן פון פאַרשטיקטן האַלדז די ווערטער צוזאַמען מיט אַ כליפּ. לייזער האָט איר געגלעט דעם קאָפּ, ווידער זי פאַר־זיכערט, אַז מ׳וועט פון הונגער נישט שטאַרבן.
— וואָס רעדסטו וועגן הונגער, אַז מיר איז דאָס גאַנצע לעבן נימאוס געוואָרן. נישט געוואָלט דיר דערציילן, זיי האָבן די גאַנצע צייט... אַלע קעגן מיר, ווי איך וואָלט פאַרשפּרייט דורך די אַלע יאָרן פּעסט, האָבן אַנדערצייילט נישט געשטויגן נישט געפלויגן, אין אַלעמען שולדיק, איך . . . איך . . . פאַר מיין איבערגעגעבנקייט. ווייל אַ יידישקע מעג מען אויס־טראַכטן אויף מיר, באַליידיקן . . .
לייזער איז זיך באַגאַנגען מיטן ווייב ווי מיט אַ קראַנק קינד. די צוויי אונטערוואַקסנדיקע מיידלעך האָבן די שטימונג אין שטוב שווערער גע־מאַכט, זענען געקומען פון דער שול אויפגערעגטע, די יינגערע אַ פאַר־וויינטע, מ׳האָט איר געזאָגט . . .
— לאָמיר ווי אַנדערע ערגעץ אַוועקפאָרן — האָט מיט אַ טאָן פון פאָדערונג פאַרגעלייגט די 15 יעריקע העלענקע.

נאָך אַ קאַרגן האַלבן יאָר וואַקלעניש און זוכעניש האָט סאַלקע מיט אירע אייגענע הענט אויסגעפּולט אַלע פאָרמאַליטעטן און אָנגעגעבן די אַנקעטע־בויגנס אויף פּאַספּאָרטן קיין ישראל. אַ שווייגעדיקע, אָן אָפּ־געמאַגערטע האָט זי אָנגעהויבן זיך פאָרן אַרום די צוגרייטעניש, איבערגע־קוקט דאָס ביסל מלבושים, וועש, אויסגעחשבונט וואָס מ׳דאַרף צוקויפן און וויפל געלט מ׳דאַרף דערויף האָבן.
— מ׳וואָלט געדאַרפט זיך פאָרן נישט נאָר אַרום די שמאַטעס, ס׳וואָלט

גלייכער געווען א טראַכט צו טאָן וועגן אַנדערע צוגרייטונגען, מ׳זאָל קאָ־נען פאַרטשעפּן ביי עפּעס די הענט.

— האָסט דאָך אַלע מאָל געזאָגט, אַז מען שטאַרבט אין ערגעץ נישט פון הונגער.

— אַז ס׳איז נישט לייכט צו שטאַרבן פון הונגער, ווייס איך בעסער פון דיר, זעסט דאָך, אַז כ׳בין דאָרט נישט געשטאַרבן. אָבער מיר האָבן צוויי קינדער, וואָס קאָנען נאָך נישט פאַרדינען און מיר ביידע האָבן נישט קיין שום פאַך, נו, איז וואָס וועלן מיר דאָרט טאָן?

—דאָס זעלבע וואָס אַלע עמיגראַנטן.

— מיינסט נישט, אַז ס׳וואָלט גלייך געווען פריער זיך עפּעס אויס־צולערנען? פאָרן מיט אַ שטיקל פאַך אין האַנט?

— ביסט גערעכט, כ׳בין צופיל צערודערט, זיי האָבן מיר צעמישט די געדאַנקען, ס׳וועט זיך זיכער פאַרציען, מיר קאָנען זיך דערווייל עפּעס אויסלערנען.

דאָס באַקומען די פּאַספּאָרטן האָט זיך טאַקע שטאַרק פאַרשלעפּט. סאַלקע איז דערווייל אַנגענומען געוואָרן אויף די שניידער־קורסן אין „אָרט", באַקומען צומאָל אַ סטיפּענדיע, וואָס האָט דערלויבט דורכצוקומען די שווערע צייט. זי האָט ליב באַקומען די אַרבעט, געלערנט זיך מיט התמדה און צופרידן געווען וואָס זי וועט אין מאָל פאַר אַלע מאָל זיין אַ מענטש מיט אַ פאַך אין האַנט. לייזער האָט זיך געמאַטערט ביים ליגאַטיף, דע־נערווירט זיך, קוים אויף אַ צוויי שעה געקאַנט זיך צוכאַפּן צו אים אין דער ענגער, שמוציקער דרוקעריי. די מיידלעך האָבן אַנגעהויבן אין די אונטן איינחזרן דעם אלף־בית. איידער וואָס־ווען האָבן אַנגעהויבן אָנ־קומען בריוו פון באַקאַנטע מיט עצות זיך נישט צו איילן.

— גיב נאָר אַ קוק דעם בראָך, האָט סאַלקע דערלאַנגט לייזערן אַ בריוו פון אירער אַ פריינדין.

יענע האָט מודיע געווען, אַז אין מיטל־שול דאַרף מען צאָלן, זי ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט די דריי אונטערוואַקסנדיקע קינדער, מיט אַרבעט איז אויך גאָרנישט פויגלדיק, און בכלל באַדויערט זי...

— מיר פאָרן נאָך נישט, דערווייל לערנען מיר זיך אַ פאַך, קיינער יאָגט אונדז נישט — האָט לייזער זי געטרייסט.

— דינה עצהט זיך אַרומצוזען ערגעץ אַנדערש, נאַ, לייען.

— נו, גוט, מ׳קאָן זיך אַרומזען.

נאָך וויטערדיקע בריוו און אַ לאַנגן יישוב־הדעת איז פאַרבליבן צווישן

פּאַרפּאַלק, אַז סאַלקע שרייבט אָן צו ווייטע קרובים קיין ניו־יאָרק און לייזער קיין בעלגיע. נאָך איבער צוויי חדשים איז פון אַ יידישער אינסטי־טוציע אין אַנטווערפּן אָנגעקומען אַן אָפיציעלער בריוו מיט אַ צוזאָג צו העלפן לייזערן קומען אַלס העברעאישער לערער. די משפחה האָט זיך גע־פרייט. אַלע זענען געווען מלא שמחה צו פאָרן קיין בעלגיע. לייזער האָט אַוועקגעוואָרפן דעם לינאָטיפּ און גענומען זיך גרייטן צו זיין אַמאָליקער צו ביסלעך פאַרגעסענער פּראָפעסיע. אין אָוונט איז ער געזעסן איבערן דיקדוק און געהאַט הנאה פון זיך וואָס אין זיין זכרון איז נישט אָפּגע־ווישט געוואָרן זיין אַמאָליקע מי, דאָס, וואָס ער האָט דערוואָרבן אָן אַ שולע.ביידע מיידלעך האָבן פאַרוואָרפן דאָס העברעאישע ביכל און צוזאַמען מיט דער מאַמען גענומען זיך לערנען אין די אָוונטן פראַנצויזיש. טאָג־איין טאָג־אויס איז סאַלקע געלאָפן אין די אַמטן צו טוישן די פּעסער. לייזער האָט אָפּגעהאַקט די שוועל פון בעלגישן קאָנסולאַט. נאָך זעקס חדשים איז געקומען אַן אָפּזאָג. די יידישע אינסטיטוציע אין בעלגיע האָט אין צוויי שורות באַשטעטיקט דעם אָפּזאָג.

— אויס בעלגיע! — האָט לייזער מיטגעטיילט דער משפחה נאָכן איבערלייענען די צוויי זאַצן, מיר בלייבן ווייטער זיצן.

— די וועלט איז קליין אָן בעלגיע? האָט סאַלקע אים צוגעוואָרפן.

— קליין צי גרויס, פאַר אונדז נישטאָ קיין שטיקל אָרט, נישט דאָ, נישט ערגעץ אַנדערש, מ׳דאַרף זיך צוריקקערן צום ערשטן פּלאַן — יש־ראל.

— שוין אַזוי איינס־צוויי?

— ווילסט נישט פאָרן קיין ישראל? פון דיין ניו־יאָרק האָט זיך דאָך אויך אויסגעלאָזט אַן אויסגעבלאָזן איי.

— איך זאָג דען, אַז איך וויל נישט? נאָ, לייען נאָכאַמאָל דינהס קלאָג־בריוו. און דאָס בריוועלע פון דיין בן־עיר, ער עצהט אויך זיך דער־ווייל אָפּצוהאַלטן, איך וויל זיך נישט אָנוואַרפן.

— הייסט עס, אַז מיר זיצן ווייטער אויפן אָרט און וואַרטן.

— פאַרוואָס וואַרטן? די וועלט איז קליין אָן ישראל?

— קליין צי גרויס, פאַר דיר, פאַר מיר נישטאָ אין ערגעץ קיין אָרט, פאַרסט און פאַרסט און בלייבסט זיצן אויפן אָרט.

סאַלקע האָט דערפילט אַ ווייטיקלעכן קראַמף אין האַרץ. „זיצן אויפן אָרט״... ווי אַזוי האָט זי זיך געקאָנט פאָרשטעלן נישט צו זיצן אויפן אָרט? טויזנטער מאָל געמאַכט מיט זיך חשבונות, איבערגעלייגט זיך —

אפשר, אפשר וועט זיך דאָס... ניין, ניין, די ווערטער קלינגען נאָך אין די אויערן, די דערנידערונגען זענען ווי אַ שלעכט פאַרהיילטע ווונד, ביי יעדער באַוועגונג טוט ווידער וויי, קיין נייע אַרבעט אויך נישט, „אַן אַרויסגעוואָרפענע"! זי באַגעגנט זיי, די „גליקלעכע", וואָס האָבן פון וואָס צו לעבן: „נאָט אייך אַ פּענסיע אַבי זיצט אין אַ ווינקל, מישט אייך נישט". לעבעדיקע מתים. ניין, ס'גייט נישט נאָר אין זיין פאַרזאָרגט מיט פּרנסה, זי וועט נישט קאָנען, מוז אויך טראַכטן וועגן די קינדער, זי מוז אויך...

— וואָס האָסטו אָנגענומען אַ פול מויל וואַסער? זעסט אויס, ווי וואָלסט אין עולם-הדמיון געווען און נישט דאָ אויף דער ערד.

סאַלקע האָט ווייטער געשוויגן. אין קאָפּ האָבן זיך געפּלאָנטערט די זעלבע געדאַנקען. ווי קאָן זי זיי אַרויסברענגען פאַרן מאַן?

— נו, איך וואַרט! כ'האָב דיר אַמאָל געהאַט צוגעזאָגט, אַז אונטער־נעמען עפּעס וועלן מיר צוזאַמען.

— פאַרוואָס זאָלן מיר נישט אָנשרייבן אין „האַיאַס"? די שכנטע האָט זייער גוט דערליידיקט, כ'קאָן זיך געגוי אינפאָרמירן. וואָלסט אייך געקאָנט אָנשרייבן צו דיין קרוב שמואל-בער, האָסטו שוין אָפּגעפונען עמעצן, דאַרף מען אָנשרייבן. מ'זאָגט, אַז אין קאַנאַדע איז לייכטער זיך איינצו־אָרדענען, די קינדער וואָלטן געקאָנט לערנען.

ס'איז פאַרבליבן צווישן פאָרפאָלק, אַז סאַלקע שרייבט צום „האַיאַס" און לייזער צום ווייטן אָפּגעפונענעם קרוב קיין מאָנטרעאַל. פון שמואל־בערן איז אָנגעקומען אַן אויסמיידנדיקער ענטפער, נישט יענער האָט זיך געאײַלט צו ענטפערן צו דער צייט, נישט ער האָט געענטפערט צו דער זאַך.

— אויס מיט קאַנאַדע, האָט לייזער מודיע געווען סאַלקען נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט דאָס קורצע בריוול.

— איך רייס זיך גאָרנישט קיין קאַנאַדע.

— ווו דען רייסטו זיך? אפשר רייסטו זיך שוין אין ערגעץ נישט, מען האָט דיר נאָך פון אַלעמען נישט געגעבן צו פאַרזוכן, וואָלסט גע־רעדט מיט מענטשן, וואָס ס'טוט זיך הינטער די קוליסן...

זי האָט געוווסט, נאָר מיטן מאַן נישט געקאָנט רעדן דערוועגן, האָט בלויז אַ פאַרזאָרגטע אָפּגעענטפערט:

— כ'האָב בלויז געזאָגט, אַז איך רייס זיך נישט ספּעציעל קיין קאַ־נאַדע, כ'וואָלט שוין בעסער געפאָרן קיין ישראל.

— טאָ זאָלן מיר פאָרן!

צעשטערטער שלום־בית

— זעסט דאָך אַליין! דינה ראַט נישט, זי וויינט און קלאָגט, הייסט צוואַרטן.

— הייסט עס, מיר בלייבן ווייטער זיצן!

— פאַרוואָס עפּעס בלייבן זיצן? כ׳וואַרט אויף אַן ענטפער פון „האַ־יאַס״, מ׳וועט אפשר קאָנען פאָרן קיין אויסטראַליע.

— ס׳ציט מיך נישט אַהין, אָפּרייסן זיך פון אַ וועלט מיט יידן, גענוג געווען פאַרוואָרפן.

— טאַ לאָמיר צוואַרטן. זאָגסט, אַז אין ישראל קאָן זיך פאַרבעסערן, זאַשע וועט דערוויל מאַכן די מאַטורע, כאָטש איינע וועט האָבן געענדיקט.

— פון וואַנען ווייסטו, אַז מ׳וועט דעמאָלט לאָזן פאָרן?

— מ׳דאַרף סייווי צוואַרטן אויף אַן ענטפער פון „האַיאַס״, ס׳וואָלט געווען אַ זאָרג ווייניקער, ווען זאַשע וואָלט געהאַט די מאַטורע.

דאָס מאָל האָט דאָס פאַרפאָלק גאָרנישט באַשלאָסן. די צייט איז געגאַנגען איר וועג. לייזער האָט זיך אָפּגענומען אַ צוויי וואָכיקן אורלויב, וואָס מ׳איז אים שולדיק געבליבן און געפאָרן זיך אָפּרוען. אָפּרוען, ווי אָפּרוען, אָבער ער וועט קאָנען אָנשרייבן עטלעכע לידער. זינט ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מעשה מיטן פאָרן, איז אין שטוב געוואָרן אַן אמתע מיל, ער קאָן די פּען אין האַנט נישט נעמען.

ווען לייזער האָט אין אָפּרו־הויז געשריבן לידער, איז פּונקט אָנגעקומען אַן ענטפער פון „האַיאַס״. סאָלקע האָט מיט אימפּעט גענומען זיך דערליידיקן די פאָרמאַליטעטן. די אָרט־שול האָט זי געהאַט געענדיקט און געהאַט זיך דורכגעשריבן מיט באַקאַנטע, וואָס זי וועט אין ווייטן מעלבורן קאָנען אויפטאָן מיט אירע שניידערישע קענטענישן. זייערע בריוו האָבן איר צוגעגעבן קוראַזש. די מיידלעך האָבן אין שולע געלערנט ענגליש און אָנגעהויבן איצט אין די אָוונטן קנעלן מיט דער מאַמען דאָס ענגלישע לשון. אין שטוב האָט דער רייזע־פיבער זיך אַ הויב געטאָן. בלויז לייזער איז געזעסן רואיק, ווי ער וואָלט זיך צוגעוווינט צום זוכן אַן אָרט אונטערן הימל און דערוויל בלייבן אויפן אָרט.

— אַלץ איז כמעט צוגעגרייט, מיר וועלן אינגיכן קאָנען פאָרן — האָט אים סאָלקע מיט פרייד אָנגעזאָגט די בשורה אין אַ פרילינגדיקן טאָג 1959, ווען ער איז צוריקגעקומען פון אורלויב.

— ווו פאָרן? — האָט לייזער אויסגעגלאָצט די אויגן.

אָפּגעריסענע צווייגן

— פרעגסט ווי אַ פרעמדער, מיר פאָרן דאָך קיין אויסטראַליע.

— ווער פאָרט קיין אויסטראַליע? — האָט לייזער ווידער געפרעגט נישט מיט זיין שטימע.

— וואָס פרעגסטו ווער? מיר אַלע.

— וואָס האָסטו דאַ אָנגעבראָיעט? כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז איך וויל נישט פאָרן קיין אויסטראַליע!

— אַזוי גאָר! האָסט דאָך אַליין געהייסן מיר שרייבן צום „האיאַס״, געשטאַנען מיר איבערן קאָפּ, דיקטירט וואָס איך דאַרף שרייבן.

— שרייבן יאָ, אָבער פון שרייבן ביז גלייך פליען אַזש קיין אויס־טראַליע, אויף עק וועלט! וואָס איז די איילעניש? ס׳ברענט?

— כ׳האָב זיך אויך נישט געריכט, אַז ס׳וועט אַזוי גיך דערליידיקט ווערן, אָבער אַז מיר האָבן שוין באַשלאָסן, איז בעסער וואָס פריער.

— ווער באַשלאָסן? וואָס באַשלאָסן? מיר האָבן בלויז גערעדט, געפּרוווט צי מ׳וועט אין ערגסטן פאַל קאָנען, אָבער נישט באַשלאָסן צו פאָרן קיין אויסטראַליע.

— וואָס מאַכסטו מיך משוגע? ביסט אויך איינגעגאַנגען אויף מאָנ־טרעאַל, מיט וואָס איז דיר קאַנאַדע בעסער ווי אויסטראַליע?

— איך וויל קיין קאַנאַדע אויך נישט.

— ווו דען ווילסטו?! — האָט שוין סאַלקע נישט אויסגעהאַלטן און אויסגעשריען מיט צאָרן.

— אויב פאָרן, איז קיין ישראל.

— דו גופא האָסט אָפּגעהאַלטן. — די לאַגע איצט אַ שווערע, מיט צוויי קינדער, אָן אַ פאַך, דער קלימאַט, די פיס ווערן דיר געשוואָלן אין היצן, ווייסט נישט ביי וואָס מ׳וועט די הענט פאַרטשעפּען, ווייסט נישט! ווייסט נישט!

סאַלקע האָט אין איין אָטעם אויסגערעכנט אַלע זיינע באַוואָרעניש, וואָס ער האָט ווען ס׳איז געהאַט געבראַכט פאָרן מויל, ער, לייזער, האָט שוין געהאַט פאַרגעסן — זי נישט.

— כ׳האָב בלויז געוואָלט מ׳זאָל צוווארטן. כ׳וועל זיך אויסלערנען דאָס פאַך, ס׳ברענט נישט.

צ ע ש ט ע ר ט ע ר ש ל ו ם ־ ב י ת

— משוגענער, האָסט דען נישט געוואָלט נאָך אין 1946 אַוועקפאָרן ווו ס׳זאָל נישט זיין?

— יאָ, דעמאָלט געוואָלט לויפן ווו די אויגן וואָלטן געטראָגן, דעמאָלט געהאַט אַ צעקלאַפּטן קאָפּ און... און געבליבן, איינגעגאַנגען צו בלייבן, איצט ברענט ביי דיר...

— ווילסט ווייטער בלייבן? ווילסט נישט פאָרן?

— כ׳וויל יאָ פאָרן, נאָר נישט קיין אויסטראַליע.

— ס׳איז דאָך שוין דערליידיקט! ווער האָט כוח ווידער אויף ס׳ביי אָנצוהויבן?

ביי לייזער בערקאָוויטש אין שטוב האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. יעדן טאָג, ווען דאָס פּאַרפּאַלק איז געווען אין שטוב, איז פאָרגעזעצט געוואָרן דער דיאַלאָג. סאַלקע האָט זיך דאָס מאָל פאַרעקשנט, נישט געוואָלט הערן פון קיין אַנדער לאַנד ווי אויסטראַליע. זאָשע, די עלטערע, וואָלט זיך גערן געשטעלט אויף דער זייט פון פאָטער, אָבער ווי אַזוי זאָל ער איר פאַרזיכערן, אַז זי וועט דאָרט ווייטער קאָנען לערנען? זי האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ מעדיצין און וויל אויך נישט אָפּ־טרעטן; זאָל מען איר זאָגן ווו זי וועט קאָנען שטודירן. דערווייל איז איר אָנגעקומען אַ בריוו פון אירער אַ שול־חברטע. מאַרישע האָט מיט אַ יאָר צוריק מיט די עלטערן זיך אומגעקערט קיין פּאַריז. אין זאָשעס האַרץ האָט זיך אָנגעצונדן אַ יוגנטלעכער פלאַם — סאָרבאָנע, אייפל־טורעם, לוווּר, סאַקרע־קער...

— איך וויל פאָרן שטודירן אין פּאַריז. מאַרישע שרייבט מיר, אַז כ׳קאָן וווינען מיט איר, זי וועט מיר העלפן געפינען אַרבעט, פאָרן שטודירן צאָלט מען גאָרנישט, פאַרקערט, מען צאָלט נאָך צו...

— דו ביסט שוין אויך משוגע געוואָרן? אָנגעשטעקט זיך? צוליב אייך אויסגעריסן געוואָרן, אַרומגעלאָפן דערליידיקן, אייך צו פאַרזאָרגן!

— כ׳בין שוין מער נישט קיין קינדעלע. כ׳וויל ענדיקן מעדיצין.

ביי דער ייִנגערער האָט אַ ברען געטאָן די יוגנטלעכע אַמביציע:

— און איך בין גאָרנישט? מיט מיר רעכנט מען זיך אינגאַנצן נישט! איך וויל אויך שטודירן. לאָמיר טאָן, ווי מאַרישעס עלטערן, לאָ־מיר פאָרן קיין פּאַריז און פּטור.

אָפּגעריסענע צווייגן

סאַלקע האָט ברייט געעפנט די אויגן, מיט דערשטוינונג אָנגעקוקט די מיידלעך, אָבער פאַרביסן די ליפּן און גאָרנישט געענטפערט. לייזער איז פּונקט אָנגעקומען פון דער אַרבעט. ער האָט זיך געהאַט צוגעזאָגט, נאָכן נעכטיקן וויכוח מיטן ווייב, זיך צו מאַכן פאַרגעסן אין אַלץ. סאַל־קעס געמיט איז אָבער געווען אַזוי שווער, אַז זי האָט געמוזט זיך אויס־שרייען, און אויסגעגאָסן דעם גאַנצן גרימצאָרן אויפן מאַן: ער מאַכט זי דול, האָט אויך די מיידלעך צעדרייט די געדאַנקען, זי וועט אַראָפּגיין פון זינען פון דעם אַלעמען.

— אוי, מיכאַל, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, ס'איז אַ גיהנום ביי מיר אין שטוב — האָט לייזער אויסגעזיפצט יעדעס וואָרט.

— פאַרענדיק און זאָל דאָס נעמען אַ סוף — האָט אים זיין פריינט גוטמוטיק געראַטן.

— ווי קאָן איך פאַרענדיקן, אַז זי האָט זיך איינגעעקשנט, אויף אַ צולאָג איז נאָך צוגעקומען די מעשה מיט פּאַריז, די עלטערע וויל קיין פּאַריז; מיט דער וואָלט איך שוין דורכגעקומען, נאָר מיין ווייב האַלט זיך ביי אירס, אַ שטיין, קאָנסט רירן אַ שטיין?

אפשר איז זי גערעכט? — האָט מיכאַל געפּרוווט לייכטער מאַכן לייזערס געמיט.

— וואָס הייסט גערעכט, אַז דאָס האַרץ ציט מיך פאָרט נישט קיין אויסטראַליע.

— האָסט דען אַן אויסוועג?

— אוודאי, פאָרן קיין ישראל.

— טאָ פאַרוואָס ביסטו גלייך נישט געפאָרן?

— כ'האָב געוואָלט צוואַרטן, ס'האָט געברענט? צוריק געשמועסט, וואָס איז מיר דאָ אַזוי שלעכט געווען? די עלטערע האָט פאַרענדיקט, אָנגענומען געוואָרן אויפן אוניווערסיטעט, די יינגערע וואָלט דערווייל אויך פאַרענדיקט.

— איז אפשר?

— וואָס אפשר?

— זאָגסט דאָך, אַז ס'איז אייך דאָ נישט אַזוי שלעכט, אפשר בעסער בלייבן?

— וואָס פעלט דיר איין?! גענוג געוואָרט.

צ ע ש ט ע ר ט ע ר ש ל ו ם ־ ב י ת

— מוזסטו מאַכן אַ סוף צו דער שפּיל.

— ס׳איז דיר לייכט צו זאָגן: מאַכן אַ סוף צו דער שפּיל. אוי, מיכאַל, ביסט אַ גליקלעכער מענטש, וואָס דו דאַרפסט זיך נישט ברעכן דעם קאָפּ ווו צו פאָרן! דער גיהנום אין שטוב ציט אַרויס דאָס חיות.

מיכאַל בטבע אַ קאַרגער אין ווערטער, אַזעלכער וואָס האָט ליב צו הערן און נישט צו דערציילן, האָט פון אָנהייב בלויז בלאָס געשמייכלט, דערנאָך שטיל ווי קעגן זיין אייגענעם ווילן זיך אָפּגערופן:

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך ברעך זיך נישט דעם קאָפּ? נישטאָ וואָס מיך מקנא צו זיין, ביי מיר אין שטוב דאָס זעלבע.

וואַרשע, פעברואַר 1960.

אַ פשוטע זאַך

פון דער סעריע: היינטצייטיקע מאַראַנען

אַנגעהויבן גרייטן צו רעפּאַטרירן זיך האָט וויקטאָר יאַקובאָווסקי פון די ערשטע, און אויב געקומען פון די לעצטע איז נישט צוליב אַבי וואָס. אין צווישנצייט איז דער ייִנגסטער און דער איינציק איבערגעבלי־בענער פון די 4 ברידער און דריי שוועסטער אַוועק פון דער וועלט. פּלוצ־לינג. פון אַ האַרץ־שלאַק. איז וואָס דער געלויף, אַז דער איינציקער ברו־דער איז שוין דאָרט אויך נישטאָ? ער ווייסט, ער ווייסט, נישט בלויז צוליבן ברודער געוואָלט אויסוואַנדערן, דעם ברודערס פּלוצלינגער טויט האָט אים אָבער ווי פּאַראַליזירט. צו וועמען? צו וואָס? אין דעם עלטער פאַרט מען, אַז ס'איז דאָ צו וועמען. דאָ אין לעמבערג איז וואָס אַן אמת אויך קיינער נישטאָ, מ'גייט אַרום ווי אויף אַ בית־עולם. דאָרט וועט זיין דאָס זעלבע.

— און דער קבר פון ברודער איז שוין גאַרנישט? — האָט ער אָנגע־הויבן איינטענהן מיט זיך. דאָרט וועט מען כאָטש קאָנען צוגיין אָנבויגן דעם קאָפּ, אַוועקלייגן אַ בלימל.

— און דער זון פון ברודער איז שוין גאַרנישט? — האָט ער זיך ווייטער געמוסרט. אַ ברודערס אַ קינד איז דען נישט ווי אַן אייגנס? זיי־נע דריי קינדער האָבן די משחיתים פאַרטיליקט, דער ייִנגסטער וואָלט היינט נישט געווען קיין סך עלטער, ווי זיין ברודער־זון, ער וואָלט אים געדאַרפט פאַרטרעטן דעם פאָטער. ווי וועט ער אים אָבער אויפנעמען? די שווע־גערין קען ער, זי איז געווען צוויי מאָל ביי אים אין לעמבערג, מיטן ברודער. שווער געווען זי צו צעקייען, געהערט מסתמא צו די מענטשן, וואָס לאָזן זיך נישט דערקענען. ער, וויקטאָר, האָט זי אויפגענומען אויף זיין שטייגער — יידישלעך־היימיש. ביים טיש אַריינגעוואָרפן אין פּוילישן לשון יידישע ווערטלעך, יידישע וויצן. דער ברודער האָט זיך מחיה גע־ווען, געשמאַט זיך פון געלעכטער, אויסגעהונגערט געווען אויף אַ יידיש וואָרט. זי, דאָס ווייב זיינס, האָט גאַרנישט פאַרשטאַנען, ער האָט עס איר

צעקייט און אַריינגעלייגט אין מויל. ס'האָט זי געלאָזן קאַלט. מילא, לעקט זי נישט די פינגער פון יידישע וויצן, פאַרוואָס אָבער אַזאַ שטייפקייט? עפּעס האָט זי געקוועטשט, ווי זי וואָלט אַנגעטאָן געווען אין אַן ענגן קאָר־סעט. צי דערפאַר האָט דער ברודער נישט דערזאָגט אַ סך זאַכן? ווי וועט עס איצט זיין מיט איר?

אומזיסט זיך געשראָקן. די שווענערין האָט אים דערוואַרט און אויפ־גענומען גאַר פריינטלעך. נאָכן פלוצעמדיקן טויט פון מאַן האָט זי דערפילט אַ בענקשאַפט צו משפחה, בפרט ס'איז דעם מאַנס עלטסטער ברודער. אים וויקטאָרן, האָט דער יינגסטער ברודער געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין קאַ־ריערע. דער כעמיקער יאַקובאָווסקי האָט אַלע יאָרן שווער געהאָרעוועט און אַ וואָסערע 4—5 יאָר אויסגעהאַלטן דעם יינגסטן פון די 4 ברידער ביז ער האָט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט. קריסטינאַ יענדריכאָווסקאַ־יאַקובאָווסקאַ — אַזוי הייסט די שווענערין — ווייסט דאָס, זי האָט נישט איינמאָל געהערט דעם מאַן דערציילן, ווי דער ברודער האָט זיך מקריב געווען פאַר אים.

האָט קריסטינאַ באַצייטנס געבעטן ביי דער אַרבעט איר זומער־אור־לויב און געלאָזט זיך פון קראָקע קיין וואַרשע באַגעגענען דעם גאַסט. וויקטאָר האָט זיך געמאַכט פאַרוואָרפן: מ'טאָר קיין מענטש נישט אור־טיילן פון פאָרויס, זי האָט אויסגעזען אויף אַ רעזערווירטע, אַ קאַלטע און פאַרנעמט זיך מיט אים ווי אַן אייגענע שוועסטער. פונדעסטוועגן איז אים אויפפאַלנד געווען וואָס זי פאַרבעט אים נישט צו זיך קיין קראָקע, דעם זון אויך נישט מיטגעבראַכט. ער איז ספּעציעל געקומען צום אָנהייב זומער־פעריען.

— ווו איז דער זון? — האָט ער שוין צום צווייטן מאָל געשטעלט די זעלבע פראַגע.

— כ'האָב דיר געזאָגט, אין שטוב, גרייט זיך אין עטלעכע טעג אַרום צו פאָרן אויף אַ זומער־לאַגער.

— וועלן מיר אפשר צופאָרן, כ'וויל דאָך אים זען.

— וועסט אים נאָך זען.

— ער וועט דאָך אַוועקפאָרן.

— וועט איר זיך דערנאָך זען.

— פאַרוואָס נישט איצט?

— כ'מוז מיט דיר פריער דורכרעדן דערוועגן...

זי האָט אַ ווײַלע אַ זשענירטע געשוויגן און דערנאָך צוגעגעבן:

אַ פּשוטע זאַך

— דערפֿאַר אים נישט מיטגענומען, געוואָלט אויסמיידן... כ׳מוז דיך צוגרייטן — האָט זי מיסטעריעז געצויגן די ווערטער.

וויקטאָרן איז דורכגעלאָפֿן אַ פּראַסטיקער ווינט אין די ביינער. מע־כאַניש האָט ער צוגעקנעפּלט די מאַרינאַרקע. אין דמיון איז אויפגעקו־מען דער איינציקער זון פון דער עלטסטער שוועסטער. דאָס יינגל איז געוואַקסן אַן עילוי, נאָר אויף דער פּלייצע איז אים געוואַקסן אַ האָרב אַזאַ מאַסיווער, אַז ער האָט דערדריקט דעם דעליקאַטן גוף. ער, וויקטאָר, האָט לאַנג נישט געוווסט וועגן דער שוועסטערס אומגליק, די גרויסע מש־פּחה איז געווען צעשפּרייט איבערן לאַנד. אַ יאָר פאַר דער מלחמה איז די שוועסטער געקומען מיטן יינגל צו אַ פּראָפעסאָר אַ ספּעציאַליסט קיין לעמבערג. 14 יאָר איז ער דעמאָלט אַלט געווען און געהאַט די וווקס פון 9 יאָר. נאָר דאָס קאַליקע־יינגל האָט איבערראַשט — מיט זיינע לאַנגע פינגער האָט ער אַרויסבאַקומען די איידלסטע און דינסטע טענער און קלאַנ־גען פון די קלאַווישן. מער האָט ער אים נישט געזען, מער נישט געהערט שפּילן, געהערט האָט ער אָבער ווי אַזוי ער האָט געטראָפן קיין אוישוויץ און באַלד דערנאָך צו דאָקטער מענגעלע אין „לאַבאָראַטאָריע״.

וויקטאָר האָט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט ביידע הענט, איבער־געטראָגן זיך אין יענע יאָרן, געקוקט שטאַר פאַר זיך און געזען דעם שוועסטער־זון אי ביי זיך אין שטוב, אי דאָרט...

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט ?

ער האָט אויפגעריסן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ דרימל, געוואָלט פרעגן און בלויז געזאָגט :

— איך טראַכט וועגן דיין זון.

— ס׳פרייט מיך וואָס ער האָט אַ געטרייען פעטער.

זי האָט דיסקרעט אָפּגעזיפצט :

— כ׳מוז איצט זיין אי די מאַמע, אי דער טאַטע.

וויקטאָר האָט זיך נישט געאיילט צו פרעגן. ס׳שטופּן זיך אים פראַגן אויפן צונג, אָבער ער וועט זיי פאַרן מויל נישט אַרויסברענגען. ווער ווייסט וואָס פאַראַ צרות זי האָט מיטן זון. די עלטערן האָבן געהאַט גערימט זיינע פעאיקייטן צו מאַטעמאַטיק, צו מוזיק. זאָל ער זיין ענלעך צו יענעם ? ער פאַרשטייט שוין צו וואָס די מאַמע דאַרף אים צוגרייטן. אַ פרוי דערציילט מער מיט אַ קרעכץ, ווי אַ מאַנסביל מיטן גאַנצן על־חטא.

קריסטינאַ יענדריכאָווסקאַ־יאַקובאָווסקאַ האָט דערוויל זיך פאַרנומען מיט זיך : אַרויסגענומען לאַנגזאַם פון טאַש אַ ניי פּעקל ציגאַרעטן, נאָך

לאַנגזאַמער אַנגעהויבן אַראָפּרייסן דעם באַנדעראָל, ווי זי וואָלט דערמיט געוואָלט געווינען צייט. דערנאָך ווידער זיך גענומען צום אַנגעפּראָפּטן טאַש, לאַנג געזוכט ביז זי האָט געפונען דעם מעכאַנישן אַנצינדער, פאַררויכערט און טיף זיך פאַרצויגן מיטן פּאַפּיראָס.

ביי וויקטאָרן איז די אַנגסט געוואַקסן: אַז מען מאַכט אַזעלכע לאַנגע הכנות, איז נישט אַבי וואָס. נישט לייכט פאַר אַ מאַמע צו דער־ציילן. ער זעט אין אופן ווי זי רויכערט, מיט אַ פּאַפּיראָס וויל מען אָפּט מאָל דערשטיקן אַ דריקעניש. די מינוטן האָבן זיך געצויגן לאַנג, דאָס וואַרטן אויף אַ בייזער בשורה איז ערגער, ווי דאָס אָנזאָגן זי.

— נו, איך הער דיך, וואָס איז מיטן זון?

קריסטינאַ האָט עטלעכע מאָל פאַרצויגן, אַרויסגענומען דעם פּאַפּי־ראָס פון מויל, אַרויסגעלאָזט פון צווישן די קאַרשן־רויטע ליפּן אַ וואָלקנדל רויך, אונטערגעשפּאַרט די האַנט אונטערן קאָפּ, געוואָרפן עטלעכע זייטיקע בליקן אַרום זיך און שטיל אָנגעהויבן:

— יורעק איז נישט... כ'וויל זאָגן, יורעק ווייסט נישט, אַז מיר שטאַמען... ער ווייסט בכלל נישט וועגן אַזאַ פּראָבלעם. ער איז אַ מענטש, ווי אַלע מענטשן און ווייטער גאָרנישט. דיין קומען, צום גליק דיין נאָמען, אָבער דו... כ'וויל זאָלסט מיך פאַרשטיין, מ'דאַרף נישט שאַפן ביי אים קיין פּראָבלעמען, קיין אויפטרייסלונגען, כ'וואָלט געוואָלט אויסמיידן, פאַר־שטייסט?

וויקטאָר איז געזעסן אַ געפּלעפּטער און געקוקט אויף דער שווע־גערין מיט אויסגעלאָשענע אויגן, ווי אַ פּלוצעמדיקער אומעט וואָלט זיי פאַרנעפּלט. כאָטש אַ שטיין איז אים אַראָפּגעפאַלן פון האַרץ, האָט זיך אים געדוכט, אַז מען באַלייגט אים מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ.

ער האָט זיך אָנגענומען מיט כוח, געמאַכט אַן אָנשטעל פון גלייכ־גילט און געפרעגט:

— דאָס אינגאַנצן? דער גאַנצער סוד וועגן יורעקן?

— וואָס דען האָסטו זיך פאַרגעשטעלט?

— געמיינט, אַז חס וחלילה אַ שווערע קאַליקע, כ'ווייס וואָס פאַראַ אומגליקן ס'טרעפן.

זי האָט זיך צעשמייכלט, אין איר שמייכל איז געווען אי פרייד, אי שטאָלץ, האָט אָפּגעלייגט דעם פּאַפּיראָס אויפן אַש־בעכער, אַרויסגעצויגן פון בייטל אַ קאָנווערט, אַרויסגענומען אַ שיינע פאָטאָגראַפיע, וואָס מאַ־מעס טראָגן שטענדיק מיט זיך, און דערלאַנגט אים. וויקטאָרן האָט אַ שלאָג

אַ פּשוטע זאַך

געטאָן אין די אויגן די ענלעכקייט צום ברודער. ער האָט לאַנג זיך איינגעקוקט אין 16־יאָריקן בחור און טרוקן געמאַכט דער מאַמען אַ קאָמפּלימענט:

— אַ שיינער בחור, האָט אַן אינטעליגענט פּנים, אַ קלוגן שטערן, אַ קאָנצענטרירטן בליק, זעט אויס אויף אַזעלכן, וואָס רעדט נישט קיין סך, אָבער ווייסט זיינס.

קריסטינאַ האָט געשיינט, טראָץ דעם טרוקענעם טאָן פון שוואָגער. אַז מען רימט איר זון, הויבט מען זי אויף אין זיבעטן הימל. ס׳איז פּונקט ווי מען וואָלט איר גופא געמאַכט די גרעסטע קאָמפּלימענטן. זי האָט נאָר געוואַרט דער פּעטער זאָל זאָגן, אַז דער זון האָט דער מאַמעס אויגן. וויקטאָר האָט אָבער בלויז מעלאַנכאָליש צוגעגעבן:

— ס׳טוט מיר זייער לייד.

ס׳טוט דיר לייד? אַזאַ גוראַטענער ברודער־זון.

— פאַרדינט ער טאַקע נישט מ׳זאָל אים אָפּנאַרן.

— אָפּנאַרן? — האָט זי געזאָגט מיט פּראָטעסט — קיין שום אָפּנאַרעריי, ס׳איז אויסגעקומען אַזוי נאַטירלעך, אַזוי פּשוט ווי... קיין שום רייד קיינמאָל נישט געווען דערוועגן, געווען אַ קינד, ווי אַלע קינדער, מיט גאָרנישט זיך אונטערגעשיידט, ווי קאָן זיין אַ רייד וועגן אָפּנאַרן? אַ פּשוטע זאַך, מיר האָבן נישט געהאַלטן פאַר נויטיק אים צו פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט אַזעלכע... צו שאַפן פּראָבלעמען, אַזוי איז ער אויסגעוואַקסן אָן קאָמפּלעקסן.

זי האָט אָנגעהויבן פאַרן זיך מיט אַ נייעם ציגאַרעט, פאַררויכערט און אַריינגעצויגן אַזוי טיף דאָס מאָל דעם רויך, אַז צווישן די צוזאַמענגעצויגענע ליפּן איז צוריק אַרויס קוים אַ דין פאַסיקל, ווי זי וואָלט געוואָלט זיך פאַרשיכורן מיטן רויך. איר שטימע איז געוואָרן הייזעריק, מיד, זי האָט גערעדט פּאַמעלעך, אויסגעהיטן זיך נישט צו זאָגן קיין איבעריק וואָרט:

— דיין ברודער האָט פאַרויסגעזען, ער האָט געליטן דערפון, געוווּסט, אַז דו... כ׳האָב אים געזאָגט כ׳נעם אויף זיך, כ׳וועל דיר אויפקלערן, וועסט פאַרשטיין, דו ווייסט וואָס ס׳איז געווען, האָסט געהאַט קינדער, איך גופא בין דעמאָלט גרייט געווען אויף אַלעמען, כ׳וואָלט לעבעדיקערהייט די הויט פון זיך אַראָפּגעצויגן, ווען מ׳וואָלט געקאָנט אַן אַנדערע אַרויפציען. צו וואָס טויג דאָס מיין קינד איצט?

אַפּגעריסענע צווייגן

ניין, זי האָט נישט געוואָלט רעדן דערוועגן, צו וואָס זאָל זי זוכן אַזעלכע פאַרענטפערונגען? צו וואָס גריבלען זיך אין דעם אַלעמען, וואָס מ׳דאַרף פאַרגעסן? צום בעסטן קורץ און שאַרף:

— ס׳איז בכלל קיין פּראָבלעם פאַר אונדז נישט, אַ פּשוטע זאַך, יורעק איז אַזוי דערצויגן געוואָרן.

— טאָ צו וואָס דערציילסטו דאָס? ס׳זעט אויס ווי ס׳וואָלט נישט געווען אַזוי פּשוט.

— צו פאַרהיטן יורעקן! דיין קומען קאָן... כ׳וואָלט נישט געוואָלט, כ׳וויל דיך בעטן זאָלסט נישט שאַפן קיין קאָמפּליקאַציעס, פאַרשטייסט וואָס ס׳באַדייט אויב דו...

ער איז געוואָרן אומגעדולדיק, נישט געלאָזט איר פאַרענדיקן:

— כ׳פאַרשטיי, כ׳פאַרשטיי אַלץ, נאָר איך וויל דו זאָלסט אויך פאַרשטיין, זאָלסט נעמען צו קענטעניש: כ׳וועל פון זיך קיין פּאַיאַץ נישט מאַכן, נישט אויסבאַהאַלטן, פאָדערסט פון מיר איך זאָל אויף מיינע אַלטע יאָרן!

— כ׳פאָדער נישט אַז זאָלסט אויסבאַהאַלטן, דאַרפסט זיך פּשוט נישט רעקלאַמירן דערמיט, יורעקן וועט קיינמאָל נישט איינפאַלן דיך צו פרעגן.

— אויך דאָס נישט, פאַרקערט, סיידן זאָלסט מיר פאַרבאָטן זיך צו טרעפן מיט אים.

— אים קאָן איך אָבער נישט פאַרבאָטן, ער וויל דיך אָט־שוין זען.

— איז אָדער, אָדער.

זי איז געבליבן שטיל. אויפן דעליקאַטן, גוט געפּלעגטן פּנים זענען אַרויס געטראָטן רויטע פלעקן, זי האָט דערפילט ווי דאָס געזיכט ברענט איר, האָט אַרויסגענומען דאָס פּודער־שאַכטעלע און צוגעפּודערט די נאָז, די באַקן, וואָס זי טוט זעלטן עפּנטלעך. זי איז נישט געווען צופרידן פון זיך -- נישט אַזוי האָב איך געדאַרפט, געשטעלט אויפן שפּיץ מעסער, ס׳איז אַלץ אַרויסגעקומען פאַרקערט ווי זיך פאַרגעשטעלט. דער מאַן האָט זי אַמאָל געוואָרנט. וואָס בלייבט איצט צו טאָן? צווישן האַמער און קאַוואַדלע, אַזעלכעס האָט זיך איר קיינמאָל נישט געחלומט אין קיין שום בייזן חלום — צווישן זון און שוואָגער גאָר; ער וועט זיך פּלוצלינג דערוויסן פון פעטער, ס׳וועט זיין ווי אַ דונער פון העלן הימל. און וואָס פאַראַ פּנים וועט זי האָבן ביי אים? נישט דערלאָזן זיי זאָלן...? נישט מעגלעך! ער וואַרט אויפן פעטער. וואָס בלייבט איר איצט צו טאָן?

דאָס שווייגן האָט זיך פאַרצויגן. די רויטע פלאַמען אויפן פּנים האָבן

אַ פּשוטע זאַך

דורכגעהאַקט דעם פּודער, ס׳איז איר דערווידער, ווען דאָס פּנים פלאַמט איר, „כ׳זע מסתמא אויס העסלעך״. זי האָט זיך דערפילט אומבאַהאָלפן, האָט אַריינגענומען דאָס פּנים איןביידע הענט. די אויגן איינגעגראָבן אין טיש, די עלענבויגנס אָנגעשפּאַרט, האָט זי אויסגעזען, ווי זי וואָלט געוואַרט אויף אַ שווערן משפּט.

וויקטאָר האָט באַקומען מיטלייד מיט איר, זיין פּאַרדרוס האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעקילט, זיין שטימע איז צוריק געוואָרן מילד, דער טאָן ווי געוויינלעך אַ שפּאַסיקער.

— ווייסט וואָס ס׳זאָגט אַ יידיש ווערטל ? מ׳דאַרף נישט קרעכצן מער ווי ס׳טוט וויי.

זי האָט זיך אויפגעריסן :

— איך קרעכץ דען ? איך טראַכט וואָס צו טאָן, דו פאַרשטייסט נישט וואָס דאָס באַדייט פאַר יורעקן אַזאַ פלוצעמדיקע געשיכטע, ס׳גייט נישט אין מיר, נאָר אין אים.

ער האָט געפילט, אַז דאָס ערשטע אייז איז דורכגעבראָכן, ער איז צוגעשטאַנען ווי אַן עלטערער ברודער :

— הער שוועסטער, מיט דיר גופא, ווי דו ווילסט, כ׳וויל דיר נישט געבן קיין עצות. מיט דיין זון טאָרסטו אַזוי נישט, ועסט אים אייביק נישט אָפּנאַרן, ער וועט זיך דערוויסן, בעסער פריער, איידער שפּעטער, איצט פאַראַן אַ געלעגנהייט — דער פעטער, פריער האָט איר דערוועגן נישט געטראַכט. מיין ברודער וואָלט איך לייכט איבערצייגט.

— ס׳גייט נישט אין דעם, כ׳מוז דורכטראַכטן ווי אַזוי, ס׳זאָל נישט זיין ווי אַ דונער אין אַ העלן טאָג.

— אפשר לאָזטו דאָס פאַר מיר ? כ׳וועל דאָס מאַכן מיט אַ וויץ, כ׳וועל געפינען אַ געלעגנהייט, לאָמיר פאָרן.

— ניין, כ׳קאָן נישט אַזוי. כ׳מוז אים פריער אַליין צוגרייטן . . .

ס׳טראַכט זיך אָבער לייכטער ווי ס׳מאַכט זיך. קריסטינאַ האָט דעם זון נישט צוגעגרייט. אויף צו להכעיס האָט זי אים געטראָפן אַן אָנגעכמורעטן, און איר גופא איז אויך עפּעס אונטערגעקומען. זי האָט פאַרט אין דער שלאָפלאָזער נאַכט דורכגעטראַכט די זאַך, זי וועט אים . . . וועט פּרוון, אָבער ביי דעם געבליבן. אַז וויקטאָר איז אויפצומאַרגנס געקומען,

האָט ער די שווערגערין געטראָפן נאָך מער צעטראָגן ווי ביי דער ערשטער באַגעגעניש.

יורעק, פאַרקערט, זיין פּנים האָט זיך אויסגעלייטערט. נאָכן טויט פון פאָטער האָט זיך דאָס יינגל איינגעאַנצן געהאַט פאַרמאַכט אין זיך. ער האָט אים אַלע מאָל מער געפעלט, דער פאָטער. אויפן פעטער געוואָרט מיט נייגיר. איז ער טאַקע ענלעך צו זיין טאַטן? ווי אַזוי איז דאָס מיט אַ פעטער? דאַרף מען אים אירצן צי דוצן? ער, יורעק, האָט קיינמאָל נישט געהאַט נישט קיין פעטערס, נישט קיין מומעס, נישט קיין אַנדערע קרובים. אַמאָל האָט ער העלענען גערופן מומע. ווען זי איז אַוועק, האָט ער זיך דערוווסט, אַז זי איז קיין אמתע מומע נישט געווען. זיין מאַמע האָט געוואָלט ער זאָל האָבן אַ מומע און געהייסן אַזוי איר רופן איר פריינדין. דער פעטער איז אַן אמתער פעטער, דעם טאַטנס ברודער. ווי אַזוי וועט זיין מיט אים? פאַרוואָס האָט די מאַמע אים נישט געוואָלט מיטנעמען? צוליב הוצאות? אַן אויסרייד! זאָל נאָר דער פעטער אים נישט אָנהייבן באַטראַכטן פאַר אַ יינגעלע, וואָס מען דאַרף פירן פאַרן הענטעלע, אַזוי ווי די מאַמע.

ניין, וויקטאָר איז נישט אַזאַ פעטער. דער קאָנטאַקט האָט זיך אָנגעבונדן פון דער ערשטער מינוט. דער פעטער האָט דעם ברודער־זון גוט ברודעריש געקלאַפּט איבער דער פּלייצע און אַרויסגעקלאַפּט די אָנגעכמורעטקייט. מיט אַזאַ פעטער וועט מען קאָנען זיך צונויפרעדן, ער פאַרשטייט אַן ענין. — זע ווי ער איז אויסגעדאַרט, מ'קאָן מיינען ער האָט נישט וואָס צו עסן — האָט זיך די מאַמע פאַרקלאָגט. — לאָז צורו, אַ דאַרער לעבט איבער צען פעטע — האָט איר וויקטאָר פאַרזיכערט. — דו מיינסט אויך, אַז כ'בין אַ משוגענע מאַמע? — אַז מען קלינגט איז חגא. זיי האָבן ביידע זיך צעלאַכט, דער זון — ווייל דער פעטער האָט אים צוגעטראָפן, און די מאַמע קוקנדיק אויפן זון.

קריסטינאַ האָט געוואָלט אויסנוצן די שטימונג פון יינגל, זי האָט שוין לאַנג נישט געזען אויף זיין ערנסטן פּנים אַזאַ אָפענעם שמייכל. מוז דאָס שוין יאָ געשען, איז בעסער איצט, אַט גלייך ווי זיי זעצן זיך צום מאָלצייט, דער פעטער וועט איר נאָך פאַרלויפן דעם וועג מיט זיינע יידישע וויצן. ווי וועט זי דעמאָלט אויסזען? זי מאַכט צופיל צוגרייטונגען, ס'דאַרף אויסקומען נאַטירלעך...

זי האָט אָנגעהויבן ווי עמעצער, וואָס וואַרפט זיך אין וואַסער מיט דער אויסרעכענונג, אַז ער וועט דעמאָלט מוזן שווימען. ס'האָט זיך איר

אַ פּשוטע זאַך

אַבער באַלד געדוכט, אַז אַט הויבט זי אָן זיך טרינקען. די ווערטער האָבן זיך געפּלאָנטערט, זי האָט אָנגעהויבן זיך יאָנקען. יורעק האָט פון אָנהייב דיסקרעט געשמייכלט, דערנאָך אויסגעשטעלט אויף דער מאַמען אַ פּאָר קלוגע אויגן און איר אַרויסגעהאָלפן:

— כ׳ווייס, כ׳ווייס, אַלע מיינע קאָלעגן ווייסן, די שכנים אפשר אויך, נאָר דו מאַמע ווייסט נישט, אַז מען ווייסט.

אַבאַרי, יולי 1966.

זיין לעצטער פאַרלאַנג

פון דער סעריע: היינטצייטיקע מאַראַנען

אין טעלעפאָן האָט זיך דערהערט דער נאָמען, נישט דייטלעך, אָבער די קראַנקן־שוועסטער האָט דערקענט די שטימע. דערנאָך אַן אָפּגעהאַקט גאַרגלעניש און אַ טראַסק פון טעלעפאָן־טרייבל. זי האָט אין איילעניש צווויסן געגעבן דעם דאָקטער. גראָד איז אַן אויטאָ געשטאַנען פאַרן סאַמע טיר.

דער אַלטער דאָקטער איז מיט יוגנטלעכן אימפּעט דורכגעלאָפן די עטלעכע טרעפּלעך, האַסטיק געעפנט די טיר און אַריין אין צימער. די שוועסטער האָט אים קוים אַנגעיאָגט און אַריין נאָך אים. אויפן בעט איז געלעגן דער גוף אַן פּיס, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַן אַרויסגעריסענער בוים־שטאַם מיט די איבערגעהאַקטע וואָרצלען אַרויף. אויף דער ערד, לעבן בעט, דאָס טעלעפאָן־טרייבל און אַ נאַטיץ־ביכל.

דער דאָקטער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן מענטשלעכן בינטל און צוגעלייגט דאָס אויער. דאָס האַרץ האָט נישט געקלאַפּט, דער פּולס אַן מינדסטן צאַפּל, די אויגן פאַרגלייזט. די קראַנקן־שוועסטער האָט אויף גיך צוגעגרייט אַן איינשפּריצונג. ס'איז שוין נישט בויטיק געווען.

דער דאָקטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מאַכטלאָז אויף דער ווייכער שטול. אַנטקעגן אים זענען געשטאַנען אַנגעשפּאַרט אַן בעט צוויי היל־צערנע פּיס, לאַנגע, אומעטיקע, ווי לעבעדיקע שטומע עדות. ער האָט בייז געקוקט אויף זיי, ווי ער וואָלט צו זיי אַ טענה געהאַט וואָס זיי שטייען אַזוי רואיק, אָפּגעזונדערט פון באַלעבאָס זייערן, נישט אונטער־געהאַלטן אים אין זיינע לעצטע מינוטן.

יאַן פּאַוולאָווסקי האָט נישט געקאָנט ליגן אין בעט מיט די פּיס־פּראָטעזעס. צום לייגן זיך האָט ער געמוזט זיך שיידן מיט זיי. ער ווייסט

דאָס דער אַלטער דאָקטער. יאַן פלעגט זיי אַראָפּנעמען ביים סאַמע בעט און זיי אָנשפּאַרן דערנעבן, אויב וואָס־ווען, זאָל ער זיי האָבן אונטער דער האַנט. אַזוי פון אָנהייב אָן. נישט ער זאָל זיי אַזוי ליב האָבן, פאַרקערט, ער פלעגט די ערשטע צייט נישט קאָנען קוקן אויף די „פאַרשאָלטענע קוליעס", ער פלעגט זיי זידלען, נאָר בלייבן אָן זיי האָט ער נאָך מער נישט ליב געהאַט.

אויך דאָס האָט דער דאָקטער געוווּסט. ווי האָט ער געקאָנט נישט וויסן, אַז ער גופא האָט אים אַמפּוטירט די פיס — צעקוועטשטע, צעריסענע, גאַנגרענירטע. זיין פּאַציענט האָט לאַנג נישט געקאָנט זיך צוגעוווינען צו די ווילד־פרעמדע, שטייפע פיס, פיינט געהאַט זיי אימת מות. ער פלעגט אָפּדרייען דעם קאָפּ, ווען מ׳האָט זיי אים די ערשטע צייט צוגעטראָגן, און אַז ער האָט געמוזט קוקן, האָבן זיך די אויגן־דעקלעך אַראָפּגעלאָזט ווי פאַר חרפּה. דערמאָנענדיק זיך דאָס, האָט דער דאָקטער באַפעלריש אַ געשריי געטאָן צו דער קראַנקן־שוועסטער: „נעמט זיי אַוועק פון דאַנען! וואַרפט זיי אַרויס!"

די קראַנקן־שוועסטער האָט זיי נישט אַרויסגעוואָרפן, בלויז אַריינגעטראָגן אין קיך. זי האָט שוין נישט וואָס צו טאָן, נאָר גיין אַרויסוואַרפן. און וואָס פאַר אַן אונטערשייד אין קיך צי ערגעץ אַנדערש? דעם געשטאָרבענעם איז שוין אַלצאיינס, אַבי אַוועקנעמען זיי דעם דאָקטער פון די אויגן, כאָטש זי קאָן נאָך דערנאָך אָפּרייסן פון אים אַ גאָב, אַז ער וועט זיי געפינען אין קיך. זי זעט שוין, ער וועט מיטן טויטן זיך אַזוי צערעמאָניען, ווי מיטן לעבעדיקן. אָבער זי וועט האָבן אַן אויסרייד — מ׳דאַרף קודם דערליידיקן די נויטיקע פאָרמאַליטעטן. ווער דען וועט דאָס טאָן? דער דאָקטער איז דאָך נישט בלויז זיינער אַ דאָקטער, נאָר אויך... ווער קאָן דאָס וויסן? טייל זאָגן, אַז אַ קרוב, אַנדערע — אַז אַ פריינט פון פּאַוולאָווסקיס פאָטער. אַזוי צי אַנדערש, זי מוז זיך פאַרנעמען מיט די פאָרמאַליטעטן.

זי האָט אויפגעהויבן פון דער ערד דאָס טעלעפאָן־טרייבל, דערנאָך דאָס נאָטיץ־בלאָקל, אַרויסגעריסן אַ בלעטל, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויפן פאַרשריבענעם זייטל. זי האָט זיך געאיילט, גיך אויפגעשריבן, לאַנגזאַם דורכגעלייענט פאַרן דאָקטער און געוואָנדן צו אים די פרעגנדיקע אויגן:

— ניין, נישט יאַן פּאַוולאָווסקי, נאָר יאַקוב גליקסמאַן, שרייבט:

זיין לעצטער פאַרלאַנג

דער היסטאָריקער יאַקוב גליקסמאַן־פּאַוולאָווסקי, געשטאָרבן פּלוצלינג פון אַ האַרץ־אַטאַק.

די שוועסטער איז געשטאַנען אַ צעטומלטע, אַראָפּגעלאָזט די הענט, געקוקט מיט חידוש, נישט געוווסט וואָס דאָ קומט פאָר. דער דאָקטער האָט אויפגעכאַפּט אירע פאַרלוירענע בליקן און נערוועז פּרעציזירט:

— שרייבט ווי איך הייס, גליקסמאַן, זיין אַמאָליקער נאָמען, ער האָט געוואָלט צוריק נעמען זיין נאָמען...

ווען יאַקוב גליקסמאַן האָט געמוזט פאַרוואַרפן זיין יידישן נאָמען, האָט ער זיך געוויצלט: כ׳וועל פּטור ווערן פון אַ חוזק־נאָמען. אַ שייַנער גליקסמאַן! אַז אַך און וויי! דער נייער נאָמען האָט אים אויך קיין גליק נישט געבראַכט. עטלעכע טעג נאָכן אַרויסגנבענען זיך פון געטאָ, ווען ער האָט שוין דאָרט קיינעמען נישט געהאַט, גראָד ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון „מאַכער" מיט די אַרישע פּאַפּירן אין קעשענע און מיט אַ נייער האָפענונג אין האַרצן, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ „לאַפּאַנקע". די גאַסן זענען תיכף ומיד אָפּגעשלאָסן געוואָרן, די הויז־וועכטער האָבן פאַרמאַכט די טויערן. אַזוי ווי אַ מויז אין אַ שטייג איז ער געלאָפן פון איין טויער צום צווייטן, נאָך אים זענען אַנדערע געלאָפן, אַ סימן, אַז צוריק טויג נישט; זיי זענען שוין געוועזן ביים ראָג גאַס, ווי ס׳זענען אַנטקעגן געקומען זשאַנדאַרמען; קיין צוריק איז שוין מער נישט געווען.

מ׳האָט צומאָל נישט געפרעגט אויף קיין פּאַפּירן, וואָס גליקסמאַן האָט געהאַלטן צוגעגרייט, אויפגעלאָדן די געכאַפּטע ווי שעפּסן און היידאַ צום פּאַוויאַק. ערשט דעמאָלט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זיינע אַרישע פּאַפּירן טויגן אויף אַכציק כפּרות; אַרישע פּאַפּירן זענען דאָ נישט קיין סימן פון „גוטן" אָפּשטאַם, זיי האָבן אַ סימן אין לייב; מיט די פּאַפּירן וועט ער נאָך פאַרערגערן — קלעפּ, לאַנגע אויספאָרשונגען. שוין בעסער זיך מודה זיין. אפשר וועט ער דורך אַ נס געשיקט ווערן אין אַ לאַגער, פאָרט אַ שטיקל האָפענונג זיך אָפּצוראַטעווען. אַזוי פיל מאָל האָט ער זיך אַרויסגעדרייט און געמאַכט אַ ויברח. ניין, פּאַפּירן לאָזט מען אַזוי שנעל נישט אַרויס פון האַנט. צום ווענטל וועלן זיי באַלד נישט שטעלן, צופיל אַנגעכאַפּט, ס׳ראַיעט זיך פון מענטשן, זיי מוזן דאָס אַלץ „דורכזיפּן".

ער האָט באַלד פון אָנהייב דערשנאַפּט ווי ס׳גייט דאָ צו: סעגרעגאַציע, אויספאָרשונג, אָן איילעניש, בפרט נאָך אַזאַ געראַטענעם שניט.

אַפּגעריסענע צווייגן

אין אַזאַ גיהנומדיקן קעסל קאָן זיך אָבער נאָך עפּעס מאַכן, ביז ס׳ליגט נישט די פּעטליע אויפן האַלדז... נישט איין צופאַל האָט אים אַרויס־געראַטעוועט. קודם דאַרף מען באַוואָרענען די פּאַפּירן — אין די שיך. זיי האָבן שוין נישט איינמאָל אויסבאַהאַלטן עפּעס אונטער דער אַריינ־געלייגטער זויל. די שיך נעמען זיי נישט אַראָפּ ביי דער אויספאָרשונג, דזשענטלמענער, און אַז זיי נעמען אַראָפּ, דאַרף מען זיי נישט; דעמאָלט וועט אים אַלצאיינס זיין, וואָס ס׳וועט ווערן מיט די שווער דערגאַבערטע פּאַפּירן, דערווייל, ווי לאַנג ער האָט נישט אויסגעהויכט די נשמה, דאַרף מען ראַטעווען די פּאַפּירן. פריער ער זיי, דערנאָך אפשר זיי אים.

אַזעלכע געדאַנקען האָבן זיך ביי גליקסמאַנען געפּלאָנטערט אין קאָפּ מיט אַ וואָסערע צוואַנציק יאָר צוריק, בעת ער איז געזעסן אויף דער קויטיקער פּאָדלאָגע אין דער אָנגעפּראָפּטער, שמוציקער, פאַרוואַנצטער קאַמער. דער געדיכטער גערוך פון שוויס, השתנה און בלוט האָט געזעצט אין נאָז. מיטאַמאָל האָט אים אָנגעהויבן צו איבלען, דער מאָגן האָט אים אַ שפּרונג געטאָן צום האַלדז. ער האָט געעפנט דאָס מויל, געטאָן אַ מיאוסן שלוקערץ און זיך אָנגעכאַפּט ביים בויך. די צוזאַמענגעדרענגטע מאַסע האָט מיט ווידערגעפּיל אָפּגעקערט די אויגן. דער שכן פון רעכטס האָט אים געראָטן זיך לייגן אויף דער זייט און טיף אָטעמען מיט דער נאָז. „כ׳בין אַ דאָקטער", האָט ער געזאָגט און צוגעדריקט זיך צום וואַנט, ווי ער וואָלט זי געוואָלט פאַנאַנדערדרוקן און מאַכן מער אָרט פאַרן קראַנקן זיך אויסצוציען. דער קראַנקער האָט, איינציענדיק די פיס, זיך אָוועקגע־לייגט מיטן פּנים צום עלטערן שכן. ער האָט איצט אויף רעכטס אַ קוק געטאָן אויף אים. אַ געדאַנק האָט אים אַ פּיק געטאָן אין קאָפּ: לעבן אַזאַ שכן קאָן מען דורכפירן די אָפּעראַציע. ער האָט אַראָפּגעצויגן די שיך, ווי זיך באַקוועמער צו מאַכן, גענומען זיי צו זיך, ווי זיי אויסצובאַהאַלטן. די שפּיל האָט זיך איינגעגעבן.

דאָס איבעריקע איז שוין גאָר געווען אַ ריינער צופאַל. ביי דער בעסטער אָרדענונג קאָן זיך אויך אַמאָל אַריינכאַפּן אַ שטיקל אומאָרדע־נונג, אַ פאַרזען. געשען איז דאָס מסתמא צוליבן גרויסן צופלוס פון גע־כאַפּטע. דער געשולטער פּערסאָנאַל האָט געהאַט פולע הענט אַרבעט, נישט געקאָנט גענוי אַלץ קאָנטראָלירן. גליקסמאַן איז אַרויסגעפירט געוואָרן צוזאַמען מיט די אַנדערע. דער טראַנספּאָרט איז אויפגעלאָדן געוואָרן אונ־

טער די אַקאָמפּאַניאַמענטן פון ווילדע געשרייען, זידלערייען און קלעפּ. ער האָט זיי נישט געפילט די קלעפּ, די געשרייען האָבן אים נישט געאַרט, פאַרקערט, זאָלן זיי שלאָגן, זאָלן זיי ריטשן וואָס מער, זאָל די יוכע זיי פאַרגיסן די אויגן, זיי זאָלן אים נישט דערזען.

צו אַנטלויפן איז ער געווען פון לאַנג צוגעגרייט. זיינע 29־יעריקע פיס קאָנען נאָך לויפן, האָבן זיך געאיבט פון קינדווייז אָן, ער איז גוט אויסגימנאַסטיקירט. די סטראַטעגיע פון שפּרינגען פון אַ צוג האָט ער פון לאַנג איינגעשטודירט. אין פאַל ווען מ׳וועט אַרויספירן, וועט ער זיך נישט לאָזן פירן ביזן סוף, ס׳זאָל נאָר זיין אַן אונטערשטע קלאַפּע, אַ פענצטערל, עפּעס אַן עפענונג, אויב נישט וועט ער מיט די נעגל...

נישט נאָר אַן עפענונג האָט זיך געפונען, נאָר ער האָט דערקענט די געגנט. ס׳האָט אַ ביסל געדויערט ביז ער האָט, צוקלעפנדיק זיך צום פענצטערל אַריענטירט זיך אין וועלכער ריכטונג דער אַנגעפּראָפּטער בהמות־צוג גייט. אַן אויסטערליש גליק האָט געהאָט דאָס מאָל, ער, גליקס־מאַן: אין דער געגנט ערגעץ איז די זומער־ווילע פון זיינעם אַ פּראָפע־סאָר, ס׳ווינט דאָרט זיין אַלטע מוטער, זי וועט נישט אָפּזאָגן, ער איז דאָרט געהאָט געווען פאַרבעטן, דער פּראָפעסאָר האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר זיין בעסטן אַסיסטענט. מ׳דאַרף אָבער צוואַרטן די נאַכט זאָל צו־פאַלן, אויפפּאַסן נישט אַפּצופאַרן צו ווייט.

דער טאָג האָט זיך געצויגן אַן אייביקייט. דער אָוונט איז געקומען נישט ווי אַ שנעלער רעטער, נאָר מיט פּאַמעלעכע, צולהכעיסדיקע טריט. דער זומערדיקער בין־השמשות — אַ לאַנגער. דערנאָך האָט דער אָוונט אָנ־געקליידט זיך אין העל־גרוי, דער פאַרפלאָמבירטער צוג שלעפּט זיך אַזוי, אַז מען ווייסט נישט צי ער גייט, צי ער שטייט. דאָס טעמפּע, ריטמישע קלאַפּן פון די רעדער מישט זיך אויס מיטן גערודער, קללות און קרעכצן. פון מאָל צו מאָל גיט דער צוג אַ ריס און די איינגעקאַרטשעטע, איינגעגע־דרייטע גופים צעטרייסלען זיך, קלאַפּן זיך אָן איינע אין די אַנדערע.

די פינצטערניש איז אָנגעקומען ראַפּטעם. אַ שוואַרצע, אַ געדיכטע, ס׳האָט זיך געדוכט אַז דער צוג איז הענגען געבליבן אין פינצטערן, ליי־דיקן חלל. אַט־אַט רייסט ער זיך אָפּ, שיט זיך אַראָפּ אין אַן אָפּגרונט און

צעשמעטערט זיי אַלע אויף פּיץ־פּיצלעך. מ׳דאַרף שפּרינגען איידער ס׳גע־שעט! מ׳דאַרף זיך איילן איידער ס׳ווערט צו שפּעט. עטלעכע בעלנים האָבן זיך מיישב געווען. די שרעק פּאַראַליזירט. צוויי זענען זיי געבליבן, ער און דער שכן פון רעכטס. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט, נישט צו פאַר־לירן זיך אין דער פינצטערניש צווישן די צוזאַמענגעדרענגטע, לעבע־דיקע קלומיקעס.

דער ערשטער איז געשפּרונגען גליקסמאַן. ער איז מיט 14 יאָר יינגער. דער צווייטער האָט זיך אַ טרייסל געגעבן און אומגעפאַלן. עמע־צער האָט געזידלט, געשאָלטן. דאָס זידלען האָט אים גיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס. ס׳האָט אים געדוכט, אַז דער צוג גייט איצט לאַנגזאַמער, די רעדער קלאַפּן ריטמישער. „שפּרינג״!, — האָט ער זיך באַפוילן.

אַרויסגעשפּרונגען, האָט ער זיך געלאָזט צוריק דורך דער פינצטערניש, לאַנג געזוכט און רעזיגנירט. פּלוצלינג האָט ער פאַר טשעפּעט די פיס אין אַנגעוואַלגערטן אייזנוואַרג און געפאַלן אויף אַ ווייכע, צעקראַכענע מאַסע. ס׳איז געווען גליקסמאַן. דער פאַרחלשטער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקטן קרעכץ.

— בלויז די פיס...

אַזוי האָט אים שטיל אַריינגעשושקעט אין אויער דער צווייטער, נאָכדעם ווי ער האָט אים שטילערהייט באַטאַפּט דעם קאָפּ, דאָס פּנים, דעם קערפּער.

— בלויז די פיס, דאָס איבעריקע איז אין אָרדענונג, אומבאַשע־דיקט. אַ בריהשאַפט צו בלייבן לעבן נאָך אַזוינס, באַשערט דיר צו לעבן.

ער האָט געוואָלט לעבן, אפילו אָן פיס. ער האָט פאַרביסן די ליפּן און געלאָזט זיך אַרויפשלעפּן אויף דער סטעזשקע, דערנאָך געבעטן ער זאָל אים שלעפּן פּאַמעלעכער, פאַר די הענט. „אוי די פיס, די פיס...״

דער צווייטער האָט געפּרוווט זיך אַרויסהעלפן מיט די הויזן־שעל־קעס, גיין שנעלער. דער פאַרוווּנדעטער האָט נישט אויסגעהאַלטן, אָנגעה־הויבן צו העשן פון יסורים און פאַרט געבעטן צו שלעפּן אים. ווי לאַנג האָט אַזוי געדויערט? אַ שעה? אָן אייביקייט.?

ער איז אַוועק, דער צווייטער, מיטן איינגעחזרטן אַדרעס, צו דער דאָרפישער ווילע. ער האָט צוגעזאָגט צוריקצוקומען איידער ס׳הויבט אָן טאָגן. צי האָט ער געגלויבט אין דעם וואָס ער האָט צוגעזאָגט? אפשר

האָבן זיי ביידע נישט געגלויבט, האָבן זיך אָבער איינגערעדט, אַז זיי גלויבן אי זיך, אי דעם אַנדערן.

ער איז צוריקגעקומען, ווען ס'איז שוין טאָג געווען. מיט אַ האַנט־ווענעלע צו פירן מיסט. גליקסמאַן האָט אים איינגעשפּאַרט אַ שטיק וועג. ער האָט זיך געשלעפּט איבער דער סטעזשקע, קריכנדיק ווי אַ גרויסער שרץ, אונטערשטופּנדיק זיך מיט די הענט, מיטן געזונטן טייל גוף, לאָזנדיק הינטער זיך רויטע צייכנס. ער האָט ווידער געהעשעט פון ווייטיק. ביי יעדן אומדריי פון ווענעלע — אַריינגעשטעקט די האַנט אין מויל נישט צו שרייען. ער דאַרף אָנקומען, ער מוז אָנקומען, ער האָט גוטע פּאַפּירן, עכט אַרישע.

ער איז אָנגעקומען מיט זיינע גוטע פּאַפּירן און מיט צעריסענע, צעבראָכענע פיס. ערשט נאָך צוויי טעג האָט מען געבראַכט אין שטאָ־טישן שפּיטאָל אַ געוויסן פּאַוולאָווסקי, וואָס האָט געהאַט אַ שווערן אויטאָ־פּאַרפאַל. די גאַנגרענע האָט שוין געהאַט געשטיגן איבער די קני. דערנאָך זענען געקומען אַנדערע צרות: היץ. ער האָט געפּלאַפּלט, גע־רופן: „מאַמע, מאַמע, מיינע פיס״! געווען אַ געפאַר ער זאָל פאַרראַטן אי זיך, אי אַנדערע. מ'האָט געמוזט אים איזאָלירן, ס'האָט זיך צום אָפּע־רירטן צוגעטשעפּעט אַ געלזוכט, ער מוז אַ שטיקל צייט בלייבן אין אַן איזאָלאַציע־צימער . . .

דערנאָך איז יאַן פּאַוולאָווסקי לאַנג אַרומגעקראָכן, ווי אַ זשאַבע, אויפן הינטן, אַרויסהעלפנדיק זיך מיט די הענט. פּראָטעזעס פאַר אים זענען געקומען גאַר שפּעט און געבראַכט האָבן זיי אים נייע צרות: דאָס פריש צוזאַמענגעוואַקסן לייב האָט בשום אופן נישט געוואָלט אויפנעמען די געלענקען פון די פרעמדע פיס. יעדער טריט האָט פאַרהאַקט דעם אָטעם, אַרויסגעריסן טרערן פון די אויגן, ווי מען וואָלט מיט פייערדיקע צוואַנגען געריסן שטיקער פון די פאַרהיילטע ווונדן. גליקסמאַן איז גע־ווען פאַרעקשנט, נישט געוואָלט וואַרטן אויף בעסערע צייטן און בע־סערע „קוליעס״. ער האָט פאַרביסן די ליפּן ביז ווייטיק און געלערנט זיך גיין „ווי אַ מענטש״. געענוג אַרומגעקראָכן ווי אַ שרץ. ס'האָט זיך אים שוין געהאַט געחלומט, אַז ער איז אַ זשאַבע, אַ צווייט מאָל — אַז אַ קראַב. ער האָט געוואָלט אויסזען ווי אַ מענטש; וואָס ס'זאָל אים נישט געשען, זאָל דאָס אים טרעפן אַ גלייכן, אויף פיס, און נישט קיין קריכנ־דיקן.

אפגעריסענע צווייגן

✶

צוויי יאָר נאָך דער מלחמה האָט יאַן פּאַוולאַווסקי באַקומען נייע פּראָטעזעס. דאָס צעקאַליטשעטע לייב האָט זיך שוין געהאַט אָבער צו־געוווינט צו די אַלטע, ס'האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין דעם שווערן, אומ־געלומפּערטן אָנשפּאַר און נישט געוואָלט אויף ס'ניי אָנהייבן זיך צו־פּאַסן צום לייטישן אָגלענק. יאַן האָט אָבער יאָ געוואָלט אויסזען לײ־טישער, געוואָלט זיך פּילן מיט מענטשן גלייך. ער האָט ווידער פאַרביסן די ליפּן און אויסגעהאַלטן.

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָט מען אים צוגעפּאַסט נייע פּיס. זיין דאָקטער־אָפּוטרופּוס האָט איינגעלייגט וועלטן, אַרויסגעהאָלפן אי מיט זיין אויטאָריטעט, אי מיט זיינע באַקאַנטשאַפטן, אַז די פּראָטעזעס זאָלן זיין לויט „דער נייעסטער מאָדע״ — בויגעוודיק, די געלענקען גוט אויסגע־בעט. פּאַוולאַווסקי האָט שוין מער נישט געדאַרפט פאַרבייסן די ליפּן אויס־צוהאַלטן, נאָר דאָס האַרץ האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן אָפּזאָגן אויס־צוהאַלטן. ס'האָט אָנגעהויבן אים שעפּטשען אויפן אויער: „ווי לאַנג איז דער שיער אַזוי? אַ לעבן דאָס? אויף פרעמדע פּיס, מיט אַ פרעמדן נאָמען, אין אַ פרעמדער הויט... וואָס טויג עס דיר?״

בייטאָג האָט ער געיאָגט פון זיך, געטריבן די בייזע געדאַנקען, ביינאַכט זענען זיי צוריקגעקומען, געקרייזט אַרום אים, ווי רויבערישע שוואַרצע קראָען, געפּיקט, געפרעסן מיט לאַנגע שפּיציקע שנאָבלען דאָס האַרץ, דאָס איינציקע אייגנס זיינס, דאָס יידישע האַרץ. ער האָט ביס־לעכווייז אונטערגעגעבן זיך, און אַז מען גיט זיך אונטער, ווערט דער מלאך־המות חוצפּהדיק. ביינאַכט, אין קראַנקן שלאָף האָט ער זיך גע־שטעלט ביי זיין צוקאָפּנס, ער איז געקומען אויף אַזעלכע הילצערנע, שטייפע פּיס, ווי זיינע, די ערשטע, נאָר אין אַ שטאָלענעם קאַסקעט מיט צייכן פון טויטן־שאַרבן און מיט אַ גרויסן האַקן־קרייץ אויפן אָרעם. צי וועט ער איצט קאָנען אַנטלויפן? צי לוינט זיך צו אַנטלויפן?

באַקומען אָבער אַזעלכע פּראָטעזעס, האָט ער זיך דערפילט גאָר אַן אַנדערער מענטש. ווי זאָל ער נישט וועלן לעבן? אַרומגיין אויף דער ערד, אַז ער גייט איצט ווי אויף אייגענע פּיס? פאַרוואָס זיך נישט אומקערן צוריק צו זיך?

זיין לעצטער פאַרלאַנג

✶

יענעם טאָג איז ער מיט די אייגענע פיס אַרויס שפּאַצירן. דאָס וועטער האָט צוגעשפּילט, דאָס געמיט האָט זיך אויסגעלייטערט ווי דער הימל. ער, דער סוף־זומערדיקער הימל האָט נאָך אַ נאַכטיקן רעגן זיך אויסגעצירט אין בלוי־ווייס; די זון האָט מילד געצערטלט, און זיי, די נייע, בויגעוודיקע פיס האָבן אים אַזוי לייכט געטראָגן, אַז ער האָט פאַרגעסן אין דאָקטערס עצות נישט „איבערצוכאַפּן די מאָס”.

„צופיל הײַנט זיך געלאָזט ווילגיין, איבערגעכאַפּט די מאָס”. ער האָט זיך דערפילט שטאַרק מיד און זיך צוגעלייגט. ביים אַראָפּנעמען די נייע פּראָטעזעס האָבן זיינע אויגן אויף אַ רגע זיך אָנגעהאָנגען אויף די אויבערשטע, אַרומגעשניטענע פיס, איבערגעטראָגן זיך אויף זיין פאַרקירצטן גוף. ער האָט זיך באַטראַכט, ווי ער וואָלט זיך אַזעלכן צום ערשטן מאָל געזען. אין האַלדז האָט מיטאַמאָל אַ שטיק געטאָן. באַלד דערנאָך האָט אַ געדאַנק דורכגעשפּיצט דעם מוח. ער האָט גענומען דאָס נאָטיץ־ביכל מיטן בלייפעדער, וואָס שטענדיק אויפן נאַכט־טישל, און אָנגעהויבן שרייבן. די האַנט איז געוואָרן שלאַבערדיק, דאָס נאָטיץ־ביכל איז אַרויסגעפאַלן און אַראָפּגעקייקלט זיך אויף דער ערד. לויט זיין געוווינהייט האָט ער פאַרביסן די ליפּן, אַזוי ווי דעמאָלט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אָנגעטאָן די שטייפע, אומגעלומפּערטע, פרעמדע פיס. די האַנט האָט זיך אויסגעשטרעקט צום טעלעפאָן־טרייבל און צוגעטראָגן צום מויל. באַלד האָט זיך איבער אים דער סופיט צוזאַמען מיטן הימל געשפּאָלטן, די זון האָט זיך אויסגעלאָשן. די שטערן פון פינצטערן הימל זענען אַראָפּגעפאַלן אויף אים און צעטראַסקעט, צעקרישלט זיך ווי פייערדיק גלאָז אויף אַ שטיין. דאָס טעלעפאָן־טרייבל איז אַרויסגעפאַלן פון האַנט און צוגעפאַלן צום נאָטיץ־ביכל. דעם טראַסק האָט ער שוין נישט געהערט.

צי האָט דער אַלטער דאָקטער, זיצנדיק אַנטקעגן בעט פאַר דעם אַנפּיסיקן בר־מינן נישט באַמערקט דאָס אַראָפּגעפאַלענע נאָטיץ־ביכל? יאָ, באַמערקט, נאָר ס׳איז אים נישט איינגעפאַלן אַריינצוקוקן. ערשט

אַפּגעריסענע צווייגן

ווען די שוועסטער האָט פּלוצלינג, אויסגלאָצנדיק די אויגן אויף אים, דערלאַנגט דאָס בלעטל און אָנגעוויזן אויף דער צווייטער זייט, האָט ער צוגעטראָגן צו זיינע קורצזיכטיקע, באַברילטע אויגן און איבערגעלייענט:

„כ'וויל זיין באַערדיקט אָנגעטאָן אין די פּיס, נישט ווי אַ... מיין אייגענער נאָמען זאָל...״

וואַרשע, 1963.

ער זוכט קרובים

פון דער סעריע: היינטצייטיקע מאַראַנען

ס'איז געווען אַ זונטיק אינדערפרי, אַ פרילינגדיקער, זוניקער פרי־מאָרגן. אין שטאָטישן פּאַנאַנדערגעבליטן פּאַרק האָבן יומטובדיק־אויסגעפּוצטע מענטשן געקוויקט זיך מיט די יונגע, וואַרעמע פרילינג־שטראַלן. דאָ און דאָרט האָבן פרויען אויף די בענק אויסגעשטעלט מיט פּאַרמאַכטע אויגן די געזיכטער צו דער פריצייטיקער צעשטראַלטער זון.

מאַריאַן קוויאַטקאָווסקי האָט ווי יעדן זונטיק אינדערפרי געמאַכט זיין פרימאָרגן־שפּאַציר. מאַריאַן האָט נישט ליב צו שפּאַצירן צווישן געדיכטן עולם. „איך האָב געגנוג דעם טומל אַ גאַנצע וואָך ביי דער אַרבעט", פלעגט ער זאָגן צום ווייב, ווען זי האָט אים געצויגן אין די ברייטע אַלייען; „זונטיק דאַרף דער קאָפּ אָפּרוען". האָט ער איצט אַליין געקאָנט זיך לאָזן וווילגיין, שפּאַצירט אין די זייטיקע, שמאָלע אַלייען. און אַז לאָזן זיך וווילגיין, האָט ער זיך צוגעזעצט אויף דער איין און איינציקער באַנק אין באַשאָטנטן ווינקל. אונטערן געדיכטן צעצווייגטן קאַשטאַן־בוים, וואָס איז געשטאַנען איבער אים ווי אַ ברייטער שירעם, האָט ער זיך דערפילט ווי „ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן" — אויסגעצויגן פאַר זיך די לאַנגע פיס, אַנגעשפּאַרט די פּלייצע אין פּאַרענטש פון דער באַנק, פאַרלייגט די הענט פאַר זיך און מיט הנאה געקוקט אויף די אַנטקעגנאיבערדיקע ביימער און קוסטן.

אַן איינזאַמער שפּאַצירער האָט געוואָנדן צו אים די אויגן נאָך איידער ער איז פאַרבייגעגאַנגען. מאַריאַן האָט צוריקגעצויגן די פיס. דער פאַרבייגייער האָט צו אים אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ. פּלוצלינג האָט ער זיך צוריקגעקערט, אַלע מאָל מער פאַרלאַנגזאַמט די טריט און נישט דרייסט זיך דערנענטערט צו אים:

אפגעריסענע צווייגן

— אַנטשולדיקט, מיר דוכט, אויב כ׳האָב קיין טעות נישט... איר וווינט אויף דער גאַס פון... נומער...

— אין וואָס גייט אייך? — האָט מיט חשד, אָבער געלאַסן געפרעגט קוויאַטקאָווסקי.

— איר הייסט, דוכט מיר, קוויאַטקאָווסקי? נישט אמת?

— אַזוי הייס איך, אָבער אין וואָס גייט אייך? — האָט מאַריאַן צור־ריקגעענטפערט מיט אַ געמאַכטער רואיקייט.

— כ׳בין אייער שכן, מיר וווינען טיר ביי טיר, כמעט צוויי וואָכן ווי כ׳האָב זיך אַריינגעצויגן.

— אַנגענעם צו וויסן...

— כמעט צוויי וואָכן ווי איך קלייב מיך אַריינצוגיין צו אייך...

— צו מיר?

— יאָ, צו די קוויאַטקאָווסקיס...

— אין וואָס גייט אייך? — האָט מאַריאַן קוויאַטקאָווסקי ווידער געפרעגט, מיט ווייניקער חשד אָבער מיט מער פאַרווּנדערונג.

— איך הייס אויך קוויאַטקאָווסקי, איך בין...

מאַריאַן קוויאַטקאָווסקי האָט פאַרלוירן זיין געוויינלעכע רואיקייט און אים איבערגעריסן:

— נו, זייער אַנגענעם, זייער...

— איר פאַרשטייט, איך זוך קרובים, זינט יאָרן, און דאָ, אין שכנות, הינטערן נאָז, טיר ביי טיר אַ קוויאַטקאָווסקי!

משה קוויאַטקאָווסקי, אַ מאַן אין די פופציקער, אַ מיטלוווקסיקער, אַ פעסט־געבויטער, מיט אַ גוטמוטיקן פנים, האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף דער באַנק, אַ וויש געגעבן מיט דער רעכטער האַנט איבערן שטערן, ווי ער וואָלט געוואָלט אויפפרישן דעם זכרון און דערמאָנען זיך אַלטע גע־שעענישן. ער האָט דעם געפונענעם קוויאַטקאָווסקי אָפּגעמאָסטן מיט זיי־נע גלאַנציקע, וואַרעמע אויגן, צוגערוקט זיך צו אים נענטער און מיט אַן אינטימען טאָן פאַרגעזעצט:

— פון וועלכע קוויאַטקאָווסקיס שטאַמט איר?

— אין וועלכע גייט אייך?

— ס׳גייט מיר אין אַלע, הייגט אַ ווייטער קרוב אפילו...

זיין שמייכלענדיק פנים האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרוואָלקנט, אין זיין שטימע האָט זיך דערפילט אַ לייכטער ציטער:

ציילט דעם וויכוח מיטן ווייב, ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער געצויגן דעם מאָנאָלאָג:

— איך בין געווען אויסער זיך פון שמחה — אי אַ דירה באַקומען, אי בשכנות, טיר ביי טיר אַ קוויאַטקאָווסקי. איין זאַך האָט מיך בלויז אַריינגעבראַכט אין ספק — אייער ווּקס. איר האָט מסתמא אויף מיר נישט קיין פאַריבל וואָס איך האָב אייך נאָכגעקוקט; הכלל יעדעס מאָל וואָס כ׳האָב אייך געזען דורכן פענצטער, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז די קוויאַט־קאָווסקיס זענען נישט געווען קיין הויכע נאָר מיטלוווקסיקע, פעסטגעבויטע, דאָס בלוט האָט פון זיי געשפּראָצט. צוריק געשמועסט, ס׳טרעפט, אַז ביי אַ מאַמען איז איין זון אַ הויכער און דאַרער און אַ צווייטער אַ מיטלוווק־סיקער און פעסטער, איז פאַרוואָס זאָל צווישן די קוויאַטקאָווסקיס נישט קאָנען זיין איינער אַ הויכער און...

— זעט אויס, אַז איך בין נישט פון אייערע קוויאַטקאָווסקיס, אין פוילן פאַראַן א סך קוויאַטקאָווסקיס, נישט נאָר יידן הייסן אַזוי...

מאַריאַן האָט זיך אויסגעמוסרט — ער רעדט מער ווי מ׳דאַרף, אַ נייגיר האָט אים אָבער פּלוצלינג אַ שטופּ געטאָן:

— פון וואַנען נעמט איר, אַז איך...? איך זע דען אויס ווי אַ ייד?

— דעם אמת געזאָגט נישט, נאָר דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, וואָס הייסט אַ קוויאַטקאָווסקי נישט קיין ייד? פונדעסטוועגן נישט זיכער גע־ווען, ערשט נעכטן זיך דערוווּסט, פון דער הויז־וועכטערין; אַריין צו איר עפּעס דערליידיקן, האָט זי גענומען מיך אויספרעגן — פון וואַנען? ווען געקומען? אַ וואָרט צו אַ וואָרט און זי האָט מיך אַ פרעג געטאָן, צי די שכנים, די קוויאַטקאָווסקיס געהערן מיר אָן קרובים; כ׳האָב איר געזאָגט אַזוי ווי ס׳איז — איך קען אייך נישט און ווייס נישט ווער איר זענט. דערויף האָט זי געענטפערט: „זיי זענען פון די אייעריקע, האָב איך גע־מיינט, אַז איר זענט קרובים".

מאַריאַן קוויאַטקאָווסקין האָט זיך געדוכט, אַז עמעצער האָט פּלוצ־לינג אויסגעגאָסן אויף אים אַן עמער קאַלט וואַסער, געבליבן אָבער זיצן שטייף, קאַלט און העפלעך ווי פריער. דער שכן האָט אַ ווײַלע מיט אומעטיקע אויגן געקוקט אויפן קאַלטן פּנים און מיט אַ טאָן פון רעזיגנאַציע אַ פרעג געטאָן?

— מיינט איר, אַז מיר זענען קיין שום קרובים נישט? אפילו קיין

ווייטע נישט? דאָך געהאָפּט. אזוי איז דאָס, יידן זענען הײַנט אָן קרובים.
ביי מאַריאַן קוויאַטקאָווסקין האָט אין דער רגע אַ צאַפּל געטאָן דאָס הארץ, ווי עפּעס וואָלט זיך דאָרטן אָפּגעריסן. ער האָט אויך נאָך דער מל־חמה געזוכט די זייניקע און קיינעם נישט געפונען, ער קען גוט דעם טעם. באַלד האָט זיך דער אומעט אויסגעמישט מיט פאַרדרוס, די ערגערניש האָט פאַרטריבן די מיטלייד: וואָס וויל דער פרעמדער מענטש פון אים? אָנגעזעצט זיך! אָן אַ וואָרט צו זאָגן האָט ער זיך אויפגעהויבן, אויסגע־צויגן צום פרעמדן קוויאַטקאָווסקי אַ גלייכגילטיקע, קאַלטע האַנט און אַוועק מיט שנעלע טריט.
— אַ נייע צרה! — האָט ער געזאָגט צום ווייב גלייך ווי ער איז אַריין אין שטוב — דער נייער שכן הייסט גאָר קוויאַטקאָווסקי, ער האָט מיך אָנגעכאַפּט אין פּאַרק און געוואָלט מיר איינרעדן, אַז מיר זענען קרו־בים. אוי, וואָס פאַר אַן אָנשיקעניש! ער האָט גערעדט און גערעדט, אַז איך בין שיער פון דער הויט נישט אַרויסגעשפּרונגען. אַז איך הייס קוויאַטקאָווסקי, איז נישט אַנדערש נאָר אַ קרוב זיינער. און די הויז־וועכ־טערין האָט שוין אויך געשמעקט מיט דער נאָז...
— אַ שיינעם נאָמען זיך אויסגעקליבן! אַז שוין ענדערן... נאָר כ׳האָב דיר שוין לאַנג געזאָגט, אַז מיר וואָלט ליבערש געווען צו הייסן זילבער־שטיין.

וואַרשע, מערץ 1961.

ער זוכט קרובים

— איך שטאַם פון די קראָקעווער קוויאַטקאָווסקיס, און איר? צי נישט אַמאָל פון די טאַרנאָווער?

— נישט פון די און נישט פון יענע...

— פון וואַנען־זשע שטאַמט איר?

— פון וואַרשע.

— זענען אין וואַרשע, ווי איך זע, אויך געווען קוויאַטקאָווסקיס!

ער האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט חידוש און פאַרט צוגעגעבן:

— ס'וווּנדערט מיך נישט, די קוויאַטקאָווסקיס זענען געווען אַ גאַר גרויסע משפּחה, אומעטום געווען קוויאַטקאָווסקיס, נאָר אַז זיי זענען אויך געווען אין וואַרשע האָב איך נישט געוווּסט.

— די וואַרשעווער קוויאַטקאָווסקיס האָבן מסתמא נישט געהערט צו אייער משפּחה...

— כ'מיין, אַז יאָ, אַלע קוויאַטקאָווסקיס זענען געווען קרובים, אַ סך פון זיי האָבן אַליין נישט געוווּסט. ווייטע קרובים זענען דען נישט קיין קרובים? בפרט היינט, וויפל זענען דען געבליבן? געווען אַזוי פיל קוויאַטקאָווסקיס...

ער האָט לייכט אָפּגעזיפצט, געשוויגן אַ ווײַלע, געוואַרט דער גע־פונענער קוויאַטקאָווסקי זאָל זיך אָפּרופן. יענער האָט זיך נישט אָפּגע־רופן. משה קוויאַטקאָווסקי האָט זיך אומגעקערט צו דער משפּחה:

— אומעטום געווען קוויאַטקאָווסקיס; מיין זיידע האָט מיר אַמאָל געהאַט דערציילט ווי אַזוי זיי האָבן זיך צעשפּרייט איבער גאַנץ פּוילן. זיין פאָטער און מיין עלטער־זיידע האָט געהאַט 12 קינדער — 11 זין און איין טאָכטער. מיין זיידעס זיידע איז געווען אַ גרויסער תּלמוד־חכם, גע־שמט אין דער גאַנצער געגנט, פּריצים פלעגן קומען זיך האַלטן מיט אים אַן עצה. די זין זענען געווען גערעכט אין פאָטער. הכלל די 11 ברידער קוויאַטקאָווסקי האָבן געפירט גרויסע געשעפטן מיט רייסן, בעמיע און אַנדערע מדינות; אין פּוילישע שטעט האָבן זיי אויפגעשטעלט וואַרשטאַטן פון פאַרצעליי, זייד, פאַרשידענע וועבעריי־וואַרשטאַטן און אַזוי זיך צע־שפּרייט איבערן לאַנד; מיין זיידע האָט מיר אויך דערציילט, ווי אַזוי ס'איז צו זיי געקומען דער נאָמען קוויאַטקאָווסקי, ווי אַזוי...

דער געפונענער קוויאַטקאָווסקי האָט געמאַכט אַ נערוועזע באַוועג־גונג, ער האָט מורא געקריגן, אַז די מעשה זאָל זיך נישט פאַרציען, דער

ייד וועט זיך אַזוי שנעל פון אים נישט אָפּטשעפּן. אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַן ערנסט פּנים און אומעטיקע אויגן איז מאַריאַן קוויאַטקאָווסקי אין אַלעמען דער היפּוך פון זיין נייעם שכן.

— איר האָט אַ טעות, איר נעמט מיך זיכער פאַר אַן אַנדערן, ווי כ׳בין, אין מיין משפּחה נישט געווען...

ער האָט חרטה באַקומען אויף זיינע רייד, נישט אַזוי דאַרף מען, וואָס וויניקער רעדן — בלויז געבן צו פילן ער זאָל זיך אָפּטשעפּן:

— קיינמאָל נישט געהאַט קיין קרובים נישט אין קראָקע, נישט אין טאַרנאָוו, כ׳האָב היינט אויך נישט אַזעלכע קרובים...

— וועלכער ייד האָט היינט דאָ קרובים? פונדעסטוועגן דאַרף מען זוכן.

— כ׳האָב נישט וועמען צו זוכן! — האָט מאַריאַן קוויאַטקאָווסקי אַרויסגעשטאַמלט טרוקן און קאַלט מיטן מיין זיך אָפּצוטשעפּן, און פאַרט האָט זיך אין דער שטימע אַריינגעגנבעט אַן אומעטיקער טאָן. משה קוויאַט־קאָווסקי האָט מיט זיין יידישן אויער מער אויפגעכאַפּט דעם אומעט ווי די קאַלטקייט.

— וועלכער ייד זוכט היינט נישט קיין קרובים? מ׳דאַרף קיינמאָל נישט אויפגעבן די האָפענונג. ווען איך בין מיט אַ יאָר צוריק געקומען קיין פּוילן — פאַרגעסן אייך צו זאָגן, אַז איך בין אַ רעפּאַטריאַנט, פון לעמבערג — הכלל, ווי נאָר איך בין געקומען האָב איך גלייך אָנגעהויבן זוכן קרובים, געזוכט דורכן רויטן קרייץ, דורך דער פּרעסע, געטראַכט זיך, אויב נישט קיין נאָענטער קרוב, וועט אפשר אַ וויטער קוויאַטקאָווסקי זיך אָפּגעפינען, ס׳דויערט אַמאָל יאָרן און דערנאָך פּלוצלינג... איז אַז כ׳האָב דערזען אייער נאָמען... וואָס זאָל איך אייך זאָגן? כ׳בין אַריינ־געפאַלן אין שטוב און אויסגערופן: „כ׳האָב געפונען!״

— וואָס געפונען? האָט מיין ווייב געפרעגט.

— אַ קרוב, פאַראַן דאָ אַ קוויאַטקאָווסקי!

— פון וואַנען ווייסטו, אַז ער איז דיר אַ קרוב?

— אַז ער הייסט קוויאַטקאָווסקי איז ער מסתמא אַ קרוב, האָב איך איר געענטפערט און געוואָלט גיין אַנקלאַפּן אין אייער טיר. מיין ווייב האָט מיך אָבער אָפּגעהאַלטן: „לויף נישט משוגענער, וואַרט צו אַ ביסל, ס׳ברענט נישט, ווייסט נישט וואָס פאַרא...

ער האָט אָפּגעהאַקט, ס׳איז אים פּריקרע געוואָרן וואָס ער האָט דער־


Benn

ב ל ע מ ס א יי ז ל

פון דער סעריע: הייִנטצייטיקע מאַראַנען

אַ גאָלדענער האַרבסטיקער טאָג. די באַרגיקע געגנט שימערירט מיט אַן אַ שיער גאָלד-ניואַנסן, מיט כלערליי וואַרעמע פאַרבן. דער פּאַרק אין טאָל האָט נאָר וואָס אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ פרישן האַרבסטיקן לבוש: בלע־טער ברוינע, רויטע, געלע, אָראַנזשענע, ניואַנסירט-פּאַרביקע, טיפע טע־נער, האַלבע טענער. אין דעם שלל וואַרעמע קאָלירן וואַרפן זיך נאָך מער אין די אויגן די שוואַרצע וועווערקעס, וואָס שמען דאָ אין דער גאַנצער דרום-מערבדיקער געגנט פון לאַנד. גאַנצע כאָפּטעס הוליען אַרום פראַנק און פריי, לאָזן זיך אַראָפּ פון די ביימער אָן שרעק, שפּרינגען און טאַנצן אייך אַנטקעגן, עסן אַרויס פון די אויסגעשטרעקטע הענט, און געפעלט איר אַ וועלכער פון זיי, קלעטערט זי אייך פלינק אַרויף אויפן אַקסל, ווי אויף אַ בוים.

אַ זעלטענער צוטרוי צום מענטש, אַפּנים צוליב דער זאָרג און סימ־פּאַטיע, וואָס מען ווייזט זיי אַרויס. זיי, די וועווערקעס, בלייבן נישט אומ־דאַנקבאַר, צאָלן אָפּ מיט היימישקייט און פריינטשאַפט.

האָב איך זיך באַפריינדעט מיט אַ וועווריקל א יונגס, אַ צאַרטס, שטענ־דיק אַ הונגעריקס. יעדן אינדערפרי, ווען דער פּאַרק איז נאָך פאַרשלאָפן און פוסט, האָב איך געוואַרט אויף אים אויף דער גרינער, הילצערנער באַנק וואָס קעגנאיבער דער אַלטער, צעוואַקסענער טאָפּאָלע. עס האָט זיך קובציק אַראָפּגעגליטשט פון בוים, מיט עטלעכע פלינקע שפּרונגען דער־נעענטערט זיך. פריער אויפגעשטעלט זיך לויטן וועווריקישן שטייגער, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן לאַנגן פוכיקן עק, אויפגעהויבן אויף מיר די גלאַנ־ציקע אייגעלעך מיט אַ גוט מאָרגן, אַ שפּרונג געטאָן צו מיין האַנט, אַ כאַפּ געטאָן אַ ניסל, אָפּגעקערט זיך אין אַ זייט צו לאָזן זיך ווילגיין מיטן כיבוד, צוריק זיך אומגעקערט און אָן שום שרעק-איילעניש פאַרענדיקט די סעודה.

יענעם פרימאָרגן בין איך געקומען צו מיין וועווערקישן פריינט מיט

אַפּגעריסענע צווייגן

די זעלבע גוטע כוונות, און דאָס וועוריקל האָט זיך אַראָפּגענידערט צו מיר לויט זיין געוווינהייט מיט צוטרוי, געזען די שפּייז אין מיין אויסגע־שטרעקטער האַנט און אַט־אַט גיט עס אַ שפּרונג זיך מכבד צו זיין. פּלוצ־לינג האָט דאָס וועוריקל געמאַכט ויברח. וואָס האָט עס אַזוי איבערגע־שראָקן? צו מיין אויער איז קיין אָפּקלאַנג פון טריט נאָך נישט געהאַט דערגאַנגען. כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט און דערזען פון וויטן זיך דערנענ־טערן לאַנגזאַם און שטיל אַ הויכע, מאַנסבילישע געשטאַלט. כ׳האָב נאָכגע־טאָן מיין וועווערקע און אויך נעלם געוואָרן.

כ׳האָב פאַרלאָזט די שטאָט צו קאָנען זיין אַליין, געוואָלט אַנטרינען ערגעץ וויט פון מענטשן, געמוזט אויסטענהן זיך מיט זיך אַליין, פּרוון קומען צו עפּעס אַ שטיקל טאָלק. עטלעכע פאַרשווינען אין מיר האָבן זיך געריסן פאַר די נעז, איינער דעם אַנדערן האָט אָפּגעגעסן די גאַל. ס׳איז גענוג קאָלעמוטנע זיך צוצוקוקן ווי מענטשן רייסן און בייסן זיך, הײַנט ווי שווער איז אויפן האַרץ, ווען דו קריגסט זיך אַרום אומאויפהערלעך מיט זיך גופא. און נעם מאַך נאָך אַן אַנשטעל, אַז אַלץ איז קיטשעלע־מיטשעלע.

בין איך אַנטלאָפן אַהער, נישט געוואָלט קיינעמען באַגעגענען, בפּ־רט אַזעלכע ווי דעם־אַ הויכן, עלעגאַנטן מאַן, פאַר וועלכן מיין פריינט וועווערקע האָט זיך אַזוי דערשראָקן.

דער מענטש אָבער טראַכט און גאָט לאַכט. באַלד דעם ערשטן טאָג, ווען איך בין אַרויס אויפן שפּאַציר, האָב איך אים דערשנאַפּט פון דער וויטנס, און באַלד אויף דער הייסער מינוט צוגעטראַכט אַ סטראַטעגיע, ווי אַזוי אים אויסצומיידן.

אַ שלאַנקער, אַ שטייפער, ווי ער וואָלט אַראָפּגעשלינגען ווייניקסטנס אַ האַלבן טוץ שטעקנס, פלעגט ער גריסנדיק מיך, זיך טיף פאַרנויגן און אַראָפּציען דעם הוט מיט אַ טעאַטראַלישן זשעסט. דאָס גריסן האָט מיר אויסגעזען, ווי עפּעס אַזאַ צערעמאָניע, וואָס דאַרף אים צוגעבן אָנזען. נאָר נישט דאָס האָב איך אים גענומען פאַר אומגוט. כ׳האָב אים צומאָל געהאַט מוחל געווען, ווען ער האָט איינמאָל, זיצנדיק לעבן מיר אין אַ געזעל־שאַפט, גענומען אין האַנט מיין יידיש בוך — ער האָט פריער העפלעך געפרעגט צי מען קאָן אַ קוק טאָן — איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף און גיך עס אָפּגעלייגט, ווי עס וואָלט אים אַ ברי געטאָן די פינגער. צוריק געשמועסט, וואָס קאָן מען האָבן צו אַ מענטש וואָס פאַר־

שטייט נישט דאָס בידנע, פּרעמדע לשון ? און צו וואָס זאָל ער פּרעגן וועגן טיטל, אַז לייענען קאָן ער סייווי נישט ?

שאַקירט, דאַקעגן, האָט מיך זיין איבערגעטריבענע ריין ליטעראַרישע שפּראַך, די צוגעקליבענע ווערטער. נאָך מער האָט מיך שאַקירט זיין רעזערווירטקייט, זיין קאַרגשאַפּט אויף אַ וואָרט. כ'האָב זיך אפילו נישט איינמאָל געהאַט געמוסרט : וואָס האָסטו צו אים ? אַ מענטש האָט אַזאַ כאַראַקטער. נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך האָב פּאָרט נישט ליב קיין שווייגעדיקע מענטשן ? ערגער — נישט אויסגערעדט זאָל דאָס זיין — כ'האָב מורא פאַר מענטשן מיט פאַרשלאָסענע מיילער, כ'פאַרליר צו זיי דעם צוטרוי, ס'דוכט מיר זיי באַהאַלטן אויס עפּעס אַזעלכעס, וואָס מ'טאָר נישט אויסבאַהאַלטן.

ס'איז אפילו געהאַט צו מיר דערגאַנגען, אַז דער־אַ דזשענטלמען האָט אַ היפּש ביסל אַראָפּגענידערט פון זיין פּיעדעסטאַל, און געוווּסט האָב איך וואָס אַראָפּנידערן פון אַ פּיעדעסטאַל באַדייט, ווי עס ענדערט דעם מענטשלעכן כאַראַקטער : מענטשן מיט שטאַרק פאַרריסענע נעז און פאַרשלאָסענע הערצער ווערן באַשיידענער, ווייכער, טיילמאָל ווערן זיי אַזוי ווייך, כאָטש נעם לייג זיי צו צו אַ מכה. פונדעסטוועגן האָב איך קיין שום חשק נישט געהאַט זיך צו באַגעגענען מיט מיין ווייטן באַקאַנטן.

האָב איך זיך געלאָזט אין די בערג, פון אָנהייב כמעט אין גאַלאָפּ, דערנאָך אַלע מאָל מער פאַרלאַנגזאַמט די טריט. עטלעכע גלאַטיק־אויסגעטראָטענע סטעזשקעס פירן מיט אַ שלענגלענדיקן וועג אין די בערג ביז העט ווייט אויפן סאַמע הויך. פון איילעניש קומט אָבער קיין גוטס נישט אַרויס, גענומען על־פּי טעות די צוממיינסטן משופּהדיקע סטעזשקע, וואָס לאָ די מ'מוז זיך דראַפּען שיער נישט ווי אויף אַ גלייכער וואַנט, שלענגלט זי זיך מער ווי די אַנדערע און מאַכט אַ גרויסן אומוועג. נישטאָ אָבער דאָס שלעכטס וואָס זאָל צייטנווייז נישט אויסגיין צום גוטס : פון דאַנען זעסטו פילזייטיקע פּאַנאָראַמעס — אונטער דיר, אין טאָל דאָס אומעטיק־פאַרטראַכטע שטעטל, אַן אָפּגעלאָזנס, אַרומגעדראַפּעטס, ווי ס'וואָלט נאָך נישט געקאָנט צו זיך קומען נאָך אַ וויסטער צייט; פון דער הויך געפּאַלדעטע שיפּועים, באַצירטע מיט געל־גרינע נידעריקע קוסטן, איבער זיי אַ רחבֿותדיק באַגראָזט פּלאַכלאַנד; דאָ און דאָרט צעוואָרפענע בעריאַזעס, וואָס בלאַנקען מיט זייערע ווייסע גופים, ביים ראַנד אַן אַלטע וויינענדיקע ווערבע, אַ צעכראַסטעטע, געדיכט צעוואַקסענע, אונטער אירע אַראָפּהענגנדיקע צווייגן, אַן אמתע סוכה.

אָ פּ ג ע ר י ס ע נ ע   צ ו ו י י ג ן

כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט אַ פּאַרסאַפּעטע. מיינע בליקן האָבן אַוועקגעוואַנדערט צום נאָענטן האָריזאָנט, ווו ס׳האָבן זיך געקייטלט בערגלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי טרעפּלעך צום הימל. כ׳האָב נישט באַמערקט ווי ס׳איז זייטיק אָנגעקומען אַן עלטערער מענטש מיט אַ ווייסן קאָפּ און קלוגן שטערן. דערזען, אַפּנים, ווי איך אַנטציק זיך, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ וויינ געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט זיך באַרימט מיט דער אַרומיקער פּראַכט: „שיין, האַ?״. כ׳האָב באַשטעטיקט מיט אַ שמייכל. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן ווייסן קאָפּ און ווידער געוויזן מיט דער האַנט: „די וועלט אַזוי שיין און... און מענטשן אַזוי מיאוס״.

כ׳האָב זיך געלאָזט בלאָנקען אין דער שיינער וועלט, געגאַנגען ווו די אויגן האָבן געטראָגן, ביז דער לויטערער הימל האָט זיך אָנגעכמורעט און אָנגעהויבן וויינען מיט דריבנע טרערן. מורא האָבן פאַר אַ רעגנדל? כ׳בין נישט פון צוקער. פון רעגנדל איז אָבער געוואָרן אַ גאָס רעגן. אַן אָפּגעצוואָגענע האָב איך קוים דערגרייכט די צעכראַסטעטע ווערבע, ווי דער הימל האָט זיך אויף רעכט צעפּראַלט. כ׳בין אַ פּיטש נאַסע אַריין אין דער ווערבע־סוכה און אַ צאַפּל געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער, נישט פון קעלט, פאַרקערט, ס׳איז מיר הייס געוואָרן.

וועמען מיינט איר האָב איך דאָרט געטראָפן? נישט קיין אַנדערן ווי דעם שלאַנקן, עלעגאַנטן מאַן, וועלכער האָט מיר אַמאָל געהאַט איבערגעדרייט דאָס יידישע בוך מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, דעם זעלבן פאַר וועלכן מיר זענען אינדערפרי אַנטלאָפן, פריער מיין וועוויריקל, דערנאָך איך. ער איז פּראַקטישער ווי איך, געקומען אַהער מיט אַ פּלאַכער, באַקוועמער סטעזשקע, איז אויך נישט אַזוי לייכטזיניק ווי איך — באַצייטנס אַרונטער אונטער דער ווערבע.

ער האָט ליבלעך צו מיר אויסגעצויגן די האַנט און היימישלעך אַ זאָג געטאָן: „אַן אמתער מבול, נאָר דאָ זענען מיר ווי אין אַ תיבה״.

בלעם איז, אַפּנים, געווען ווייניקער איבעררעשט, ווען ער האָט דערהערט זיין אייזל רעדן מיט אַ מענטשלעך לשון. אין מיין צעטומלעניש האָט זיך מיר געדוכט ס׳איז מעשה־בראשית און טאַקע אַ קוק געטאָן אויף אים, ווי בלעם אויפן אייזל. דערזען מיין צעטראָגנקייט, האָט ער נאָך היימישלעכער אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז מיט אייך, איר פאַרשטייט נישט קיין יידיש?

קודאָווע, 1960.

דער פאַרשפּעטיקטער ייד

פון דער סעריע: היינטצייטיקע מאַראַנען

די טיר האָט זיך פּאַמעלעך געעפנט און ס'האָט זיך באַוויזן אַ גרויסער מאַנסבילשער קאָפּ. אַ פּאָר פאַרשעריישע אויגן האָבן אַריינגעקוקט אין ביוראָ־צימער, ווי זיי וואָלטן אַפּריער געוואָלט אויסקוקן צי ס'וועלן דאָ נישט זיין קיין איבעריקע עדות.

— אַריין! קומט אַריין! — האָט זיך צום צווייטן מאָל איבערגעחזרט די שטימע פון באַאַמטן.

דער עלטערער מענטש איז אַריין אין צימער, פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, אַ ווײַלע געבליבן שטיין אַרומקוקנדיק זיך, און ווי ער וואָלט זיך איבערצייגט, אַז קיין זייטיקע מענטשן זענען נישטאָ, איז ער מיט אומדרייסטע טריט צוגעגאַנגען צום ביוראָ־טיש.

— כ'בין גרינשטיין — האָט ער שטיל און געהיימניספול געזאָגט אין פּויליש — העבריק גרינשטיין...

— גרינשטיין?! — האָט פאַרוואונדערט געפרעגט דער באַאַמטער, ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל געהערט אַזאַ נאָמען.

— יאָ, גרינשטיין, דער וואָס האָט געשריבן.

— וואָס געשריבן? וועלכער גרינשטיין?

— פון קאַטאָוויץ.

— גרינשטיין פון קאַטאָוויץ?

— צי האָט איר נישט דערהאַלטן מיין בריוו?

— אַ, אַ בריוו, יאָ, געווען טאַקע אַ בריוו פון קאַטאָוויץ, האָט דער באַאַמטער זיך אָנגעהויבן דערמאָנען. — האָט איר דאָס געשריבן דעם בריוו פון קאַטאָוויץ? שוין שיינע עטלעכע וואָכן, דער נאָמען געווען נישט דייטלעך, און אַ נאָמען קאָן זיך פאַרגעסן, כ'מיין אַ נאָמען פון אַן אומבאַקאַנטן מענטש — האָט דער באַאַמטער זיך פאַרענטפערט — נישט געווען קיין צוריק־אַדרעס. פאַרוואָס־זשע האָט איר נישט אָנגעגעבן אייער אַדרעס?

— כ׳האָב געמיינט איר וועט פון מיין בריוו פאַרשטיין פאַרוואָס, היינט הייס איך נישט... כ׳הייס נישט... כ׳בין נישט... ווי זאָל איך עס זאָגן ? היינט בין איך נישט גרינשטיין, אַזאַ נאָמען מער נישטאָ, מיין אייגענער נאָמען איז אָפּגעווישט געוואָרן׳ אומגעקומען צוזאַמען מיט... אָבער איך לעב, אונטער אַן אַנדערן נאָמען; געמיינט איר וועט זיך פון מיין בריוו אָנשטויסן ווי די זאַך זעט אויס, געוואָלט אייך פריער אַ ביסל אַריינפירן אין מיין לאַגע.

— ווי הייסט איר היינט ?

— סאָקאָלאָווסקי, הענריק סאָקאָלאָווסקי. אַזוי הייס איך זינט 1942, און אַזוי, ס׳מוז אַזוי בלייבן.

דער עלטערער מענטש האָט זיך פאַמעלעך אָוועקגעזעצט אויפן שטול, וואָס דער באַאַמטער האָט אים אָנגעוויזן, צוגערוקט זיך נענטער צום ביוראָ־טיש, אַרויפגעלייגט אויף אים אַ האַנט, מיט דער אַנדערער אָנגע־שפּאַרט דעם אָנגעבויגענעם קאָפּ, ווי מען שפּאַרט אונטער מיט אַ דרענגל אַן איינגעבויגענעם שווערן צווייג פון אַן אַלטן בוים, וואָס קאָן זיך אַליין גלייך נישט האַלטן. זיין בלאַס, מאָגער געזיכט, וואָס האָט פריער נישט געהאַט קיין שום ענלעכקייט אויף אַ יידיש פּנים, האָט זיך איצט געענ־דערט: דאָס מויל נאָך מער איינגעפאַלן, די ליפּן פאַרביסן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט איינהאַלטן אַ סוד׳ וואָס מען דאַרף נישט אויסגעבן. אין די גרויע, וואָסערדיקע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַן אומרואיק פייערל. אין דער זיצנדיקער פּאָזיציע מיטן איינגעבויגענעם, אונטערגעשפּאַרטן קאָפּ האָט ער אויסגעזען עלטער. איצט האָט מען לייכט געקאָנט דערקענען אין אים אַן אַלטן פאַראומערטן, צעבראָכענעם ייד. ער איז געזעסן אי עפּעס אַזוי היימישלעך, אי אַ זשענירטער און געשוויגן, ווי ער וואָלט מיטן אויס־לעגיטימירן זיך שוין אַלץ געהאַט דערציילט וועגן זיך און האָט מער גאָר־נישט צוצוגעבן.

— פאַרוואָס האָט איר אין אייער בריוו נישט אָנגעגעבן קיין אַדרעס ? דעם איצטיקן נאָמען ? — איז ווידער צוגעשטאַנען צו אים דער באַאַמטער.

— אין דעם באַשטייט די זאַך׳ צוליב דעם געמוזט אַליין קומען, כאָטש ס׳איז נישט לייכט פאַר מיר. אין אַ בריוו דאָס אַלץ אויפקלערן. כ׳וואָלט נישט געוואָלט נאָך מער קאָמפּליצירן מיין אַזוי אויך קאָמפּליצירטע סיטו־אַציע. אויף דער עלטער, קיין געזונט נישטאָ, צוואָס איצט נייע קאָמפּלי־קאַציעס ?

— קאָמפּליקאַציעס ? וואָסערע קאָמפּליקאַציעס קאָן דאָס אייך פֿאַר־שאַפֿן ?

—געמיינט איר וועט זיך פֿון מיין בריוו אָנשטויסן, כ׳האָב דאָך אייך געגעבן אָנצוגעהערן אין וואָס פֿאַראַ לאַגע איך בין.

דער באַאַמטער האָט אויפֿגעמאַכט דעם שופֿלאָד פֿון ביוראָ־טיש, אַרויסגעצויגן אַ קאַרטאָטעקע מיט קאָרעספּאָנדענץ, אָפּגעזוכט דעם בריוו און אויף גיך דורכגעלייענט.

— יאָ, יאָ כ׳האָב געדענקט... נישט פֿאַרגעסן וועגן וואָס איר האָט געשריבן — האָט ער זיך ווידער פֿאַרענטפֿערט — ס׳גייט אייך אין אונטער־שטיצונג. כ׳מיין ס׳וועט נישט שווער זיין, הילף פֿאַר עלטערע, קראַנקע מענטשן, איר קאָנט אַזאַ אונטערשטיצונג באַקומען אין אונדזער אינסטי־טוציע, נאָר מיר מוזן עפּעס וויסן וועגן אייך, איר דאַרפֿט אונדז לאָזן אייער אַדרעס, נאָמען, אָנגעבן אַנדערע איינצלהייטן. מיר זענען אַן אינסטיטוציע, איר פֿאַרשטייט, אין אַן אינסטיטוציע איז פֿאַראַן אַ קאָנ־טראָל, ס׳מוז געענוי פֿאַרצייכנט זיין ווער עס באַקומט די הילף, ווו דער מענטש וווינט, ווער ער איז, פֿון וואַנען ער שטאַמט. מיט אייער בריוו האָב איך גאָרנישט געקאָנט דערליידיקן, ס׳איז נישט קלאָר געווען, ס׳איז נאָך איצט אויך נישט קלאָר, ס׳מוז אַלץ זיין געענוי, ס׳איז אַן אינסטיטוציע, ס׳פֿאָדערט זיך קלאָרקייט.

— קלאָרקייט — האָט דער ייִד שטיל איבערגעחזרט און אַ ביטערער, איראָנישער שמייכל האָט פֿאַרבלאָנקעט צווישן די ליפּן — דאַרף איך אייך איצט, נאָך דעם אַלעמען קלאָר מאַכן מיין גאַנצע געשיכטע ? ס׳איז אַ לאַנגע געשיכטע, זייער אַ לאַנגע, אַריינברענגען אין איר קלאָרקייט איז נישט לייכט, אַ פֿינצטערע געשיכטע, און דאָ וויל מען סכזאָל זיין וואָס מער קלאָר.

ער האָט אָפּגעהוסט, אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן זיפֿץ, אַוועקגענומען די האַנט פֿון אונטערן קאָפּ, אויסגעגלייכט זיך אַ ביסל, באַלד זיך ווידער איינגעבויגן, איינגעקאָרטשעט, ווי ער וואָלט געוואָלט זיין וואָס ווייניקער אָנזעעוודיק און שטיל פֿאַרגעזעצט :

— כ׳שטאַם פֿון קראָקע, איינער פֿון דער גאַנצער משפּחה זיך גע־ראַטעוועט, אַלע אומגעקומען, אַלע ! אַלע ! איך איינער געבליבן, אפֿילו קיין באַקאַנטע נישט אָפּגעפֿונען.

ער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן צום מענטש אַנטקעגן אים, אָבער גע־רעדט ווי צו זיך אַליין :

— ווי אַזוי איך בין געבליבן? ס׳איז מיר נאָך היינט נישט קלאָר. אַנטלאָפן איין מאָל, אַ צווייט מאָל, דאָס דריטע מאָל פון צוג; סוף זומער 1942 אָנגעקומען קיין קאַטאָוויץ, נישט אויסגעזען אויף קיין ייד, קיינער האָט מיך דאָרט נישט געקענט, דאָס האָט מיך געראַטעוועט. היינט גרוי, ווייס, דעמאָלט געהאַט העל-בלאָנדע האָר, כאָטש שוין אַלט געווען 47 יאָר און געהאַט דורכגעמאַכט, איר ווייסט מסתמא וואָס ס׳איז געווען. יאָ, מען ווייסט וואָס ס׳איז געווען, נאָר מען ווייסט נישט וואָס יעדערער באַזונדער איז דורכגעגאַנגען — געטאָ, אַרבעט-לאַגער, ווידער געטאָ, אויסזידלונג און דערנאָך...

אַ קלאַפּ אין טיר האָט אים איבערגעריסן די רייד. ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַריינקריכן אין זיך, אַנטרינען פון אַ פרעמדן בליק. ווען דער באַאַמטער האָט אָפּגעענטפערט דעם ניי-אַריינגעקומענעם, האָט ער זיך אויסגעגלייכט, אָבער גערעדט שטילער:

— צוואָס אַלץ דערציילן? ס׳וועט פאַרנעמען צופיל צייט. קורץ, כ׳האָב זיך יעדעס מאָל דורך אַ נס אָפּגעראַטעוועט, דערנאָך אָנגעקומען קיין קאַטאָוויץ און פאַרבליבן. מיין אויסזען, מיין פוילישע שפּראַך האָבן מיך נישט געקענט פאַרראַטן, קיין באַקאַנטשאַפטן אויך נישט. ס׳האָט צו-געגליקט, באַקומען אַרבעט אין מיין פאַך, אַלס בוכהאַלטער, פּאַפּירן גע-האַט אויפן נאָמען סאָקאָלאָווסקי, בוכהאַלטער סאָקאָלאָווסקי, ריינער אַריער, אַ פּאַליאַק-קאַטאָליק.

— און נאָך דער מלחמה?

— כ׳האָב אייך געזאָגט, קיינער איז פון מיין משפחה נישט פאַרבליבן, קיין איין לעבעדיקער פון קרובים, פון באַקאַנטע, קיין שפּור.

— כ׳פאַרשטיי, נאָר ס׳איז מיר נאָך אַלץ נישט קלאָר.

— וואָס איז אייך נישט קלאָר? וואָס ס׳איז ווייטער געשען?

— זייט-זשע מוחל וואָס איך פרעג אייך אַזוי פיל אויס, ס׳קומען דאָ נישט-יידן אויך בעטן הילף, אייער ענין איז נישט קיין געוויינלעכער. כ׳וויל נישט זאָגן...

— יאָ, נישט קיין געוויינלעכער, כ׳ווייס, און אפשר יאָ אַ געוויינ-לעכער.

— האָט קיין פאַריבל נישט, אָבער ווי איך פאַרשטיי, האָט איר נאָך דער מלחמה ווייטער אויסבאַהאַלטן, אַז איר זענט אַ ייד.

— ווייטער פאַרבליבן סאָקאָלאָווסקי, קאַטאָליק הענריק סאָקאָלאָווסקי. ווייטער אויס גרינשטיין.

— ס׳וואָלט אינטערעסאַנט געווען צו וויסן...

ער האָט זיך דאָס מאָל צוגעאײַלט, ווי ס׳וואָלט אים אַ ברי געטאָן:

— איר ווילט וויסן פֿאַרוואָס איך קום צו יידן נאָר דעמאָלט, ווען כ׳באַדאַרף? נאָך געלט? — האָט דער ייד געפֿרעגט מיט אַ שטילער, מעלאַנכאָלישער שטימע.

— ניין, נישט דאָס, זייט־זשע מוחל, איר דאַרפֿט נישט חושד זיין מענטשן אין אַזעלכע זאַכן. כ׳וויל פּשוט פֿרעגן ווי אַזוי איר האָט זיך דערוווּסט וועגן אונדזער אינסטיטוציע, אַז איר זענט נישט פֿאַרבונדן מיט יידן?

—נישט פֿאַרבונדן מיט יידן — האָט דער מענטש, שאָקלענדיק מיטן גרויען קאָפּ איבערגעחזרט די ווערטער — וואָס קאָן מען וויסן מיט וואָס אַ מענטש איז אינערלעך געבונדן, וואָס אַ מענטש... וואָס ס׳טוט זיך אין אַ מענטשנס האַרץ, אין אַ האַרץ פֿון אַ מענטשן ווי איך. נאָר צו אייך האָט מיך טאָקע איצט געבראַכט מיין לאַגע. מיט עטלעכע יאָר צוריק גע־מוזט אויפֿהערן אַרבעטן, נאָך אַ לאַנגער קראַנקייט. דערנאָך באַקומען אַ רענטע. איר ווייסט דאָך, שווער אויסצולעבן פֿון דעם, און אויף דער על־טער רופֿן זיך אָפּ אַלע צרות. אַלע מאָל אַן אַנדערע קרענק, שווער. מ׳קאָן קיין עק מיט קיין עק נישט פֿאַרבינדן מיט דעם וואָס מ׳באַקומט. אַז מ׳איז אַלט, קראַנק און עלנד — נאָך שווערער.

— ס׳וואָלט אייך לייכטער געווען צו זיין צווישן יידן. כ׳פֿאַרשטיי נישט פֿאַרוואָס? צוואָס איז אייך איצט נויטיק? פֿאַרוואָס באַהאַלט איר אויס?

— פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס? ס׳איז דען לייכט צו ענטפֿערן אויף אַלע פֿאַרוואָסן? זינט די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אויסצושעכטן און פֿאַר־ברענען די יידן, האַלט איך אין איין פֿרעגן פֿאַרוואָס און קאָן אויף קיין איין פֿאַרוואָס נישט געפֿינען קיין ענטפֿער. שווער מיר היינט אַליין צו פֿאַרשטיין, ס׳איז אַזוי פֿאַרבליבן. אפֿשר ווייל די שרעק, דער אומצוטרוי זענען פֿאַרבליבן? יענע צייטן, דערנאָך די ערשטע צייטן נאָך דער מל־חמה האָבן צעטומלט.

— יענע צייטן האָבן זיך שוין לאַנג געענדיקט, נישטאָ היינט קיין סיבה, היינט קאָנט איר זיין דאָס וואָס איר זענט, כ׳מיין דאָס וואָס געווען.

— היינט, היינט, ער איז געבונדן דער היינט מיטן נעכטן, נישט לייכט פֿאַנאַנדערצוטיילן. היינט זיין דאָ איינער אַליין. צי ווייסט איר וואָס ס׳באַדייט זיין איינער אַליין? אויף דער עלטער דאָ איינער אַליין?

— כ׳פאַרשטיי, אָבער דערפאַר האָט איר געדאַרפט זיך אומקערן צו אייגענע, כ׳מיין זיין צווישן יידן.

— געדאַרפט באַלד פון אָנהייב, היינט צו שפּעט, געוואָלט זיך באַוואָרענען, צעטומלט געווען, מ׳איז געווען ווי אַן איבערגעשראָקענע, אַ געיאָגטע חיה, וואָס האָט מורא אַרויסצוקריכן פון דער נאָרע, ווו זי האָט זיך פאַרשטעקט. ווער ווייסט, אפשר וועט דער אַרישער נאָמען, די מאַסקע, וואָס מ׳האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך, נאָך צונוץ קומען? מוז איך דאָ פאַרבלייבן, טאָ זאָל איך פאַרבלייבן מיט דער מאַסקע. אַזעלכע קלערענישן זענען דעמאָלט געקראָכן אין קאָפּ. די יאָרן געלאָפן, געלאָפן און היינט צו שפּעט.

— פאַרוואָס צו שפּעט?

דער עלטערער מענטש האָט ווידער אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיטביידע הענט, איינגעגראָבן די אויגן אין טיש, ווי ער וואָלט ערגעץ ווו אַריינגערעדט, מעסטנדיק דערביי די ווערטער:

— זינט סוף זומער 1942 אויס ייד, אויס גרינשטיין, 18 יאָר לעבן אין אַ שטאָט, צווישן מענטשן, ביי דער אַרבעט, ווי אַ הענריק סאָקאָלאָווסקי, 18 יאָר מיט שכנים ווי אַ ... אַ פּאָליאַק פון קאַטוילישן גלויבן, און פּלוצלינג ווערט פאַר זיי אַן אַנדערער, אַ ייד גאָר! ניין, נישט לייכט, גאַנץ שווער, צו שפּעט.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך געוואָנדן צום מענטשן אַנטקעגן אים:

— ווי זאָל איך דאָס אייך אויפקלערן? ס׳איז פּונקט אַזוי, ווי איך זאָל וועלן אַרויפציען אויף זיך די אַמאָליקע, יונגע הויט. ס׳וואָלט נישט שלעכט געווען, ווען מ׳וואָלט געקאָנט צוריק יונג ווערן. די עלטער האָלט אָבער אין קלעם, בויגט דעם מענטש איין מיט יעדן טאָג מער, ענדערט זיין פּנים, זיין הויט, די האָר. מ׳קאָן זיך נישט אַרויסרייסן פון די אָפּגעלאָפענע יאָרן, מ׳וויל יונג זיין און מ׳קאָן נישט, צו שפּעט. זיך אומקערן צו זיך גופא איצט, צו דעם וואָס כ׳בין געווען פריער, שיינט מיר אויך צו זיין צו שפּעט, כ׳מיין פאַר מיר, וואָרעם יעדער מענטש איז אַנדערש. איך מוז שוין פאַרבלייבן אין דער פרעמדער הויט, מיט דער פרעמדער מאַסקע ביז, ביז...

ער האָט נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ, אַרומגעקוקט זיך, דערנאָך איינגעגעווערעט דעם קאָפּ אין די אַקסלען, ווי ער וואָלט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט אַ סך מער דערציילט ווי ער האָט געוואָלט. זיין קרענקלעך פּנים

דער פאַרשפּעטיקטער ייד

האָט באַקומען דעם קאַליר פון אַש, דער איראַנישער שמייכל אין די מויל־ווינקלען איז פאַרשוואונדן, די רעכטע האַנט אויפן טיש האָט ביי אים געציטערט. ער האָט איצט אויסגעזען, ווי אַ גערודפטער, רעזיגנירטער ייד, ווי אַ זקן, וועלכן ס'האָבן פאַרלאָזן אַלע כוחות. ער קאָן זיך שוין מער קעגן גאָרנישט ווערן. דער באַאַמטער פון דער הילפס־אינסטיטוציע האָט זיך דערפילט אַ ביסל אומבאַקוועם, נישט געוווסט וואָס צו טאָן, צי זאָל ער דעם ייד טרייסטן, צי פאַרוואָרפן זיין אויפפירעכץ. ער האָט בלויז אַרויסגעצויגן פון שופלאָד אַן אַנקעטע־בויגן, געבעטן אויספילן און אָנגעבן אַן אַדרעס איבערצושיקן די אונטערשטיצונג.

— איצט וואָלט איך געוואָלט שטעלן אַ פראַגע — האָט דער עלטערער מענטש נישט דרייסט געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעפילט דעם בויגן.

— פרעגט־זשע.

— צי קאָן מען איבערשיקן דאָס געלט נישט ווי אַ יידישע אינסטיטוציע ? איר פאַרשטייט וואָס כ'מיין, ס'זאָל נישט קענטיק זיין, אַנדערש וואָלט איך געמוזט... וואָלט איך געצוווּנגען געווען...

— צוליב וואָס דען ?! — האָט זיך דער באַאַמטער געבייזערט — ס'מוז דאָך זיין אַ צוריק־אַדרעס, מ'קאָן נישט אַנדערש !

— ס'קאָן זיין אָנגעגעבן אַן אַנדער אַדרעס, אַ נישט יידישער נאָמען, וואָס קאָן עס אייך שאַטן ?

— און וואָס קאָן אייך שאַטן, אַז ס'וועט זיין דער ריכטיקער אַדרעס ?

— איך קלער אייך אויף און איר קאָנט נאָך אַלץ נישט פאַרשטיין. פאַרוואָס זאָלט איר נישט אַריינגיין אין מיין לאַגע ? איר זעט דאָך, כ'האָב 66 יאָר, אַ קראַנק הארץ און קיין שום קרובים, קיינעמען נישט. אַ מענטש מוז אָנקומען צו אַ שכן, אָנקלאַפּן אין אַ טיר, מ'קאָן דאָך נישט לעבן אָן מענטשן, און דאָ ווערט פאַר זיי פּלוצלינג אַ ייד. כ'ווייס ווי אַזוי מ'וועט קוקן אויף מיר, סתּם וואָס קאָן נאָך געשען, איך האָב שוין נישט קיין כוח, צו שפּעט פאַר מיר.

— איר זענט אַ מאָדנער מענטש, ווער באַהאַלט זיך היינט אויס ? איר זענט אַן אויסנאַם, איר טוט אייך אַן אַליין צרות.

— אַן אויסנאַם זאָגט איר ? איר זענט זיך מסתּמא טועה. ניין, נישט קיין אויסנאַם, נאָר יענע דאַרפן מסתּמא צו אייך נישט אָנקומען, ווי איך.

ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט מיטן אַנקעטע־בויגן, אויפגעהויבן זיך לאַנגזאַם פון שטול, צוגעקנעפּלט דעם מאַנטל, געמאַכט אַ באַ־

אַפּגעריסענע צווייגן

װעגונג אָװעקצוגײן און געבליבן װײַטער שטײן פֿאַרן ביוראָ־טיש, װי ער װאָלט נאָך געהאַט עפּעס צו זאָגן.

— ס׳װעט דערלײדיקט זײַן, כ׳װעל מיך באַמיען װאָס גיכער צו דער־לײדיקן — האָט אים דער באַאַמטער פֿאַרזיכערט.

ער האָט געדאַנקט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, װידער געמאַכט אַ באַ־װעגונג אָװעקצוגײן און שטײן געבליבן. זײַנע װאַסערדיקע אויגן זענען געװאָרן נאָך װאַסערדיקער. מיט אײן האַנט אין קעשענע, מיטן קאַפּעליוש אין דער צװײטער האַנט, האָט ער איצט געקוקט צום פֿענצטער, װי ער װאָלט באַטראַכט דעם רעגן, װאָס האָט געגאָסן אין דרויסן.

— צי האָט איר נאָך עפּעס צוצוגעבן ?

— כ׳װיל נאָכאַמאָל בעטן, כ׳װיל איר זאָלט מיך פֿאַרשטײן, ס׳גײט מיר אין צוריק־אַדרעס, כ׳בעט אײַך זײער, כ׳דאַרף האָבן רו, דאָס האַרץ בײַ מיר . . .

— כ׳האָב דאָך אײַך צוגעזאָגט. אַ מאָדנער מענטש װאָס איר זענט, איר מוזט האָבן צוטרױ צו מענטשן, צו אונדז, צו אַנדערע מענטשן פֿאַר װעלכע איר האָט אומזיסט אומנישט מורא, מ׳קאָן נישט אַזױ, מ׳דאַרף האָבן צוטרױ.

— ס׳איז אַ גליק, אַז מ׳קאָן האָבן צוטרױ, מ׳דאַרף האָבן צוטרױ, נאָר איך. . . איך. . . מ׳האָט בײַ מיר דעם צוטרױ דערהרגעט. איצט צו שפּעט.

— מ׳װעט אײַך שױן קײן שלעכטס נישט טאָן, אײער פֿאַרלאַנג װעט דערפֿילט װערן, איר קאָנט שלאָפֿן רויִק.

װי די װערטער װאָלטן אים דאָס מאָל באַרויִקט, האָט ער נאָכאַמאָל שטיל געדאַנקט, שאָקלענדיק מיטן װײַסן קאָפּ, געזעגנט זיך און מיט דראָבנע טריט פֿאַרלאָזט דאָס צימער, מורמלענדיק צו זיך אַלײן: „צו שפּעט איצט, מיט אַלץ פֿאַרשפּעטיקט, איצט לײדער צו שפּעט”.

אַבאַרי, סעפּטעמבער 1963.


Benn

די נאָז און דער קרייץ

פון דער סעריע: הײַנטצײַטיקע מאַראַנען

— הער אויף! אַן אידיאָטישע מעשה און חזרסט איבער.

— אַן אידיאָטישע מעשה?

— לאָז מיך צורו, כ׳האָב נישט ליב, אַז מ׳פאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע זאַכן, דערנאָך טראָגט עס זיך פאַנאַנדער.

— כ׳האָב דיר צו דערציילן עפּעס וועגן זיך אויך...

— כ׳וויל נישט הערן!

סטעפאַ האָט דאָס אַרויסגעזאָגט העכער, ווי זי האָט געוואָלט, אַרומגעקוקט זיך מיט צעטראָגענע אויגן אין דער גרוימער קיך, וואָס גרענעצט מיט אַ צימער פון אַ שכנותדיקער וווינונג און איבערגעחזרט שטילער, אָבער מיט דער זעלבער דענערווירונג:

— כ׳האָב נישט ליב אויסצוהערן אַזעלכע נאַרישע מעשות.

לענאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, גאַרנישט ווי איר שטייגער, געפילט זיך כמעט באַליידיקט, נישט פאַרגעשטעלט זיך אַזעלכעס, קיינמאָל פון סטעפאַן נישט געהערט אַזעלכע ווערטער, אַזאַ טאָן. און זי, לענאַ, איז דאָך נישט אויסן געווען קיין שום שלעכטס, פאַרקערט, געוואָלט זיך אויך טיילן מיט איר אייגענער איבערלעבעניש. וועמען דען זאָל זי דאָס דערציילן? זיי קענען זיך שוין אַ קימאַ־לן פון אַ יאָר 18 און קיינמאָל קיין יאָ און קיין ניין. באַקענט האָבן זיי זיך צופעליק אויף אַ סטודענטן־לאַגער, געוווינט אין איין דאָרפישער כאַטע, פון ערשטן טאָג צוגעפאַלן צו זיך, הגם צוויי אַנדערע כאַראַקטערן.

אויף אַ לערערין איז לענאַ אָפּגעמאָסטן. אַ לעבעדיקע, אַ בייגיריקע, האָט זי פונקט אַזוי ליב געהאַט צו דערציילן ווי צו הערן. שעהן לאַנג פלעגט זי סטעפאַן דערציילן וואָס זי איז אויסגעשטאַנען אין לאַגער, ווי דאָס ערגסטע איז געווען פאַר איר דאָס אָפּרייסן זי פון די עלטערן. וואָלט זי דעמאָלט נישט געמאַכט די נאַרישקייט, וואָלט זי זיי אפשר געהאָלפן זיך ראַטעווען. סטעפאַ האָט וועגן איר משפחה קיינמאָל נישט דערציילט —

א פאַרטראַכטע, אַן אומעטיק־געלאַסענע, מיט אַ געהיימניספולן שמייכל צווישן די פאַרשלאָסענע ליפּן, מעסט זי און וועגט יעדעס וואָרט, פּונקט ווי זי מעסט און וועגט פּינקטלעך אין דער פאַרמאַצעוטישער לאַבאָראַטאָריע די כעמישע סובסטאַנצן צו רפואות.

ביי לענאַן איז דאָס פּנים אַ העלס, אַ מילכיקס, די אויגן העל־גרויע, די האָר פלאַקסענע, גלייכע, ווי סטרונעס, אַ ביסל צו שיטערע, וואָס האָבן איר אַמאָל פאַרשאַפט נישט ווייניק עגמת־נפש און אַוועקגענומען נישט ווייניק צייט: זי האָט זיי אָנדולירט, אויף ביינאַכט פאַרדרייט אויף מעטאַלענע וואַלקעס, וואָס האָבן אָנגעמאַכט קאָפּ־ווייטיק, נישט געלאָזט שלאָפן, ביז זי איז געפאַלן אויף אַ המצאה — געמאַכט וואַלקעס פון פּאַפּיר און אַרומגעדרייט אויף זיי די האָר. „דראָטן נישט קיין האָר", האָט זי זיך גע־בייזערט אויף זיי. אַז ס'איז אונטערגעקומען די מאָדע פון דער „געשוואַלענער פריזור", איז כאָטש האַק און בראַק, די האָר האָבן נישט אָנגעהאַלטן אין דער הויך מער ווי איין טאָג נאָכדעם ווי דער פריזירער האָט זיי פאַרקעמט. אויף צומאָרגנס זענען זיי ווידער צוגעפאַלן צום קאָפּ ווי מאָגערע תבואה־שטענגלעך פאַלן צו צו דער ערד נאָך אַ שטורעמדיקן שלאָקס־רעגן. אַז זי האָט דערהערט וועגן דער מאָדע פון „צוריק גלייכע האָר" האָט זי זיך דערפרייט.

סטעפאַ איז אויך נישט צופרידן געווען פון אירע האָר. אַלץ הייסט נישט צופרידן, אַן אמתער אומגליק זענען זיי געווען פאַר איר. אַ טונקל־הויטיקע, מיט ברוינע גרויסע אויגן האָט דאָס שמאָלע פּנים אויסגעזען ווי ס'וואָלט איינגעראַמט געווען אין אַ שוואַרצער, געקאַרבטער ראַם. אין אָנהייב מלחמה האָט זי געשוירן די האָר נישט נאָר פון דער לענג, זיי זענען אָבער געוואַקסן ווי אויף הייוון. זי האָט זיי געוואַשן מיט באָראַקס, זיי האָבן באַקומען אַ משונהדיקן קאָליר, נאָר נישט קיין בלאָנדן; זי האָט זיי געקעמט מיט אַן אייזערן בערשטל צו מאַכן זיי גלייך — ס'האָט גע־האָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. דער שוואַרצער קאָליר איז אָפּגעטראָטן, נאָר די לאָקן נישט. דערפאַר האָט זי נאָך דער מלחמה זיך נוקם געווען אין זיי: זי איז געפאַלן אויף אַ מאָדערנעם פריזירער, ער האָט געשמט מיט זיינע גאָלדענע הענט און מיט אויסלענדישע פריזור־מיטלען — פון ווייניק האָר האָט ער געמאַכט אַ גאַנצע טשערעפּאַכע אויפן קאָפּ, פון געדיכט־געקרייזלטע — גלייכע ווי סטרונעס, און אַ קאָליר, ווי דאָס האַרץ האָט געגלוסט.

כאָטש איינע די אַנדערע איז מקנא געווען די האָר, זענען זיי ביידע

אָנגעקומען צום מייסטער זאַרעמבאַ. מיט סטעפאַן האָט ער קיין גרויסע צרות נישט געהאַט, ער האָט געמאַכט פון איר פונקט אַזאַ בלאָנדינקע ווי ס׳איז לענאַ.

אָפּגעפטרט זיך מיט די האָר האָט סטעפאַ אין געהיים געגומען טראַכטן וועגן איר נאָז. זי האָט זי נאָך ווייניקער ליב געהאַט, ווי די האָר און געמוזט זי טראָגן אויבנאָן אויפן פּנים. דאָ העלפן נישט קיין שום היימישע מיטלען. אָבער העלפן קאָן מען זיך פאַרט. אַ יונגע דאָקטערשע אין איר געבוירן־שטאָט האָט אין אָנהייב מלחמה זיך געלאָזט ענדערן די נאָז, צוגע־פּאַסט זיך אַזאַ שיין נעזל, אַז מ׳האָט זי קוים געקאָנט דערקענען. זינט דעמאָלט האָט זי קיינמאָל יענע נישט באַגעגנט, זי ווייסט צומאָל נישט וואָס מיט איר איז געוואָרן, אָבער יענערס איבערגעמאַכטע נאָז איז איר פאַרבליבן אין זכרון.

דער כירורג פאַר פּלאַסטישע אָפּעראַציעס האָט סטעפאַן פאַרזיכערט: אַ קליינע כירורגישע אינטערווענץ, פון אַלע פּלאַסטישע אָפּעראַציעס די לייכטסטע, מ׳קאָן אויסקלייבן וואָס מ׳וויל: אַ קלאַסישע נאָז, אַ קליין קינ־דעריש נעזל, אַ סלאַווישע נאָז און וויפל נאָך אַנדערע מאָדעלן! ער אַנעסטעזירט לאָקאַל, זי וועט זיך אומקערן אַהיים און בלייבן אַ וואָסערע אַכט טעג אין שטוב, ער וועט קומען צוויי מאָל ענדערן דעם באַנדאַזש, קיין שום צופאַלן נישטאָ.

סטעפאַ האָט זיך געלאָזט צום דאָקטער אָן וויסן פון מאַן, אָפּגעוואָרט ווען דירעקטאָר יאַבלאָנסקי האָט געדאַרפט אַמטלעך אַוועקפאָרן אויף אַ צען טעג, זי וועט אים מאַכן אַן אַנגענעמען סורפּריז...

דער סורפּריז איז נישט געווען קיין אַנגענעמער. ס׳איז דורך מער ווי אַ וואָך און סטעפאַ האָט נאָך געהאַט אַרום די אויגן ברייטע, בלוי־שוואַרצע ראָמען, אַרום דער נאָז — פיאָלעטענע פלעקן, ס׳האָט געברענט, געריסן, געשטאָכן. די נאָז גופא האָט זי נאָך נישט געהאַט געזען. „מ׳ווייזט נישט קיין האַלבע אַרבעט״ — האָט איר דער דאָקטער געזאָגט, ווען ער האָט געענדערט דעם באַנדאַזש. ס׳פאַרציט זיך אַ ביסל, ס׳איז אינדיווידועל, ביי איינעם היילט זיך שנעלער, ביי אַן אַנדערן לאַנגזאַמער.

סטעפאַ איז געווען פאַרצווייפלט: ווער ווייסט וואָס זי האָט זיך דאָ אָנגעמאַכט! צי וועלן די פלעקן ווען פאַרשווינדן? און די נאָז? ווי זעט זי אויס? פאַרוואָס לאָזט ער איר נישט נעמען דעם שפּיגל אין האַנט, ווען

ער וויקלט איבער? ביינאַכט האָט זי אין שלאָף געזען משונהדיקע נעזער: שפּיציקע, לאַנגע, געדרייטע, איינגעבויגענע ווי ביי אַן אָדלער, גאַרבאַטע ווי ביי אַ פּאַפּוגיי, טיילמאָל זענען אויף איר פּנים אויסגעוואַקסן עטלעכע נעזער צוזאַמען. מען קוקט אויף איר, ווי אויף אַ בייזן ווונדער, מען יאָגט זיך נאָך איר, זי פאַרשטעקט זיך אין אַ קעלער צוליב אירע נעזער.

אינדערפרי האָט זי געקלונגען צום דאָקטער, אַריינגערעדט אין טרייבל מיט אַ פאַרצווייפלטער שטימע, איבערגעטריבן דאָס ברענעניש, דאָס ריי־סעניש. ער האָט זי געמוסרט: ס׳קומט פון די נערוון און נישט פון דער אָפּעראַציע, זאָל זי נעמען די באַרואיקונגס־פּילן. זי האָט זיך אַליין אויך אויסגעמוסרט; האָט זי זיך באַשלאָסן דאַרף מען אויסהאַלטן. אָבער צי וועט כאַטש... צי האָט זיך כאַטש געלוינט?

ס׳האָט זיך געלוינט. סטעפאַ האָט זיך דערנאָך דערפילט ווי אַ נייער מענטש, זי איז נישט זי. שטענדיק געוואָלט דאָך זיין נישט זי. שטענ־דיק? פון ווען אָן? ניין, מ׳דאַרף וועגן דעם נישט טראַכטן! פאַריאָגן, פאַרטרייבן אַזעלכע טראַכטענישן! פאַרוואָס זאָל אַ מענטש נישט קאָנען זיין אַזוי, ווי ער וויל זיין? דאָס וואָס ער וויל זיין?

צום גוטן געוווינט מען זיך שנעל צו. סטעפאַ האָט גיך פאַרגעסן אין איר אַמאָליקער נאָז. די נייע נאָז איז געוואָרן אַ וואָכעדיקע זאַך, ווי זי וואָלט אַזאַ שטענדיק געזעסן אויף איר פּנים. דערמאָנט אין איר גליק האָט איר לענאַ.

לענאַ האָט זיך אומגעקערט נאָך אַ אַכט חדשימדיקן לערער־סטאַזש ערגעץ אויף אַ ווייט, פאַרוואָרפן ווינקל אין לאַנד. אַז זי האָט דערזען סטע־פאַן האָט זי זיך פריער גוט איינגעקוקט אין איר און דערנאָך אויסגערופן:

— אוי, ווי דו האָסט זיך געענדערט, אַזוי שיין געוואָרן!

— טאָקע שענער געוואָרן?

— אינגאַנצן אַן אַנדערע, נישט דיין נאָז, זאָג אויס דעם סוד!

סטעפאַ געהערט נישט צו די, וואָס זאָגן אויס סודות, זי האָט ווייטער מיסטעריעז געשמייכלט און געשוויגן. לענאַן דאַרף מען אָבער נישט שטעקן קיין פינגער אין מויל, איר ווייבערישע אינטואיציע האָט איר אונטער־געזאָגט, וואָס ס׳באַדייט סטעפאַס שמייכל:

— אַ פּלאַסטישע אָפּעראַציע?

סטעפאַס שמייכל איז בלאַסער געוואָרן. זי האָט נישט גערן, אַז מען שטעלט איר פראַגן, פון אַ וואָרט צו אַ וואָרט... זי קאָן וועגן אַלץ רעדן, אָבער נישט וועגן זיך, וועגן זאַכן וואָס האָבן צו איר גופא אַ שייכות.

ס׳קומט איר אויס ווי זי וואָלט זיך גערדאַרפט פאַר יענעם אויסטאָן נאַקעט, ווי קאָן מען דאָס די אייגענע נאַקעטקייט אויסשטעלן פאַר אַלעמענס אויגן? איר אינערלעכע וועלט האָט זי זיך צוגעוווינט צו פאַרדעקן, ווי זי פאַרדעקט איר נאַקעטן קערפּער. לענאַ, פאַרקערט: דערציילט גערן וועגן זיך און זשעניערט זיך נישט אויסצופרעגן אַנדערע, בפרט סטעפאַן. אַז איר דאַרף מען שטענדיק ציען פאַר דער צונג, אַנדערש וואָלט זי דאָס לשון פאַרלוירן. און פון אַלעמען מאַכט זי אַ סוד. פון אָנהייב האָט זי געמיינט ווייל זי, לענאַ, איז אַ יידישקע, האָט זיך אָבער גיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז אַזאַ כאַראַקטער; פאַרקערט, מיט איר צוגעלאָזענער, מיט קיינעמען האָט זיך סטעפאַ אַזוי נישט באַפריינדעט ווי מיט איר, און פאַרט זעט זי אויס, ווי זי וואָלט געהאַט אַ פולן בויך מיט סודות.

— פון דעם מאַכסטו אויך אַ סוד? מ׳זעט דען נישט?

— איז צו וואָס דאָס אויספרעגן?

— ס׳אינטערעסירט מיר אויך, אַז מ׳קאָן זיך שענער מאַכן, פאַר וואָס נישט? ווייניק פרויען מאַכן דאָס?

סטעפאַן האָט פאַרדראָסן לענאַס לייכטזיניקייט. זי האָט געוווסט, אַז איר פריינדין איז נישט צופרידן נישט פון אירע האָר און נישט פון איר נאָז. פון וואַנען ס׳האָט זיך גענומען צו איר אַזאַ מאָדנע פאַרריסן נעזל האָט זי נישט געקאָנט פאַרשטיין, אָבער מקנא איז זי איר נישט איינמאָל געווען. דאָס מאָל האָט זי מעשה עלטערע אי זי אויסגעלאַכט, אי געמוסרט:

— נאַרישער קאָפּ, דאַרפסט דאָך זיין צופרידן, איך אַ קריסטין און אויסגעזען שטענדיק אויף אַ יידישקע, דו אַ יידישקע און זעסט אויס... חוץ דעם, איך האָב געהאַט אַ מיאוסע נאָז, דו האָסט אַן אינטערעסאַנטע, ס׳קומט צונויף אַזאַ נאָז, דו ווייסט דאָך וואָס ס׳קאָן אַלץ פאַסירן.

לענאַ האָט זיך ווי איר שטייגער אויפגעקאַכט:

— ווי אַזוי ס׳קומט צונויף ווייס איך בעסער פון דיר, ס׳האָט מיר אַ סך דעמאָלט געהאָלפן, אָנגעגעסן זיך מיט נאָך מער דערנידעריקונגען.

סטעפאַ האָט זיך דערמאָנט ווי פון אָנהייב פון זייער באַקאַנטשאַפט האָט איר לענא דערציילט די מעשה מיטן „ראַסן־אינסטיטוט”. לענאַ איז אַרעסטירט געוואָרן בעת אַ „לאַפּאַנקע” אויף דער גאַס; אַן וויסן פון די עלטערן האָט זי זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ, צוליב זיי, געזאָלט ביים גלח אויספועלן זייי אַרויסצוראַטעווען. דער זעלבער גלח האָט זיך דערנאָך פאַר איר איינגעשטעלט. ער איז געווען אַ פּאַציענט און אַ גרויסער פריינט פון איר פאָטער. ער איז אַוועק צום דייטשן קאָמענדאַנט מיט אַ צוגע־

טראַכטער מעשה: זי, די 16־יעריקע לענאַ, איז נישט קיין יידישקע, אַ סימן, זי זעט נישט אויס אויף אַזעלכע. די יידישע קינדערלאָזע משפּחה האָט אַדאָפּטירט אין געהיים אַ קריסטלעך קינד.

דער גוטער גלח האָט מיט זיין צוגעטראַכטער מעשה נישט ווייניק צרות איר פאַרשאַפט, דערנאָך אַליין מיטן לעבן באַצאָלט. די געשטאַפּאָ האָט זי געשיקט אין אַן „אינסטיטוט פאַר ראַסן־פאַרשונג״, אַ בערלינער פּראָפעסאָר האָט געמאָסטן דעם שיידל, די קינבאַקן. מ׳האָט עטלעכע מאָל גענומען ביי איר בלוט אויף אַנאַליזן, עטלעכע געלערנטע ראַסן־פאַרשער האָבן מיט איר מושטרירט, געהייסן זיך אויפשטעלן, צוריק זעצן זיך, אויפהייבן אַ האַנט, אַ פוס, איינגעקוקט זיך אין אירע באַוועגונגען ווי מבינים אויף אַ בהמות־מאַרק ביים קויפן אַ פערד, אַן אָקס. לסוף האָט די עקספּערטיזע פעסטגעשטעלט די יידישע אָפּשטאַמונג און מ׳האָט זי געשיקט אין אַ לאַגער. דעם גלח האָט מען אויך פאַרשלעפּט אין אַ לאַגער פאַרן וועלן די דייטשע מאַכט אַריינפירן אין אַ טעות, כדי צו ראַטעווען אַ יידישקע.

— ס׳האָט מיר אַ סך געהאָלפן מיין נישט יידישע נאָז, מיין פאָטער האָט געהייסן סאַלאָמאָן קאַץ, דאָס איז גענוג געווען. אויף איצט אויך.

סטעפאַ האָט מורא געקריגן לענאַ זאָל ווידער נישט אויפמישן די אַלטע געשיכטע און גוטמוטיק אַ זאָג געטאָן:

— לאָז צורו! צו וואָס טויגן דיר די אַלע מעשות! און וואָס אָנבאַלאַנגט דיין נאָז, מעגסטו מיר גלויבן, זי פּאַסט זייער גוט צו דיין פּנים.

לענאַן האָט דאָס נאָך מער פאַרדראָסן, זי פאַרטראָגט נישט אַזעלכע ווייבערישע שטיק:

— דאָס איז אַן אמתע ווייבערישע טבע. קאַראָלינע וויל קיינעמען נישט געבן דעם אַדרעס פון איר שניידערקע; זי טראָגט שיינע קליידלעך, פאַרוואָס זאָלן אַנדערע טראָגן די זעלבע?

סטעפאַ האָט זיך פאַרענטפערט: נישט דאָס זעלבע, זי האָט נישט אויסבאַהאַלטן צוליב פּוסטקייט, אויך נישט צוליב פּוסטקייט זיך דעצידירט דערויף, פון קינדווייז אָן געווען ביי איר אַ מינדערווערטיקייט־געפיל. אין שולע פלעגט מען הינטער אירע אויגן זאָגן אויף איר: „די מיט דער נאָז״. ס׳איז פאַרבליבן אַ קאָמפּלעקס, געוואָלט זיך באַפרייען פון אים, איצט געהאָט אַ געלעגנהייט. פונדעסטוועגן בשעת מעשה חרטה געהאַט, ס׳איז נישט קיין ספּאָרט, אָנגעליטן זיך מער, ווי מען קאָן זיך פאַרשטעלן, דערצו פאַרשולדיקט זיך. נאָר מילא, זי האָט געמוזט, צוליבן קאָמפּלעקס, אָבער

זי, לענאַ? די פּאַרריסענע נאָז גיט איר צו חן און ווייבלעכקייט, דער עיקר — זי זעט אויס ווי אַן אמתע סלאַווישע.

דער קאָמפּלימענט האָט לענאַן מער איבערצייגט ווי אַלע אַנדערע אַרגומענטן.

דאָס איז געווען אַמאָל. זיי האָבן ביידע פון לאַנג שוין געהאַט פאַר־געסן אין יענע מיידלשע נאַרישקייטן. דאָס לעבן האָט זיי צייטנווייז צע־שיידט און שטענדיק ווידער צונויפגעבראַכט, ביז לענאַ איז אַוועק אויף עטלעכע יאָר מיט איר מאַן אין דרום־מזרח טייל פון לאַנד. מ׳האָט אים געשיקט אַהין בויען אַ צוקער־פאַבריק. לענאַ איז געווען אויסער זיך פון פרייד: צוריק אין דער געגנט פון איר קינדהייט און פריער יוגנט. פון יענער געגנט, נאָענט פון איר געבוירן־שטאָט שטאַמט אויך סטעפאַ. האָט לענאַ געהאַט אַ סך צייט און געלעגנהייטן אַרומצווואַנדערן, אַריינצושטעקן אומעטום, ווי איר שטייגער איז, די נאָז און אויסצוהערן מעשות. די מעשות האָבן צעפלאַקערט איר נייגיר, געוואָלט וואָס מער און מער דערוויסן זיך נישט נאָר וועגן אירע עלטערן, נאָר אויך וועגן זיך גופא, אַנגעהויבן צו גראָבן און נישטערן אין די ציוויל־אַמטן און דערגראָבן זיך צום וואָרצל.

איצט זיצט זי ביי סטעפאַן אין קיך — טיי האָבן זיי שטענדיק ביידע געטרונקען אין קיך — מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ אי אַ צערודערטע, אי אַ באַליידיקטע. פאַרוואָס פאַרמאַכט איר סטעפאַ דאָס מויל? פאַרוואָס וויל זי נישט אויסהערן? זי האָט דאָך איר צו דערציילן וועגן זיך דאָס זעלבע, אַ פאַרקערטע מעשה און די זעלבע געשיכטע. מ׳דאַרף אַנהויבן פון צווייטן פלאַנטער:

— הער סטעפאַ, איך בין נישט... מיט מיר איז דאָס אַנדערש.

סטעפאַ האָט נישט געוואָלט הערן און כלל נישט באַנומען וואָס לענאַ מיינט דערמיט, זי האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויפן מויל און ווי זי וואָלט נאָכן ערשטן שאָק זיך באַדאַכט, אָנגענומען לענאַן ביי דער האַנט, אַריינ־געפירט אין קאָרידאָר און אויפן אויער איר אַריינגעשושקעט: „מ׳הערט דאָרט יעדעס וואָרט דורך דער וואַנט״.

— ביי דיר האָבן טאָקע ווענט אויערן.

— זאָלסט וויסן, ווענט האָבן אויערן און די גאַס האָט אויגן.

זי האָט אָנגעדריקט אויפן עלעקטרישן קאָנטאַקט ביים אַריינגאַנג אין צימער, פון דאַנען האָט געפירט אַ טיר אין אַ צווייטן צימער. זי האָט אויף

אפגעריסענע צווייגן

די שפּיץ־פינגער זיך דערנענטערט, פּאָרזיכטיק אויפגעמאַכט די טיר, פריער אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ, אַ רוף געטאָן לענאָן מיט די אויגן און ווידער אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויפן מויל. דאָס ליכט פון ערשטן צימער האָט געוואָרפן אַ שיין אויף דער אָנטקעגנאיבערדיקער וואַנט און באַלויכטן דעם געקרייציקטן גאָט אין אַ האַלץ־מיניאַטור. לענאָן האָט זיך איצט געדוכט, אַז דער שאַרפער אָפּשיין, וואָס איז געפאַלן אויפן געקרייציקטן האָט נאָך בולטער געמאַכט די גסיסה־יסורים. אויפן בעטל ביי דער דערנעבנדיקער וואַנט איז אונטער אַ ווייסער קאָלדרע געשלאָפן סטעפאַס 14־יעריקע טאָכ־טער, זי האָט געאָטעמט שווער, כאָרכלענדיק, די אַנטי־גריפּע פּילן האָבן זי איינגעשלעפערט.

סטעפאַ האָט מיט דער זעלבער פּאָרזיכטיקייט צוגעמאַכט די טיר, צוגעפירט לענאָן צום צווייטן עק גרויסן צימער, אַנגעוויזן אויף אַ שטול, אַוועקגעזעצט זיך אַנטקעגן איר און שטיל זיך מודה געווען:

— צוליב איר, פאַרשטייסט, פאַר איר, זי זאָל קיינמאָל נישט געפּרווט ווערן מיט דעם וואָס איך, געוואָלט זי פאַרהיטן. כ׳וויל נישט זי זאָל דאַרפן פאַרשעלטן איר געביין, ווי איך דעמאָלט, כ׳האָב זיך דעמאָלט צוגעשווירן, אויב כ׳וועל בלייבן לעבן... געזאָגט זיך, אויב...

ס׳איז איר אָנגעקומען שווער דאָס רעדן, לענאָ האָט נישט געוואָרט ביזן סוף, געוואָלט דערציילן וואָס פריער, סטעפאַ קאָן באַלד ווידער איר פאַרמאַכן דאָס מויל:

— ווען דו וואָלסט געוווסט ווי דער אַלטער האָט זיך דערפרייט, האָט געמיינט דו לעבסט נישט, ער פאַרשטייט נישט וואָס דו האָסט צו אים, ער האָט דאָך אַליין געקאָנט מיטן לעבן באַצאָלן! ווי האָסטו געקאָנט פאַרגעסן? נישט געבן אים צוויסן?

— ניין, ניין, נישט פאַרגעסן, נישט אים, נישט דאָס איבעריקע, טאָקע דערפאַר ווייל כ׳האָב נישט געקאָנט פאַרגעסן, פאַרשטייסט? ס׳שטייט נאָך אַלץ פאַר די אויגן. כ׳האָב געקוקט דורך אַ שפּאַרע פונעם נידעריקן בוידעם, געלעגן איינגעדרייט ווי אַ וואָרעם, געזען ווי אַ שכן האָט אָנגע־וויזן די דייטשן אויפן קעלער: מיין טאַטע, מיין מאַמע, מיינעביידע ברידער האָבן געמרוזשעט מיט די אויגן, האָבן אין קעלער זיך אָפּגעוווינט פון ליכט. איך האָב געזען ווי מ׳האָט זיי... דערנאָך צוויי טעג געזעסן אָן עסן, אָן וואַסער, דערנאָך אַוועק אַ פאַרחלשטע צו אים. ער האָט געעצהט זיך פאַרשטעקן אין זעלבן קעלער — „וועלן שוין דאָרט נישט קומען", האָט

ער מיך געטרייסט. אַ יאָר דאָרט אָפּגעזעסן, ווי אַ שטשור, וואָס מ׳קאָן יעדע מינוט צעטרעטן. אַז ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט, האָב איך געמיינט איך וועל אויסגיין פון הונגער, פון דורשט. ער איז געקומען, ווען ער האָט געקאָנט. ביי יעדער פאַרשפּעטיקונג געמיינט, אַז שוין, שוין דער סוף. כ׳האָב נישט געוווּסט צי ס׳איז טאָג צי נאַכט. ס׳איז מיר געווען אַלצאיינס, געוואָלט אַ סוף מאַכן און נישט געוווּסט ווי אַזוי, אָבער נישט געוואָלט אַרויסגיין. נישט אַזוי די מורא פאַרן טויט ווי די מורא פאַר אַ מענטשלעך אויג, נישט געוואָלט מ׳זאָל קוקן אויף מיר.

— דעם ערשטן טאָג ווען ער האָט מיר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, בין איך גלייך אַוועק. נישט געקאָנט דאָרט בשום אופן בלייבן לענגער, געלאָזט זיך אויף צופוס, געוואָלט אַנטלויפן, נישט געוווּסט ווו, ווי אַזוי. בין איך אַנטלאָפן פון זיך גופא; אַן אַנדערע זיין, אויסטוישן זיך אויף עמעצן אַנדערש. אַן אַנדערן נאָמען שוין געהאַט. פריער האָבן די אַרישע פּאַפּירן אויך נישט געקאָנט פאַרהיטן. מיין פּנים, מיינע אויגן, מיינע האָר, מיין נאָז האָבן מיך פאַרראַטן. שוין געווען עטלעכע וואָכן ווי מ׳איז פּטור געוואָרן פון יענער מגיפה, כ׳בין אַוועק אין אַ שטעטל, געווען דאָרט אַ גרויסע משפּחה. קיין איין ייד איז נישט פאַרבליבן, אויף מיר האָט מען געקוקט ווי אויף אַ בייז ווונדער, מ׳האָט געוויזן מיט די פינגער. „מאַמע, קום, זע, אַ יידישקע” — האָט אַ קליין מיידל גערופן איר מוטער, אָנווייזנדיק אויף מיר מיט דער האַנט, ווען כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען זייער הייזקע. איצט פאַרשטייסטו פאַרוואָס כ׳האָב דעמאָלט געוואָלט האָבן אַן אַנדערע נאָז? נישט צו זיין שענער, געוואָלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַנטלויפן פון זיך גופא, ווערן אויס איך, און דאָס־אָ — האָט זי געוויזן אויפן קרייץ אין קעראַמיק אויפן וואַנט — האָט געזאָלט מיר, מיין קינד העלפן אַנטלויפן. געוואָלט פאַרהיטן זי, זי זאָל קיינמאָל נישט... דעם קרייץ ביי איר און ביי זיך דאָ אויפגעהאנגען, ווען זי איז פיר יאָר אַלט געוואָרן, ווען ער האָט מיך פאַרלאָזן. ער האָט דאָס נישט געדאַרפט, ער האָט געהאַט זיין אַכצן־יעריקע סעקרעטאַרשע, זיינע באַשעפטיקונגען, געווען דאָס וואָס ער איז געווען; ווען זיי האָבןביידע געפונען דעם טויט אין דער אויטאָ־קאַטאַסטראָפע, האָב איך... ניין, ניין, נישט געוואָרן אַבערגלויביש, פאַרשטאַנען בלויז, אַז איך מוז איינע אַליין פאַרזאָרגן מיין קינד, באַוואָרענען זי. זי האָט נישט קיין טאַטן, קיין משפּחה, קיינעמען, זאָל זי כאָטש האָבן אים — האָט זי געוויזן אויפן געקרייציקטן גאָט. דו דאַרפסט דאָס פאַרשטיין, ביסט דאָס דורכגעגאַנגען, האָסט געליטן צוליב דעם זעלבן, דו איינע קאָנסט דאָס...

אָפּגעריסענע צווייגן

לענאַ האָט שוין לענגער נישט געקאָנט וואַרטן, האָט פאַרלוירן איבער זיך די קאָנטראָל, איבערגעריסן איר און אויסגעשריען:

— כ'האָב געליטן אומזיסט!

סטעפאַ האָט אויסגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר בייזע אויגן:

— נאָר דו אומזיסט? און איך? און אַלע אַנדערע?

— איר האָט געמוזט, יידן, איך אָבער...?

ביי סטעפאַן זענען די נערוון געווען אַנגעצויגן ווי סטרונעס, זי האָט איצט געקוקט אויף לענאַן מיט חידוש און שרעק, געקומען אַוועקנעמען איר רו, אַרויסרייסן איר סוד; אין האַרץ האָט אַ שטאָך געטאָן, זי האָט מיט פאַרביטערונג אַרויסגעשטאַמלט:

— איך האָב געמוזט און דו נישט?

— ניין!

זי האָט אויפגעכאַפּט סטעפאַס בייזע בליקן, די פאַרביטערטע גרי־מאַסע אויפן פּנים און אָנגעהויבן אין איילעניש:

— אַז דו לאָזט נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט, פאַרמאַכסט מיר כסדר דאָס מויל! מיט אַמאָל אַזוי באַרעדעוודיק געוואָרן. מיינסט, אַז נאָר ביי דיר אַליין... דו ווייסט כאָטש פאַרוואָס דו האָסט געליטן, אָבער איך?

— ביסט דאָך אַ יידישקע.

— כ'בין נישט! נישט געווען ווי דו.

— וואָס?!

— געדענקסט די מעשה מיטן גלח? ס'איז אמת געווען. דאָקטער קאַץ און זיין פרוי... מיינע יידישע עלטערן האָבן נישט געהאַט קיין קינדער. דער גלח האָט זיי באַזאָרגט מיט אַ קינד, אָנגעבאָטן צו אַדאָפּטירן אַ פאַר־וואָרלאָזט קינד. דאָס בין איך געווען.

— ביסט פון זינען אַראָפּ! וואָס רעדסטו?

— כ'רעד וואָס איך ווייס, דערוווּסט זיך אַלץ גענוי. איצט זעסטו, דו קאָנסט זיין אַ קריסטין, איך מוז ווייטער זיין אַ יידישקע. אין מיין מעטריקע, אין מיין פּאַספּאָרט מיין מיידלשער נאָמען, קאַץ... מיין פאָטער סאָלאָמאָן קאַץ, מיין מוטער סאַראַ. בלויז דערפאַר געווען דריטהאַלבן יאָר אין לאַ־גער; ווען כ'וואָלט כאָטש געקאָנט אָנשפּייען אין פּנים דעם דייטשן פּראָ־פעסאָר, דעם פון „ראַסן־אינסטיטוט".

— האָסט זיך קיינמאָל נישט אָנגעשטויסן?!

— ניין, קיינמאָל נישט, געווען זיכער אַז דער גלח האָט אויסגעטראַכט. געווען אַ גוטער מענטש, זייער באַפריינדעט געווען מיט מיין פאָטער. יאָ, יאָ, מיין פאָטער, דאָקטער קאַץ פאַרבלייבט מיין פאָטער, מיין מאַמע סאַראַ, זיי זענען מיינע עלטערן, און איך... פריער דאָס אַלץ נישט געמוזט, איצט מוז איך, איך וועל זיי נישט... און דו, דו...

זי האָט אַרויסגעוואָרפן די ווערטער ווי שטיינער, דאָס איבעריקע איז געבליבן שטעקן אין האַלדז, זי האָט געסאָפּעט ווי ס'וואָלט איר געשטיקט.

סטעפאַ האָט זי קיינמאָל אַזאַ נישט געזען. אַ צעטומלטע האָט זי געקוקט אויף איר מיט דערשראָקענע אויגן און אויסגעהערט מיט אַן אָפן מויל. זי האָט מער גאָרנישט געפרעגט. אַ שווייגעדיקע צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, אַ ווײַלע געקוקט ווי אַ לונאַטיקער, אויסגעצויגן, ווי אַן אויטאָמאַט די האַנט און אַראָפּגענומען דעם געקרייציקטן גאָט.

וואַרשע, יוני 1965

דער טעות

נאָכן הייסן, אָנגעגליטן יולי־טאָג, האָט דער הימל פּלוצלינג זיך פאַרוויקלט אין גרוי־שוואַרצע קנוילן און די קנוילן האָבן אָנגעהויבן וויר־בלען, דרייען זיך, אַראָפּלאָזן זיך נידעריקער און נידעריקער איבער דער אָנגעהיצטער ערד, ווי זיי וואָלטן געוואָלט זי איינשלינגען.

מאַיאַ בלום איז געשטאַנען אין דעם נאַכט־העמד ביים אָפענעם פענצטער און געיישובט זיך: פאַרמאַכן, צי נישט? זי האָט געוואָלט היינט זיך פרי לייגן, נאָר זי וועט נישט איינשלאָפן ביי אַ פאַרמאַכטן פענצטער נאָך אַזאַ טאָג, נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. מיטאָמאָל האָבן דורך די שוואַרצע וואָלקנס דורכגעקרייצט פייערדיקע פיילן און פאַרבלענדט איר די אויגן. אַ קנאַל נאָך אַ קנאַל האָט זי פאַרטויבט און אָפּגעשטויסן פון אָרט. זי איז מיט אימפעט צוריק צו צום פענצטער און פאַרמאַכט.

דער שטורעם מיטן רעגן האָבן געריסן שטיקער פון דער נאַכט. דער הימל האָט זיך צעוויגט, צעשטורעמט, געשפּאָלטן זיך, דאָ זיך אָנגעצונדן, דאָ ווידער שוואַרץ געוואָרן, אויסגעמישט זיך מיט דער פינצטערניש, און די פינצטערניש האָט געקלאַפּט מיט שוואַרצע פליגלען, אויסגעגאָסן דעם גאַנצן גרימצאָרן אויף דער ערד. גראַבע, געדיכטע טראָפּנס האָבן מיט רוג־זה געפּויקט אין די שויבן, דער ווינט האָט געוואָיעט, געשליידערט דעם רעגן, געשטופּט אין די שמאָלסטע שפּאַרונעס פון די פענצטער.

מאַיאַ האָט אַריינגעלייגט שטיקלעך וואַטע אין די אויערן און זיך איינגעגנורעט אין דער קאָלדרע. דאָס טראַסקעריי פון שטורעם האָט זיך דורכגעריסן דורך דער וואַטע, ווילד גערוישט אין די אויערן. די אויגן האָבן זיך איר געקלעפּט, נאָר דער שלאָף איז נישט געקומען. זי האָט קיינמאָל נישט פאַרטראָגן קיין שטורעם, בפרט ביינאַכט, אַזוי ווי איר מאַמע. זי פלעגט דאָס אויסבאַהאַלטן, די מאַמע אירע, זיך געוויצלט, אַז שדים האָבן זיך אויפגעהאנגען פאַר די האָר, דערפאַר ווילדעווען אַזוי די ווינטן; ווען זיי וועלן זיך האָבן אַלע אויפגעהאָנגען, וועט נעמען אַ סוף,

אַן עק צו דעם. געזאָגט האָט זי דאָס מיט אַ געלעכטערל, אָבער זי, מאַיקאַ, האָט געוווּסט, אַז די מאַמע האָט מורא פאַר בליצן און דונערן. פונדעסט־וועגן פלעגט איר לייכטער זיין איבערצוטראָגן דעם שטורעם לעבן דער מאַמען, זי פלעגט דעמאָלט אַריינקריכן צו איר אין בעט, פלעגן זיך טוליען איינע צו דער אַנדערער. „שלאָף מיין טעכטערל, מאַך די אויגן צו, שלאָף מיין קינד". דער מאַמעס ווערטער האָבן געגלעט, געצערטלט, איינגעשלע־פערט האָבן זיי נישט. זי האָט געהאַלטן די אויגן אָפן, געקוקט. דער מאַמעס פנים האָט זי געזען אפילו אין דער פינצטער... וואָסער פנים האָט זי געהאַט? אַזאַ... אוי ווי, איך קאָן זיך שוין נישט דער־מאָנען דער מאַמעס פנים! קיין איין פאָטאָגראַפיע נישט פאַרבליבן. פאַר־געסן ווי די מאַמע האָט אויסגעזען! ניין, ניין, איך דערמאָן זיך, כ׳זע דאָס פנים, אַ שמייכלדיקס, כ׳זע זי, זי קומט צוריק די מאַמע, אָט־אָט שוין לעבן מיר...

די מאַמע האָט צעשפּרייט די הענט, געוואָלט זי אַרומנעמען און נישט געקאָנט; הענט פון ווינט, איינגעהילט אין ווייסן טיול. אַ, דאָס פנים! אַ רויז, אַ ווייסע רויז, איצט אַ טוליפּ, ווידער אַ רויז, די מאַמע וויל זי אַרומנעמען און פליט אַוועק. וווּ פליט זי? זי וועט פליען מיט דער מאַמען, וועלן זיך ביידע אויסבאַהאַלטן!

מאַיאַ איז אַריינגעפאַלן אין אַ פוסטער אומענדלעכקייט. די זעאונ־גען זענען אויסגערונען.

דער שלאָף האָט אָנגעהויבן זיך רייסן, ווי מען וואָלט אים גע־טרייסלט, די לערקייט האָט זיך צעקלונגען, אין די אויגן האָט געבליצט ליכטיקייט. וווּ איז זי? וווּ? אין בעט? וואָס וועקט זי אַזוי? די דו־נערן און די בליצן? נישטאָ שוין קיין שטורעם. די זון אַ שטראַלנדיקע קוקט אַריין אין פענצטער. מאַיאַ שטרענגט אָן דאָס געהער: ס׳איז פון דער טיר, דאָרט קלינגט מען אַזוי שטאַרק. זי האָט פאַרוואָרפן דעם שלאָפראָק און געלאָפן עפענען.

— ווער?

— דאָ וווינט מאַיאַ בלום?

— יאָ, ווער?

— איך... אַן אייגענער, עפן מאַיאַ, מאַיקעלע, איך...

ס׳איז אַריין אַ פרוי פון אַן אומבאַשטימטן עלטער: אַ מיטלוווּקסיקע,

דער טעות

אין אַ לייכטן זומער־קאָסטיום, אויפֿן נידעריקן האַלדז אַ קאָפּ מיט פֿריש־געפֿאַרבטע, מעשענע האָר, אַן אומרואיק צעשמייכלט פּנים און צעטראָגענע, בלישטשנדיקע אויגן. די פֿרוי האָט מיט צעטומלטער פֿרייד אָנגעהויבן שטאַמלען:

— מאַיקאַ? מאַיקאַ בלום פֿון...?

— יאָ, כ׳בין מאַיאַ בלום.

די אָרייִנגעקומענע האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, די טרערן איז האַלדז האָבן מער נישט געלאָזט אַרויסברענגען קיין וואָרט. זי האָט פֿאַר־וואָרפֿן ביידע אָרעמס אויף מאַיקעס האַלדז און סילאַביזירט: מאַי־קעע, מאַ־אַ־יאַאַ, טעכ־טע־רל.

ביי דער 29־יעריקער מאַיאַ האָט דער שלאָף נאָך געשטעקט אין אַלע אבֿרים. דער שטורעם ביינאַכט האָט זי צענומען. איר מוח איז נאָך געווען אויף דער גרענעץ צווישן חלום און וואָר. דאָס אויסזען פֿון דער פֿרעמדער פֿרוי, דאָס אַרויפֿוואַרפֿן זיך אויף איר מיט צערטלעכקייטן האָט זי צע־מישט. זי האָט זיך אַ רגע געוואַקלט, געעפֿנט דאָס מויל צו רופֿן הילף. נאָר זי האָט זיך אָנגעטראָפֿן מיט די אויגן פֿון דער אומבאַקאַנטער, זיי זענען געווען איבערפֿולט מיט טרערן און האָבן געפֿלאַמט מיט ליבשאַפֿט. מאַיאַ האָט נישט געשריִען, נאָר אַ דערשראָקענע געפֿרעגט:

— ווער זענט איר? וואָס ווילט איר פֿון מיר?

איידער ס׳איז געקומען אַן ענטפֿער, האָט אין מוח אויפֿגעבליצט אַ געדאַנק: „עפּעס אַן אומגליקלעכע האָט צו איר פֿאַרבלאָנדזשעט, מסתּמא אַן אומנאָרמאַלע".

יענע האָט געקוקט אויף איר און איבער אירע באַקן האָבן זיך גע־קייקלט טרערן, די צונג האָט זיך אָנגעהויבן ביי איר פּלאָנטערן:

— מאַיקאַ, מאַיקעלע, איך... איך הייס פּייגע בלום, פּייגע... גע־דענקסט נישט דעם נאָמען? דיין מאַמע, דערקענסט נישט? אַזוי לאַנג געזוכט, אַלט געוואָרן, און דו, אַזאַ דערוואַקסענע, נאָר איך דערקען. אַזוי אומגעריכט! געכאַפּט דעם אַדרעס און געלאָפֿן צום צוג; מאַיקעלע, לעבסט!

מאַיאַ בלום האָט זיך געשאַרט אויף צוריק אין צימער, מורא געהאַט זיך אויסצודרייען מיט דער פּלייצע צו דער פֿרוי, יענע זאָל איר מיט עפּעס נישט דערלאַנגען אין קאָפּ. זי האָט נערוועז אויפֿגעפּראַלט דאָס פֿענצטער און מיט צעשראָקענע אויגן געכאַפּט אַ קוק אין דרויסן.

די אומבאַקאַנטע איז פּאַמעלעך נאָכגעגאַנגען אין צימער, געקוקט מיט געבעט אויף איר צעשראָקן פּנים, אַרויסגענומען אַ נאָז־טיכל, אויס־

אַפּגעריסענע צווייגן

געווישט די אויגן און מיט אַן אויפגעצוווּנגענער רואיקייט און ציטער־דיקער שטים גערעדט ווי צו אַ קראַנק קינד, וואָס די מאַמע וויל איינגע־מען מיט גוטע רייד.

— מאַיקעלע, פאַרוואָס האָסטו מורא פאַר דער מאַמע? אַנטלויף נישט פון מיר, אַזוי לאַנג דיך געזוכט, דיך, די מומע לאה, געדענקסט, ווי כ׳האָב דיך געלאָזן ביי דער מומע לאה? וואָס איז מיט איר געוואָרן? ניין, ווייסט נישט, דערמאָנסט זיך גאָרנישט...?

ביי מאַיקען האָט זיך דאָס האַרץ שיער נישט אָפּגעריסן, די ווערטער פון דער אומבאַקאַנטער האָבן איר אין עפּעס דערמאָנט, איבערגעטראָגן אין כף הקלע. אַזעלכע ווערטער האָט זי דאָרט געהאַט געהערט, אַן ענ־לעכע שטים, יענע דאָרט האָט אויך אַזוי מיסטעריעז גערעדט, אויף יעדן קינד האָט זי געזאָגט: „ס׳איז מיין קינד, גיט מיר אָפּ מיין קינד”! ווי אַזוי איז די־אָ אַראָפּ פון זינען? פון וואַנען האָט זי זיך אהער גענומען?

די אומבאַקאַנטע האָט דערווייל פאַרזיכטיק געמאַכט אַ טריט צום קיילעכדיקן טישל, אַראָפּגעלאָזט זיך אויף דער שטול און געקוקט מיט ליבשאַפט און רחמנות אויף מאַיאַן, די ליפּן האָבן זיך ביי איר באַוועגט, ווי זי וואָלט רחמים געבעטן. וואָס איז געוואָרן פון איר קינד?

זי האָט געקוקט אַ פאַרשטומטע, נאָר די פאַרטרערטע אויגן האָבן געבעטן.

ביי מאַיאַן איז די שרעק פאַרשוווּנדן. וואָס האָט זי מורא צו האָבן פאַר אַזאַ אומגליקלעכע? ווי אַזוי האָט זי אָבער אהער פאַרבלאָנקעט?

— פון וואַנען קענט איר מיך?

— ביסט דאָך מאַיאַ בלום, איך בין פייגע בלום, דיין מאַמע.

— איך האָב נישט קיין מאַמע.

— איצט האָסטו שוין, דערמאָן זיך, ביסט דאָך שוין געווען אַ גרויס מיידל, געדענקסט נישט? ביסט געבליבן ביי דער מומע לאה, מיך האָט מען אַרויסגעפירט, כ׳בין צוריקגעקומען, געזוכט דיך, דו מסתמא מיך אויך, איצט האָסטו צוריק דיין מאַמע.

— איך האָב נישט קיין מאַמע, זי איז פון לאַנג געשטאָרבן.

— קינד מיינס, איך בין נישט געשטאָרבן, זעסט דאָך, איך לעב, מ׳האָט דיר געזאָגט כ׳בין אומגעקומען, האַ? איך בין לעבן געבליבן.

— מיין מאַמע איז געשטאָרבן אויף מיינע אויגן, כ׳בין געזעסן ביי איר בעט ביז זי איז אויסגעגאַנגען, אין געטאָ...

דער טעות

די אומבאַקאַנטע האָט אָנגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר אויגן, טרוקענע שוין, ווי די טרערן וואָלטן מיט איינמאָל אויסגעטרוקנט:

— האָסט אָנגעגעבן, אַז ביסט מאַיאַ בלום, געבוירן דעם 5־טן מאַי, ..191, צי נישט אַזוי?

מאַיאַ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, דערנאָך מעכאַניש איבערגע־חזרט:

— מאַיאַ בלום, געבוירן דעם 5־טן מאַי, ...191.

אין יענערס אויגן האָט זיך צוריק אָנגעצונדן אַ פייערל, אירע ווער־טער זענען געוואָרן הייטערער:

— זעסטו, ס'איז געווען אַזוי, דערפאַר האָבן מיר דיר אַ נאָמען גע־געבן מאַיאַ, אין מאַי געבוירן, דו ביסט מאַיאַ בלום, און איך פייגע בלום, דיין מאַמע.

— איר קאָנט נישט זיין מיין מאַמע, מיין מאַמע איז געשטאָרבן אין געטאָ.

דאָס פייערל אין יענערס אויגן האָט זיך אויסגעלאָשן, די שטימע האָט פאַרלוירן די פריערדיקע הייטערקייט, די ווערטער זענען געקומען פון ערגעץ טיף:

— איך לעב דאָך! האָסט געמיינט, אַז איך... איצט זעסטו אַליין.

ביי מאַיאַן האָט זיך ווידער דאָס האַרץ פאַרקלעמט, איבערגעטראָגן זיך ווידער ערגעץ ווייט. ווי אַזוי זאָל זי דער אומגליקלעכער געבן צו פאַרשטיין, אַז אַ טעות! זעט אויס אינגאַנצן אַ נאָרמאַלער מענטש, מס־תמא באַשטייט איר קרענק אין אַן איינרעדעניש, אַזוי ווי ביי יענער מאַ־מע אין געטאָ.

די פרוי איז איצט געזעסן שטיל, אָבער נישט אָפּגעריסן די אויגן פון מאַיאַן, זיי זענען ווידער נאָס געוואָרן און אַרויסגעקוקט האָט פון זיי אומעט און געטריישאַפט, אַזאַ געטריישאַפט, וואָס קוקט אַרויס פון אויגן ביי אַ הונט; ער וועט נישט פאַרלאָזן, וועט נישט פאַרראַטן, אפילו ווען מען טרייבט אים אָפּ.

מאַיאַ האָט געקוקט אויף דער אומבאַקאַנטער פרוי, אויף איר פאַר־גליווערט פּנים און אויך געשוויגן. וואָס זאָל זי איר נאָך זאָגן? ווי אַזוי אַרויסשלאָגן דער אומגליקלעכער פון קאָפּ איר איינרעדעניש? ווי אַזוי איר אויפווייזן, אַז איר מאַמע איז מיט 18 יאָר צוריק געשטאָרבן? צי האָט זי אָבער אַמאָל אַליין נישט פאַרקאַכט די גאַנצע קאַשע? זאָל זי נאָר אויספרעגן ווי אַזוי זי האָט אַהער געטראָפן.

אפגעריסענע צווייגן

די אומבאַקאַנטע האָט אויסגעהערט די פראַגן און אויף ס׳ניי אָנ־געהויבן קלאָר מאַכן די זאַך; דאָס מאָל מיט מער פּרטים:

— האָסט אַליין אָנגעגעבן אין רויטן קרייץ, אין דער רשימה שטייט שוואַרץ אויף ווייס: „מאַיאַ בלום, געבוירן דעם 5־טן מאַי... די טאָכטער פון פייגע בלום, זוכט משפּחה...״ ס׳האָט מיך נאָר געוווּנדערט וואָס דו האָסט נישט אָנגעגעבן דעם נאָמען פון טאַטן, געדענקסט דעם טאַטן? דיינע צוויי ברידערלעך? ניין?

— כ׳האָב נישט קיין טאַטן, נישט קיין ברידער.

— האָסט נישט, אָבער האָסט געהאַט...

— כ׳האָב מיין טאַטן נישט געקענט.

ביי דער אומבאַקאַנטער האָט זיך דאָס פּנים צעקרימט, ווי מ׳וואָלט איר דערלאַנגט צום מויל עפּעס אַ ביטערניש, און אויס מורא פאַרן בי־טערניש עפנט זי מער נישט דאָס מויל. מאַיאַ האָט זיך מער נישט געשראָקן פאַר דער פרעמדער, געאײַלט זיך אויפצופּלאָנטערן דעם פּלאָנ־טער ביזן סוף און דערמיט, נישט ווילנדיק, אונטערגעטראָגן אַ נייע פּאָר־ציע ביטערניש:

— ער איז געשטאָרבן מיין טאַטע, ווען איך בין צוויי יאָר אַלט גע־ווען, און די מאַמע מיינע — כ׳בין 11 יאָר אַלט געווען, ווען זי איז געשטאָרבן אין געטאָ, פון טיפוס, דערנאָך בין איך... איר האָט, ליבע פרוי, אַ טעות.

— אַ טעות?! — האָט זי אויסגעשריען און זיך אויפגעריסן פון שטול — דו הייסט פאַרט מאַיאַ בלום און איך פייגע בלום, ס׳שטייט שוואַרץ אויף ווייס, ס׳שטייט...

טרערן האָבן אָנגעהויבן זי ווערגן, איבערגעריסן די געדיכטע רייד. מאַיאַ האָט זיך געפילט טאָפּלט שולדיק, אַריינגעפּירט אַן אומגליקלעכע מאַמע אין אַ טעות. דערצו נאָך חושד געווען זי. זי האָט געוואָלט זיך אַנטשולדיקן, אויפקלערן, נאָר די צונג האָט זיך איר קוים געדרייט אין מויל:

— מיין מאַמע האָט געהאַט משפּחה, כ׳האָב געדענקט, אַז אין אויס־לאַנד זענען געווען קרובים. ערשט איצט נישט לאַנג צום ערשטן מאָל אָנ־געגעבן אין רויטן קרייץ, אפשר וועט זיך ווער אָפּרופן, אָבער אייער נאָ־מען, מיין נאָמען, דאָס איבעריקע — אַ ריינער צופאַל.

די אומבאַקאַנטע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול ווי די

דער טעות

קניען וואַלטן זיך ביי איר אונטערגעבראָכן, מיט אַן אָפּן מויל און אויס־געגלאָצטע אויגן האָט זי זיך אויף ס׳ניי איינגעקוקט אין מאַיאַן, געזוכט, געגנישטערט אין איר פּנים, שווייגנדיק געוואַרט, אפשר וועט יענע אָפּ־לייקענען דאָס אַקאַרשט געזאָגטע.

מאַיאַן איז שווער געווען אויסצוהאַלטן אירע בליקן, זיי האָבן זיך מיט שאַרפן ווייטיק אַריינגעביסן אין איר לייב. ווער איז זי אין דער אמתן, די וואָס האָט געגלויבט צו האָבן אָפּגעפונען איר טאָכטער? זי האָט געוואָלט פרעגן און נישט געפרעגט, ס׳וועט זיין אַן אַ סוף, ווער ווייסט וואָס זי קאָן איר נאָך אָנדערציילן! מ׳דאַרף פאַרענדיקן:

— איך באַדויער, אונדזערע נעמען — אַ ריינער צופאַל, איך וואָלט אויך צופרידן געווען צו האָבן... פאַרפאַלן, אַ טעות.

ערשט איצט איז די פּרוי צו זיך געקומען, אויפגעשטעלט זיך און מיט אַ געבראָכענער שטים איבערגעחזרט:

— אַ טעות, כ׳זע שוין, כ׳זע שוין, אַ טעות.

גיט אַן עצה

אַנגעהויבן האָט זיך דאָס פון אַ האָבער־גריץ,כ׳מיין די איצטיקע געשיכטע; כ׳זאָל וועלן אַלץ דערציילן פון סאַמע אָנהויב, וואָלט איר זיך געדאַרפט גוט אונטערגאַרטלען אויסצוהערן, וואָרעם ס׳איז אַ לאַנגע, טרוי־עריקע געשיכטע מיט אַ סך אָנהייבן און קיין סוף זעט מען נאָך אַלץ נישט. נאָר איידער כ׳וועל צוקומען צו דער האָבער־גריץ מוז איך אייך דערציילן ווי אַזוי ס׳איז דערגאַנגען, אַז אַ פרעמדע פרוי זאָל דאַרפן מיר ברענגען צו טראָגן אַ גריץ אין אַ וואָרעם־פלאַש.

כ׳בין אַ מענטש וואָס האָט צו טאָן מיטן מאָגן. ס׳זאָגט זיך אַזוי לייכט מאָגן, אַז בסך־הכל האָב איך אַ שטיקל מאָגן, אַ האַלבן, צי בלויז אַ דריטל, כ׳קאָן נישט דערגיין ביי די דאָקטוירים וויפל זיי האָבן אויס־געשניטן. געזאָגט האָבן זיי מ׳דאַרף אויסשניידן די געשווירן, דערנאָך — די געשווירן מיט אַ שטיקל מאָגן, האָב איך זיך געטראַכט: אַ כפרה אַ שטיקל מאָגן, אַבי פּטור ווערן פון די געשווירן.

אומזיסט-אומנישט מקריב געווען דאָס שטיקל מאָגן! ס׳האָט נישט גענומען קיין סך צייט און ווידער געשווירן, מ׳דאַרף ווידער שניידן. פרעג איך דעם דאָקטער: ווי קומט, וואָס מ׳האָט זיי אויסגעשניטן און זעבען ווידער דאָ די געשווירן? ענטפערט ער, אַז ס׳געשעט אַמאָל אַזוי. פרעג איך צי ס׳וועלן איצט נאָכן אויסשניידן ווידער נישט אָנוואַקסן קיין נייע? ענטפערט ער, אַז ער איז נישט קיין גאָט. פרעג איך: איז צו וואָס דאָס שניידן, אַז ס׳וואַקסט צוריק אָן? זאָגט ער, מ׳מוז היילן די נערוון. איר פאַרשטייט, ביי מיר וואַקסן אויס אַלע מאָל נייע געשווירן אויפן מאָגן און ער די נערוון. און אַז די נערוון איז צו וואָס שניידן שטיקער פון מאָגן? נאָר גייט שרייט חי וקים, אַז איר זענט אין זייערע הענט.

הכלל, מ׳האָט צום צווייטן מאָל אויסגעשניטן געשווירן מיט אַ שטיקל מאָגן און איך ליג ווידער אויף אַ שפּיטאָל־בעטל. דאַרף איך אייך זאָגן ווי ביטער ס׳איז אויפן האַרץ, ווען מען ליגט אין שפּיטאָל און ס׳איז נישטאָ

קיין ווייב, קיין קינד, קיין רינד ? ליג און טראַכט זיך : ווען מיין דבור־רהלע וואָלט געלעבט ! ראשית וואָלט דערצו נישט דערגאַנגען, געהאַט אַמאָל אַן אייזערנעם מאָגן, זי, מיין דבורהלע, פלעגט לאַכן : „טשוועקעס וואָלסטו אויך פאַרדייט". פון וואַנען ס'האָבן זיך גענומען געשווירן אויף אַזאַ אייזערנעם מאָגן, פאַרשטיי איך נישט. נאָר וואָס איז דאָ אָריינצוטראַכן ? אַז זיי זענען דאָ, איז מען גוט אין פּעקל.

הכלל, איך ליג מיר אַזוי אויפן שפּיטאָל־בעטל אין געהאַקטע צרות, ווי מען לייגט אַוועק אַ פּאַציענט לעבן מיר, אויך אַן אָפּערירטער — די בלינדע קישקע. וואָס זאָל איך אייך זאָגן, דער נייער שכן האָט מיך פּשוט ביים לעבן דערהאַלטן. אַ פיינער מענטש, נישט קיין ייד, נאָר ווי אַן אייגענער — פרעגט זיך אויס וואָס און ווען, דערציילט וועגן זיך, אַז די צייט גייט אַריבער שנעלער, אַז איר האָט פאַר וועמען צו דערציילן וואָס ס'טוט אייך וויי.

רעדן איז אַ מענטשלעכע זאַך, מיט דעם שיידן מיר זיך אָפּ פון אַ חיה. און אַ בהמה, להבדיל, מוז אויך פון צייט צו צייט אַ מרוקע טאָן צו אַ צווייטער בהמה. אַ מענטש גויטיקט זיך אין אַ מענטשלעך וואָרט. מיט מיין שכן פון לינקס איז דאָס געווען אַזוי, ווי אַ וואַנט וואָלט געשטאַנען צווישן אונדז. מיט דעם־אַ זיך צונויפגערעדט באַלד פון אָנהייב — פריער וועגן די קראַנקייטן, די דאָקטוירים, פון וואָרט צו וואָרט איז מען אַרויפגעקומען אויף די משפּחות. — אַ ווייב, קינדער פאַראַן ביי דיר ? — פרעגט ער. דערצייל איך, וואָס האָב איך אויסצוּבאַהאַלטן ? געווען אי אַ ווייב אַ ברילִיאַנט, אי אַ טעכטערל, אי אַ גרויסע משפּחה, נישט געבליבן קיינער, דערשאָסן געוואָרן כמעט אויף מיינע אויגן.

און שוין, ווייטער נישט. צו וואָס זאָל איך אים דערציילן ווי איך בין ביינאַכט אַרויס פון בונקער נאָך וואַסער און פון דער ווייטנס געזען ווי אַ היימישער אויסוואָרף האָט צוגעפירט די דייטשן צום שטאָל און זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט אַ צוואַנציק נפשות ? ראשית קאָן דאָס אים פאַרדריסן, והשנית, אַ קראַנקן דערציילט מע נישט אַזעלכע זאַכן, והשלישית, אַז מ'האָט בלויז אַ שטיקל מאָגן איז קראַנטער וואָס ווייניקער דערוועגן צו רעדן.

האָב איך פאַרקערעוועט דעם שמועס און אים אַ פרעג געטאָן : דו האָסט אויך נישט קיין ווייב ? — יאָ, ענטפערט ער, נאָר זי איז נישט הי, געפאָרן אויף אַ לוסט־רייזע קיין ישראל, אַ ווייטע קרובה האָט זיך

אָפּגעפּונען און איינגעלאָדן זי. פאַרשטיי איך דאָך, אַז אַ יידישע דאָס ווייב זיינס, און גיב ווייטער אַ פרעג צי פאַראַן קינדער ביי זיי; און ער רעדט זיך אויך אַראָפּ פון האַרץ — דאָס ווייב האָט לאַנג געקרענקט, אויך צוליב יענע צייטן, געווען צוויי מאָל אָפּערירט, געבוירן אַ טויט קינד, שיער נישט פון דער וועלט געגאַנגען, אָבער זיך אַרויסגעקאָראָסקעט, און אַ ווויל ווייב.

הכלל, וואָס זאָל איך אייך לאַנג ציען, מיר האָבן יעדן טאָג אויסדערציילט איינער פאַרן אַנדערן, איך וועגן מיין אַרבעט אין שניידער־קאָאָפּעראַטיוו, ער וועגן זיין אַרבעט אויף דער פּאָסט — אַ פּאָסט־אַנגעשטעלטער איז ער — און געוואָרן גוטע פריינט. אַז ער איז אַרויס פון שפּיטאָל האָט ער מיר צוגעזאָגט מיר אָפּצושטאָטן אַ וויזיט ביי מיר אין שטוב, ער וועט זיך דאַרפן לאָזן נייען אַן אַנצוג, אפשר וועל איך אים קאָנען באַהילפיק זיין. פאַרוואָס דען נישט? מיטן שענסטן פאַרגעניגן.

נו, איז ער געקומען צו מיר אין שטוב, געבראַכט צוויי פּאָמעראַנצן, וואָס דאָס ווייב האָט מיטגעבראַכט פון ישראל. באַדאַנק איך אים גאַנץ שיין און מאַך מיר אַ שפּאַס: ווען דו וואָלסט מיר אַנשטאָט די פּאָמעראַנצן געבראַכט אַ גוטע האָבער־גריץ! און דערצייל אים מיינע צרות, וואָס כ׳האָב מיט דער דיעטע. דערווייל קעכלט מיר נאָך די אַלטע הויזווערטערין, מאַכט זי מיר האָבער־גריצן אַז ס׳גייט מיר איבער די גרינגע גאָל. איך בעט זיך ביי איר זי זאָל נישט זשאַלעווען קיין ביסל וואַסער, דער דאָקטער האָט פאַראָרדנט ס׳זאָל זיין קלייאיק, זאָל זי לאָזן גוט צעקאָכן די האָבער־גרויפּן. זאָגט זי: „ס׳זענען דען האָבער־גרויפּן? זיי שרייבן נאָר אַזוי אַן אויפן שאַכטל, מאַלן אויס אַ האָבער־זאַנג, אָבער פון קיין האָבער איז דאָס נישט, קאָך און קאָך און ס׳צעקאָכט זיך נישט, שטיינדלעך". טענה איך צו איר: וואָס הייסט נישט פון האָבער? זאָגט זי: ניין, נישט פון האָבער, דעם האָבער דאַרפן זיי פאַר די פערד, די האָבער־גרויפּן מאַכן זיי פון עפּעס אַנדערש, דערפאַר אַזוי האַרט. שפּאַר איך זיך מיט איר: נישט מעגלעך מ׳זאָל אַוועקגעבן די פערד דעם גאַנצן האָבער און נישט לאָזן פאַר מענטשן אויף גרויפּן. דער דאָקטער זאָגט בפירוש אַן, קליי פון האָבער־גרויפּן. זאָגט זי: די פערד זענען בילכער. פרעג איך פאַרוואָס בילכער? ענטפערט זי: מענטשן פאַראַן ביי אונדז מער ווי 30 מיליאָן, און פערד קוים דריי מיליאָן, מוז די מאַכט פריער זאָרגן פאַר די פערד. אַ פערד, זאָגט זי, קאָן מען נישט אָפּנאַרן, אַז מע וועט אים נישט געבן וואָס ס׳קומט אים, וועט ער, זאָגט זי, נישט ציען

דעם פּלוג, אויב באַקומט ער נישט זיין פּאַרציע האָבער, וועט ער נישט שלעפּן דעם וואָגן, אָבער אַ מענטש מוז באַשטיין אויף אַלעמען. הכלל, איך קאָן נישט דערגיין מיט מיין אַלטער הויז־וועכטערין צו קיין טאָלק, אמתע צי נישט אמתע האָבער־גרויפּן, נאָר די גריץ טויג אויף כּפּרות, אַ פּערד וואָלט דאָס אין מויל נישט גענומען, און מיין שטיקל מאָגן נויטיקט זיך ווי ס'לעבן אין אַ קלייאיקע האָבער־גריץ.

ווי איך דערצייל אים אַזוי מיינע צרות מיט דער דיעטע, טוט ער אַ זאָג: ווייסטו וואָס, מיין ווייב קומט מאָרגן אין שטאָט — זיי ווינען הינטער דער שטאָט — וועט זי דיר ברענגען אמתע האָבער־גרויפּן, פאַר איין וועגס וועט זי דיר מיטברענגען אין אַ וואַרעם־פלאַש אַ האָבער־גריץ וועסטו דיך מחיה זיין, וואָרעם מיין ווייב איז אַ בריה אויף קאָכן וואָס אַזאַ דאַרף מען לאַנג זוכן. באַדאַנק איך אים נאָכאַמאָל, זאָג אים זיין ווייב זאָל זיך נישט מטריח זיין, נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג און איך וועל שוין אַליין זיך נעמען צו מיין דיעטע.

אַז מיר האָבן זיך אַפּגעזעגנט בין איך געבליבן ליגן אויפן בעט און זיך געטראַכט: אַ פיינער מענטש, נאָר וואָס קאָן ער מ'שטיינס געזאָגט מיר העלפן? ס'וואָלט געווען אַן אייגן ווייב, וואָלט געווען אַ גוטע האָבער־גריץ אפילו פון שלעכטע גרויפּן. וואָלט דער ימח שמו היטלער מיין דבורהלע נישט אומגעבראַכט וואָלט איך באַלד נישט דערגאַנגען דער־צו מ'זאָל דאַרפן שניידן שטיקער פון מיין מאָגן. אַזוי טראַכטנדיק האָט מיר אָנגעכאַפּט אַ שטיקעניש אין האַלדז און אַ בענקעניש אין האַרצן כאַטש נעם גראָב זיך אויס אַ גרוב און באַגראָב זיך לעבעדיקערהייט. נאָר אַ מענטש איז דאָך שטאַרקער פון אייזן און וויל פאַרט לעבן, בין איך אי־בערגעקומען די שווערע מינוטן. די הויז־וועכטערין האָט ווידער צוגע־גרייט אַ גריץ, אַ קאַרטאָפל־פּיורע און נאָך עפּעס וואָס דער דאָקטער האָט געהייסן; דאָס מאָל האָט עס יאָ געהאַט אַ שטיקל יידישן טעם, און ס'איז מיר אַרויס פון זינען דער וויזיט פון שפּיטאָל־פריינט.

אויף צומאָרגנס נאָך מיטאָג ליג איך אַזוי אין שטוב־ראָק אויפן בעט און צווינג זיך איינצושלאָפן. כאַפּן אַ דרימל נאָך מיטאָג איז פאַר מיר אַן אבן־טוב. קריכן אָבער פונקט געדאַנקען אין קאָפּ און לאָזן נישט איינ־דרימלען. דער זייגער אויפן בעט־שענקעלע שלאָגט אויס כסדר טיק־טאָק, טיק־טאָק, און מיר קומט אויס ווי דער טיק־טאָק וואָלט אויסגע־וועבט אַ שפּינוועבס פון דער צייט, און דאָס שפּינוועבס וויקלט מיך אַרום אַלע מאָל מער, ס'וועט מיך איינגיכן דערשטיקן. אין דעם הער איך ווי

דורכן שלאָף אַ קלאַפּ אין טיר. זאָג איך שטיל „אַריין" און ליג מיר ווייטער מיט פאַרמאַכטע אויגן. מסתמא די הויז־וועכטערין, בעסער זיך מאַכן געפּגרט, אַז איך האַלט שוין אין איינדרימלען וועט זי מיר נישט פאַרקלאַפּן דעם קאָפּ. איך הער זיך איין, עמעצער איז אַריין און גאַרנישט, מער קיין שאָרך נישט. איך מאַך אויף די אויגן, ס'הויבט מיר אָן שווינדלען אין קאָפּ, די שטוב הויבט זיך אָן דרייען אין אַ קאַראַהאָד, נאָר זי דבורהלע שטייט אויף איין אָרט, ווי ס'וואָלט זי צוגעשמידט. איך קוק און וויל זיך נישט גלויבן — דבורהלע צי נישט? ! נישט די זעלבע און די זעלבע, און בלאַס ווי די וואַנט, די אויגן אויסגעגלאָצט אויף מיר. תחית־המתים אויפגעשטאַנען? כ'בין נישט קיין גלויביקער, נאָר ווען מען וואָלט מיר אין דער מינוט געזאָגט, אַז משיח איז געקומען און די טויטע זענען לעבעדיק געוואָרן, וואָלט איך געגלויבט.כ'וואָלט אפילו געגלויבט, אַז כ'האָב אין שלאָף געהערט בלאָזן שופר של משיח.

הכלל, איך קוק אויף איר, זי קוקט אויף מיר,ביידע איז אונדז אָפּגענומען דאָס לשון, ביז ס'האָט זיך מיר אַרויסגעריסן אַ געשריי: דבורהלע, דאָס ביסטו? ס'איז איר אַרויסגעפאַלן פון האַנט דאָס קוישל מיט דער וואָרעם־פלאַש גריץ, מיטן שאַכטל האָבער־גרויפּן, ס'האָט אַ טראַסק געגעבן אויפן דיל און זי ווי אַ לעבעדיקער מת. אַ מענטש אין אַזעלכע מינוטן פאַרלירט אינגאַנצן דעם שכל, כ'האָב אַ פרעג געטאָן: דבורהלע, מ'האָט דיך דעמאָלט נישט דערשאָסן, דיך און דינהלען? זי איז ערשט איצט צו זיך געקומען, אויפגעמאַכט פריער דאָס מויל, ווי אַ פיש, וואָס מ'וואָרפט אַרויס אויף דער טרוקעניש, דערנאָך אַ געשריי געטאָן: דוד, דו לעבסט! און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

פרעגט נישט וואָס ס'איז ווייטער געווען, ס'האָט לאַנג געדויערט ביז כ'האָב פאַרשטאַנען פון אירע רייד, אַז דערשאָסן געוואָרן איז אונדזער דינהלע, איר, דבורהלען האָט די קויל געטראָפן בלויז אין אַקסל, זי האָט געהאַלטן דאָס קינד אין אירע אָרעמס, צוגעדריקט מיטן קעפּל צום אַקסל. פאַרטאָג האָט זי זיך אויפגעהויבן און געלאָפן מיטן וואַלד, שיער פון בלוט נישט אָפּגעגאַנגען. דער־אַ האָט זי געפונען ליגן אָן כוחות. דעם זעלבן פרימאָרגן איז ער געגאַנגען מיט אַ וועגעלע גנבענען האָלץ אין וואַלד, געבראַכט זי צופירן אויפן וועגעלע, אַזוי פאַרדעקט געווען מיט געוויקסן און צווייגן, אַז זי איז שיער נישט דערשטיקט געוואָרן. קיין ספק נישט געווען ביי איר, אַז איך בין דערשאָסן געוואָרן, אין בונקער האָבן זיי געהערט, ווי הינטערן שטאָל האָט מען אויסגעשאָסן. ווי האָט איר געקאָנט

איינפאַלן, אַז כ׳האָב זיך געראַטעוועט די זעלבע נאַכט מיטן זעלבן וואַלד? און דערנאָך זיך אויסבאַהאַלטן אונטער אַן אַנדערן נאָמען און פאַרבליבן מיטן געענדערטן נאָמען?

נו, דאַרף מען בעסער ווי ווען מאַן און ווייב געפינען זיך אָפּ נאָך קאַרגע צוויי צענטליק יאָר? נאָכדעם ווי איינער דעם אַנדערן האָט אי באַוויינט, אי נישט געקאָנט אַרויסרייסן פון האַרץ? איז מאָלט אייך אויס, אַז ס׳האָט זיך אַנגעהויבן אויף ס׳ניי די אמתע שוואַרץ־חתונה. מיין דבור־רהלע האָט חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל נישט זייענדיק קיין אלמנה, האָט זי איצט אַזוי גוט ווי צוויי געזעצלעכע מענער, וואָלט זי געדאַרפט כאַטש מיט איינעם זיך גטן, אפשר מיטביידע און אויף ס׳ניי חתונה האָבן. נאָר דאָס איז אַ האַלבע צרה; וואָס מיר געזעץ, אַז מיין נאָמען איז נישט קיין געזעצלעכער, אַז כ׳האָב שוין ביז איצט נישט אַנגענומען זיך מיט כוח אומצוקערן זיך צום יידישן נאָמען, מוז שוין בלייבן. — געטראַכט זיך׳ אַז אפשר וועט לייכטער זיין צו לעבן מיטן געענדערטן נאָמען. הכלל, מיטן געזעץ וואָלט מען ווי נישט איז דורכגעקומען. מיין ווייבס מאַן אָבער איז אַרויס מיט אַ ויצעקו: פאַרוואָס ווילסטו מיר צו־נעמען מיין ווייב? מיט וואָס איז זי מער דיינע ווי מיינע? דו האָסט מיט איר געלעבט בלויז אַ 6 יאָר — דאָס וואָס מיר קענען זיך פון קינד־ווייז אָן רעכנט ער נישט — און איך כמעט צוואַנציק יאָר! ווו איז יושר? איך בין שוין, זאָגט ער, נאָענט צו די זעכציקער, ווו וועל איך איצט געפינען אַ ווייב? דו האָסט זיך שוין אָפּגעוווינט פון איר, רעדט ער מיר איין׳ ביסט יינגער פון מיר, וועסט קריגן אַן אַנדער ווייב.

זאָג איך אים: דיין חשבון שטימט און פאָרט איז נישט אַזוי ווי דו חשבונסט אויס, נאָר ווייסטו וואָס, זאָל זי אַליין, פעליציע — אַזוי הייסט היינט מיין ווייב — אויסקלייבן צווישן אונדז, זאָגסט זי לעבט גליקלעך מיט דיר, וועט זי דאָך וועלן בלייבן מיט דיר.

גייט ער איין, ס׳בלייבט, אַז מיין דבורהלע קלייבט אויס איינעם פון אונדז ביידע. און דאָ הויבט זיך אָן אַ נייע שוואַרץ־חתונה: מיין דבורה־לע וויינט און קלאָגט, אַז דאָס האַרץ ווערט צעריסן. ווי גיך יענער גייט אַוועק צו דער אַרבעט, קומט זי אָן זיין וויסן צעפלויגן צו מיר: כ׳בין דאָרט מיט אים און דאָס האַרץ איז דאָ, דו ביסט דאָך מיין מאַן כדת משה, דער פאָטער פון מיין דינהלען. נו, זאָג איך, קומט דאָך מיר די בכו־רה. וויינט זי ווייטער און פרעגט: ווי אַזוי איצט אים פאַרלאָזן? גע־ראַטעוועט מיר דאָס לעבן, איינגעשטעלט דאָס אייגענע לעבן, ער זאָגט

גיט אַן עצה

ער וועט אַן מיר אונטערגיין. נו, זאָג איך איר מיט אַ צעריסן האַרץ, היטלער ימח שמו האָט אונדז צעשיידט און ס׳מוז שוין אַזוי בלייבן.

ברעכט זי ווידער אויס אין א געוויין, פאַרשטעלט דאָס פּנים מיטביידע הענט און שעפּטשעט: דוד, דוד, ווי קאָנסטו אַזוי, איך בין אויך איינזאַם, געלעבט מיט דערינערונגען וועגן דינהלען, וועגן דיר, נישט געקאָנט אייך פאַרגעסן, איצט אַז דו לעבסט, איינער אַליין, כ׳קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען.

דאָס האַרץ צעגייט מיר פון צער, פונדעסטוועגן ווערט מיר דעמאָלט אַ ביסל גרינגער אויף דער נשמה, ס׳ציגנדט זיך אָן אַ פלעמעלע האָפענונג, טו ווידער אַ זאָג: נו, קאָנסט אויסקלייבן! הייבט זי אָבער אָן מיט דער אייגענער מעשה: דאָס לעבן איינגעשטעלט, אַזוי אים אָפּצאָלן, ווען ער איז אַלט, קראַנק, ער זאָגט ער וואַרט, וויל זען צי פאַראַן יושר, זי קאָן אים איצט אין די אויגן נישט קוקן.

טאָ וואָס ווילסטו פון מיר? פרעג איך זי. אַן עצה, איך ווייס נישט וואָס צו טאָן, הענג אין דער לופטן, נישט דאָרט, נישט דאָ, הונדערט מאָל זיך איבערגעלייגט, טראַכט און טראַכט און ווייס נישט וואָס צו טאָן, כ׳דאַרף פון עמעצן אַן עצה, מ׳זאָל מיר זאָגן פראָסט פּשוט טו אַזוי אָדער אַזוי, גיב דו, דוד, אַן עצה.

די עצה איז ביי מיר אַ פּאַרטיקע, אָבער ווי קאָן איך זי אַרויס־ברענגען אַזוי פראָסט פּשוט, אַז כ׳האָב מיין ווייבס מאַן געגעבן אַן ערן־וואָרט נישט אָנצורעדן זי, צוגעשווירן אים ביי אַלץ וואָס ס׳איז מיר טייער נישט צו ציען זי, לאָזן איר אַליין אויסקלייבן. דערווייל נעמט נישט קיין סוף און קיין עק.

נו, אפשר וועט איר מיין דבורהלען געבן אַן עצה.

וואַרשע, מערץ 1965.

דער בעל-חלומות

איר גלויבט אין חלומות? ניין? איך יאָ.

וואָס לאַכט איר, באשר בכן מ'האָט פּאַרצייטנס געגלויבט דאַרף איך היינט נישט גלויבן? ט'האָט איר פּרויד, קיין פּאַרצייטיקער נישט געווען, האַ? און וויפל האָט ער זיך אַרומגעפּאַרעט מיט חלומות! איך פאַרגלייך זיך חס וחלילה נישט צו פרוידן, אויף זיינע טעאָריעס קען איך זיך סיי־ווי וויי־ניק וואָס, נאָר פון חלומות, זעט איר, האַלט איך.

יאָ, איר האָט געטראָפן, כ'בין אַ גרויסער בעל־חלומות, נאָר אסור אויב ס'אַרט מיך, פאַרקערט, ס'איז מיר אַ רחמנות אויף מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין חלומות. דורכשלאָפן אַ נאַכט און גאָרנישט! אַזאַ איינער פאַרלירט אַ שטיק לעבן, פּאַטערט אַוועק אַ וואָסערע 8 שעה אין מעת־לעת אין אַ פּוסטקייט.

אַז אַ מענטש האָט חלומות, זעט איר, לעבט ער אויך אין שלאָף — ס'טוט זיך עפּעס, ס'טומלט זיך. ס'איז נישט טויט. עס דרייט זיך טאַקע אַלץ אין אַ קנויל, מ'קאָן נישט געפינען קיין אָנהויב און קיין סוף, טײַלמאָל פאַרפּלאָנטערן זיך זאַכן, אַז מ'ווייסט נישט מיט וואָס מ'עסט דאָס, נאָר עפּעס אַ טעם האָט דאָס פּאַרט. דער כוח־הדמיון צעשפּרייט ברייט זיינע פליגלען, ווער שמועסט נאָך, ווען איר זעט אין חלום עפּעס אַזעלכעס, וואָס אויף דער וואָר... זאָל מען אָננעמען אַ שטייגער, אַז מענטשן האָבן פליגל.

וואָס ס'האָט זיך מיר די נאַכט געחלומט? נו, יאָ, פון דעם גע־דאַרפט אָנהייבן.

בקיצור, ס'האָט זיך מיר געחלומט, אַז כ'בין אַ פויגל, אַ פויגל מיט אַלע פּיטשעווקעס, מיט פעדערן, מיט פליגעלעך, מיט אַ שנאָבעלע, מיט אַלץ, וואָס אַזאַ באַשעפעניש פאַרמאָגט. אויס בן־אדם, פון איטשע מייער ליבערמאַן געוואָרן אַ פויגל.

אָפּגעריסענע צווייגן

מיינט נישט כ׳האָב זיך מצער געווען, ווי שעקספּירס פּאַרשוין, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ קאָפּ פון אַן אייזל. ס׳האָט זיך געקאָנט טרעפן, אַ קשיה אויף אַ מעשה אויף אַ חלום. מסתמא וואָלט מיר אויך נישט לייכט געווען אויפן האַרץ. אַן אייזל! שוין גענוג שווער צו זיין אַ מענטש, גיי ווער נאָך אַן אייזל, אויב שוין אויסטוישן זיך, איז כאָטש אויף אַ לייכטערע עקזיסטענץ.

אַ פייגעלע איז מיר שטענדיק נאָענט געווען צום האַרץ, נישט שייך צו זאָגן ליב געהאַט, פּשוט מקנא געווען, צומאָל אַ זומער־פייגעלע.

אַז כ׳בין נאָך אַרומגעלאָפן מיטן פּיפּיק אַרויס און מיט באָרוועסע פיסלעך, האָב איך פרילינג און זומער געיאָגט זיך נאָך זומער־פייגעלעך. הינטער מיין פאָטערס נחלה האָבן זיך געצויגן גערטנער און פעלדער און אַ וואָסערע 100 מעטער ווייטער דאָס סאָסנע־וועלדל. זומער־פייגעלעך גאַנצע כמאַרעס, אויסגעצירט אין זייד און אין סאַמעט פון אַלע קאָלירן, אַ מחיה געווען צו קוקן. און איך שטענדיק אין אַ גרוי, צעריסן שפּענ־צערל, אין אַ שוואַרץ, אויסגעריבן היטעלע.

דאָס איז נאָך גאַרנישט, דער לבוש איז נישט מער ווי לבוש, עפּעס אַנדערש האָט געלאָקערט: זייער אַרומפליען, אַרומפלאַטערן, כ׳בין זיי פון גאַנצן האַרצן מקנא געווען: ס׳פליט זיך פוןביימל צו ביימל, פון בלימל צו בלימל, וויל עס דאָ — איז דאָ, וויל עס דאָרט — איז דאָרט.

נאָר דאָס קומט נאָך אַלץ נישט צו קיין פייגעלע. קוקנדיק אויף אַ פייגעלע, פלעגט מיין פאַנטאַזיע זיך צעפלאַקערן, בפרט ווען איך בין גע־זעסן אין חדר. אויף צו להכעיס האָט זיך דער חדר געפונען אַנטקעגן יוזעף דעם גערטנערס סעדל, אַ גאָרטן אַ גן־עדן! אַלערליי אויבסט־ביי־מער, ביים פּלויט קוסטן אָנגעפּיקעוועט מיט וויינפּערלעך און אַגרעסן, היינט די רויזן־ביימלעך, ס׳האָט אויפגעריסן די נאָז. און פייגעלעך אָן אַ שיעור! אַ שווישטשעריי, אַז ס׳האָט געגומען ביים האַרץ. שלמה המלך וואָלט זיך זיכער מיט זיי דורכגערעדט, נאָר נישקשה, איך האָב אויך פאַרשטאַנען וואָס צוויר־צוויר מיינט — ס׳האָט גערופן, געצויגן אין דרויסן אַרויס.

כ׳בין געזעסן ביים פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צום גאָרטן, נו, האָב איך מער געקוקט אין פענצטער, ווי אין סידור. מילא, וויפל

פּעטש איך האָב אַרייַנגעכאַפּט! אַ ריס ביים אויער, אַ שנעל אין נאָז, אַ שטורכע — דאָס איז געווען פון די קלייניקייטן.

ס׳האָט אַלץ געלוינט. נישט געווען פאַר מיר קיין שענער באַשע־פעניש, ווי אַ פייגעלע, און קיין גליקלעכערע מינוטן, ווי זיך צוקוקן צו זיי. ווי דאָס פליט זיך פריי אַרום! ווער קאָן זיי פאַרווערן? אַ דעה זאָגן? און דו — דאָס טאָר מען נישט, יענץ מעג מען נישט, און אַזוי פאַסט גלאָט נישט פאַר אַ חדר־ייִנגל. אוי, בין איך דעמאָלט מקנא געווען די פייגעלעך! די וועלט שטייט פאַר זיי פריי, טיר און טויער פון די הימלען אָפן. ווינטער, ס׳איז קאַלט, טוישט עס זיך דאָס לאַנד, ס׳פליט אַוועק, ווו ס׳וויל. ווער ווייסט צי מיינע פייגעלעך האָבן שוין נישט געזען דעם ים־סוף, און אפשר שוין ביים סמבטיון אָנגעשפּאַרט? אוי, האָב איך חשק געהאַט אַ קוק צו כאַפּן ווי דער סמבטיון ווארפט אַ גאַנצע וואָך אַרויס שטיינער און שבת שאַ־שטיל. און וואָס האָב איך נישט גע־וואָלט זען?

ייִנגלשע געדאַנקען, זאָגט איר?

אַז איר וועט זיך טיפער אַרייַנטראַכטן, האָט מען דאָס גאַנצע לעבן אַזעלכע ייִנגלשע געדאַנקען. איך בין שוין ברוך השם אַ בן ששים; מילא, וואָס כ׳האָב שוין דורכגעמאַכט! געהאַט קאַלטס און וואַרעמס, פון אַלע אויוונס ברויט געגעסן, ס׳זאָגט זיך נאָר אַזוי — געגעסן, שמיץ באַקומען פון... פון וועמען נישט? איר מיינט, אַז נאָר אין חדר פאַרשפּאַרט געווען? דער חדר האָט דערנאָך אויסגעזען ממש אַ גן־עדן. נו, מיינט איר, אַז ס׳זענען דעמאָלט נישט געקראָכן אין קאָפּ קיין ייִנגלשע געדאַנקען? און וואָס מיינט איר האָט זיך ביינאַכט געחלומט? בלויז ברויט? אַ ביסל זופּ? ניין, אויך די פייגעלעך, וואָס כ׳האָב געזען דורכן פענצטער פון חדר, געקוקט מיט קנאה ווי זיי פליען אַרום איבער דער ליכטיקער וועלט.

איך בין בטבע אַ נייגיריקער, און אַ סברה, אַז איך בין נישט קיין אויסנאָם. נייגיר שטעקט מסתמא אין יעדן מענטש, נאָר ביי איינעם ליגט עס אויבן אויף, און ביי אַן אַנדערן איז דאָס ערגעץ טיף פאַרשטעקט. אָט הערט אַ מעשה, וואָס איז מיר איצט אויפגעקומען אין זכרון:

מיר זענען אַמאָל געזעסן אַ חברה, נישט קיין חדר־ייִנגלעך, בחורים, וואָס האָבן געוואָלט איבערדרייען די וועלט, געהאַלטן, אַז זי, די וועלט, שטייט אויפן קאָפּ און נישט אויף די פיס; נו, האָבן מיר געוואָלט זי אויס־גלייכן, איבערדרייען און אַוועקשטעלן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. בקיצור, מיר

זענען אַזאַ חברה אין אַ פּראַסטיקן, ווינטערדיקן אָוונט געזעסן צוגעדריקט איינער צום אַנדערן, יעדערער האָט געוואָלט אויסבאַרגן ביים שכן אַ ביסל וואַרעמקייט, און צו פאַרטרייבן די צייט, אָפּצונאַרן דעם הונגער האָבן מיר זיך געשפּילט אין טרעפעניש. איינער האָט אַ פרעג געטאָן: „טרעפט, וואָס איז דאָס שטאַרקסטע געפיל ביים מענטש"? — שרעק! הונגער! ליבע! שנאה! בענקשאַפט! — און ווייס איך וואָס נאָך מ'האָט אַלץ אויסגערעכנט.

יענער האָט זיך צוגעהערט און געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט. צום סוף האָט ער אויסגעשאָסן: בייגיר! מיר האָבן זיך אַלע צעלאַכט. ער איז אָבער פאַרט גערעכט געווען.

נאָר וואָס איז דאָ צו רעדן, אַז צו בייגיר דאַרף מען פליגל, כאָטש קליינטשיקע פליגעלעך. אויב דער רבונו של עולם וואָלט מיך געפרעגט אַן עצה ווי אַזוי צו באַשאַפן דעם מענטש, וואָלט איך אים געעצהט אים צו מאַכן מיט פליגל. וואָס איז? הענט, פיס יאָ, פאַרוואָס פליגל נישט? פאַרוואָס זאָל אַ מענטש נישט קאָנען דאָ און דאָרט זיך צוכאַפּן? ביסט בייגיריק צו וויסן ווי ס'זעט אויס, גיי, פלי, גיב אַ קוק.

כ'האָק אַ טשייניק? אָוועק פון דער טעמע? נישט אַזוי ווייט. נאָר איר ווילט בעסער הערן דעם חלום, טאָ זאָל זיין.

הכלל, ס'האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך בין געוואָרן אַ פויגל, איך איטשע מייער ליבערמאַן, דער געוועזענער דאַמען־שניידער — ווייס איך וואָס איך בין שוין אַלץ געווען — און איצטיקער עמעריט אַ פויגל, אויף דער עלטער באַקומען פליגל.

איז וואָס מיינט איר איז געווען מיין ערשטע עבודה? נעמען זיך פּיקן מיטן שנאָבעלע? בויען אַ נעסט? זיך צעלאָזן אין שירה? אַ נעכטיקער טאָג! כ'האָב צעשפּרייט די פליגלען און זיך געלאָזט איבער גרענעצן. איין קלייניקייט, כ'קאָן אַריבערשפּרייזן גרענעצן אָן שום... טאָ זאָל איך אַ קוק טאָן אויף אונדזער וועלטל, קודם זאָל מען זען ווי ס'זעט אויס ביי אונדזערע נאָענטסטע שכנים, מיר זענען דאָך ווי לייבלעכע ברידער, טאָ פאַרוואָס זיך נישט צוכאַפּן מיט אַ וויזיט? און פאַרוואָס טאָקע נישט אויך אין ווייטערע מקומות?

האָט דאָך אָבער אַ חלום אַ טבע, ווי איר ווייסט, און מישט אויס קאָשע מיט מאָן. אַ דאגה האָט ער, דער חלום, צי די זאַך האָט אַ האָפט צי נישט, לאָגיק איז נישט זיין זאַך. נו, מאַכט ער פון מיר אַ פויגל, נאָר

די השגות, די טראַכטעניש די זעלבע וואָס פריער, אי אַ פויגל, וואָס דאַרף פריי פליען, אי איטשע מייער ליבערמאַן, וואָס... איז וואָס טוט דער פויגל איטשע מייער ליבערמאַן? איך הויב זיך אויף הויך אין דער לופט, פלי אַדורך איין גרענעץ, אַ צווייטע, אַ דריטע און ראַפּטעם דערמאַן איך זיך וואָס כ׳האָב אָפּגעטאָן: ס׳ווערט מיר קאַלט און הייס: אָן אַ פּאַספּאָרט, אָן וויזעס, צומאָל אָן אַ בילעט, אָן... אָן... ס׳הויבט אָן צו פּיקן אין פויגלשן קאָפּ: אָנגעגעבן צי נישט אָנגעגעבן אויף אַ פּאַס־פּאָרט? ניין, נישט אָנגעגעבן, אַ ראיה, כ׳האָב נישט אויסגעפילט קיין אָנקעטעס, נישט צוגעוואָרט עטלעכע חדשים. אוי, אַ צרה אויף מיר, ווי האָב איך געקאָנט אַזוי? נאָר באַלד גיב איך אַ קוק אויף זיך: אַ פויגל! וואָס מיר פּאַספּאָרט, ווער מיר וויזעס, ס׳איז חי געלעבט! איך פלי און פלי, אינמיטן דרינען פאַרגלוסט זיך מיר אַ קוק צו כאַפּן אויפן אָלימפּ, פאַר־וואָס נישט? נישטאָ קיין פּאַספּאָרט, אָבער פליגל!

אַזוי טראַכטנדיק בין איך מיר אַריבער די גרענעץ, איך קוק און קוק און קאָן מיך נישט אָנזעטיקן, ווי אַ הונגעריקער מיט געשמאַקע ביסנס, כ׳שלינג און שלינג און מיטן עסן ווערט דער אַפּעטיט גרעסער. איך צעשפּרייט ווידער די פליגלען און פלי ווייטער, נאָר אוי, אַ בראָך, ס׳באַפאַלט מיך ווידער שרעק און פּחד, אָנגסטן שלאָגן מיר אַרויס אויפן לייב, די זעלבע מעשה: אַ פּאַספּאָרט, אַ וויזע, דעוויזן האָב איך? כ׳הויב אָן זוכן אין די קעשענעס.

כ׳קום אָבער באַלד צו זיך: חסור־דעה, פון ווען האָט עס אַ פויגל קעשענעס? וואָס עס איך זיך אָפּ די גאַל מיט אָנקעטעס? מיט אַ פּאַס־פּאָרט? מיט וויזעס? צייט כ׳לעבן צו פאַרגעסן אין אַלע קלוגיטשקע מענטשישע אויסטראַכטעניש, אַ שפּיי טאָן אויף דעם און אַרויסשלאָגן זיך פון קאָפּ!

איך באַקום קוראַזש און הויב מיך אויף העכער און העכער, איך פלי און פלי, און דאָס האַרץ צאַפּלט פון פרייד. כ׳צי אויס אַ האַנט מיט אַ ברייטן שלום־עליכם צו אַנדערע פייגל, און די שמחה שפּאַרט אַרויס פון מיר: אוי, ווי שיין! אוי, אַ וועלטל! אַ מחיה צו לעבן! מענטשן, גיט אַ קוק וואָס מ׳וואָלט געקאָנט... אין דעם בענץ!!! אַ דונער האָט אַ זעץ געטאָן אין מיר. איך מאַך אויף די אויגן: אין בעט, און מיין ווייב איז אָנגעבויגן איבער מיר, טרייסלט מיך:

— וואָס איז מיט דיר, איטשע מייער? וועסט אויפוועקן די שכנים, רעדסט פון שלאָף, אפשר פון היץ?

אפגעריסענע צווייגן

גייט דערציילט איר, מיין ווייב, אַז נישט פון היץ, נאָר פון שמחה, און אַז זי האָט מיר די שמחה פאַרשטערט.

צי כ׳האָב איר דערציילט דעם חלום?

משוגע וואָלט איך געדאַרפט זיין, זי וואָלט גלייך אויסגעלייגט צו שלעכטס, אַ טבע אַזאַ ביי מיין ווייב, אין אַלעמען זעט זי עפּעס אַ שלעכטן סימן, אַזאַ שוואַרץ־זעער, כאָטש זי זאָגט, אַז זי גלייבט נישט אין חלומות. איך, זעט איר, גלייב יאָ.

וואַרשע, יוני 1964.

אַ דיאַלאָג צווישן אַן אָפּטימיסט און אַ פּעסימיסט

משה פערדמאַן איז אַריינגעפאַלן אין ביוראָ ווי אַ דונער. דער מאַנטל צעשפּיליעט, די פּאָלעס צעשפּרייט, דאָס פּנים צעפלאַמט. אַ פאַרשיכורטער פון שמחה איז ער אַריין אַן אַ גוטמאָרגן. די גרויסע, לעדערנע טעקע, זיין שטענדיקע באַגלייטערין, האָט ער געהאַלטן אין דער לינקער האַנט; אין דער רעכטער האָט געשטעקט אַן אויפגעוויקלטע צייטונג. ער האָט זיך דאָס מאָל פאַרשפּעטיקט, קענטיק געווען, אַז נישט צוליב אַבי וואָס. ווי האָט ער געקאָנט ביים קויפן די צייטונג באַלד אויפן אָרט נישט דורכקוקן כאָטש די ערשטע זייט?

— נו, וואָס זאָגסטו דערצו? וואָלסט מיט אַ צייט צוריק געגלויבט? דו גלויבסט דאָך אין גאָרנישט, טאָ גיב אַ קוק! וואָס האָב איך דיר געזאָגט? — האָט ער זיך געוואָנדן צו זיין מיטאַרבעטער, אויסציענדיק די רעכטע האַנט מיט דער צייטונג אין אַ פּאַטעטישן זשעסט.

זיין שטימע האָט געקלונגען טריאומפאַל. ער האָט אַ וואָרף געטאָן די לעדערנע טעקע אויפן ביוראָ-טיש, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם צע־כליאַסטעטן מאַנטל — אַז דער הוט זיצט אויפן קאָפּ האָט ער פאַרגעסן — אַריינגעשטעקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס, אַרויסגערוקט דעם היפשן בויך און ווידער זיך געוואָנדן צום אַרבעטס־קאָלעגע:

— וואָס וועסטו איצט זאָגן? נו, מירן איינגעמען, צי מירן נישט איינגעמען?

— וואָס איינגעמען? וואָס אַזוי צעיאַכמעט? וואָס איז געשען?

— האָט, ווי זיין שטייגער, געלאַסן און פאַרט אַ ביסל פאַרחידושט צוריקגעפרעגט יאַנקל מעדינער.

— וואָס ס'איז געשען? קוק אים נאָר אָן, אויפן עולם הדמיון איז ער, די וועלט קאָכט און ער ווייסט גאָרנישט.

— די וועלט קאָכט שוין ווידער? וואָס־זשע איז ווידער?

— אוי, אַ בראָך, מיר וועלן זיין אויפן מאַרס און דו וועסט פון

אַפּגעריסענע צווייגן

גאָרנישט וויסן! הערסט נישט דעם ראַדיאָ? אַ צווישנפּלאַנעטאַרע סטאַ־ציע, אין קאָסמאָס אַ סטאַציע, און דו גאָרנישט.

— אָ, די צווישנפּלאַנעטאַרע סטאַציע, כ׳ווייס, כ׳ווייס, כ׳הער דעם ראַדיאָ פּונקט ווי דו — האָט יאַנקל פלעגמאַטיש געצויגן די ווערטער.

— טאָ וואָס פרעגסטו וואָס ס׳איז געשען? כ׳זע, דו באַגרייפסט גאָרנישט, ס׳רירט דיך נישט.

— וואָס קאָכסטו זיך אַזוי?

— איך קאָך מיך? ביי דיר הייסט אַלץ קאָכן זיך. ס׳גיט פּשוט אַ נעם! דיר וואָלט זיך אַזעלכעס געחלומט? גלויבסט נאָך איצט אויך נישט וואָס מיר קאָנען; וועסט אינגיכן זען, מירן אינגיכן איינעמען דעם גאַנצן קאָסמאָס.

— איז וואָס־זשע די גדולה אַזוי גרויס? — האָט יאַנקל ווייטער געצויגן פאַמעלעך די ווערטער מיט זיין ליטווישן אַקצענט.

— עך, ביסט אַ קאַלטע בריאה! האָסט אַ שמאָלן האָריזאָנט, און האָסט נישט קיין ביסל גלויבן, אַלץ שטאַמט פון דיין פּעסימיזם.

— וואָס־זשע קומט אַרויס פון דיין אָפּטימיזם?

— אָט דאָס קומט אַרויס פון אונדזער אָפּטימיזם! אַז דו באַגרייפסט נישט וואָס ס׳באַדייט אַ צווישנפּלאַנעטאַרע סטאַציע! וועגן ספּוטניק האָסטו זיך אויך געשפּאַרט מיט מיר, איצט האָסטו אַ ספּוטניק, וואָס וועט פליען אינגיכן צום ווענוס. אַז מע דערגייט דערצו, ברודערקע! צום ווענוס! וואָס האָט מען ביז נישט לאַנג געוווּסט וועגן ווענוס? ער איז דאָך אינגאַנצן פאַרנעפּלט! אַזאַ נעץ פון וואָלקנס אַרום אים, אַז ס׳איז שווער געווען צו דערגיין וואָס דאָרט קומט פאָר. איצט אויס סודות, אונדזער וויסנשאַפט דערגייט אַלע סודות; דאָס הייסט פאָרשריט געמאַכט; דאָס, זעסטו מיר, ברודערקע! נאָר וואָס איז דאָ מיט דיר צו רעדן, אַז דו ביסט אַ קאַלטע בריאה, רעד צו אַ פּעסימיסט וועגן קאָסמאָס, וועגן שטויסן די וויסנשאַפט פאָרויס, וועגן איבעריאָגן אַנדערע, פּעסימיזם דער־פירט, אַז מ׳זעט נישט די ברייטע האָריזאָנטן, וואָס אונדזער וויסנשאַפט עפנט.

וואָלט עמעצער, וואָס קען נישט משה פערדמאַן, אונטערגעהערט מיט וואָס פאַר אַ ברען ער רעדט וועגן קאָסמאָס, ספּוטניקעס און ענלעכע ענינים, וואָלט ער געקאָנט מיינען, אַז ער איז מיט דער וויסנשאַפט אויף

דו. ער אַליין ווייסט אָבער, אַז ער איז אַ גאָר קליינער בקי אין די זאַכן. אילה וואָס דען ? ס׳איז זיין ענטוזיאַזם, דער פּאַרגעם, די ברייטע האַרי־זאַנטן און דער גלויבן. ״מען דאַרף טיף גלויבן, מיט גלויבן דערגרייכט מען אַלץ״ — פאַרזיכערט ער זיינע מיטאַרבעטער.

יאַנקל מעדינער קען זיך דווקא אַ ביסל יאָ אויס אין הלכות וויסנ־שאַפט, געריבן זיך אין די יונגע יאָרן אַרום אוניווערסיטעט, גערעכנט צו ווערן אַ פיזיקער און געוואָרן אַ בוכהאַלטער. נאָך היינט האָט ער ליב אַריינ־צוקוקן אין אַזעלכע ביכלעך, נאָר אַ שלעכטע טבע אַזאַ ביי אים — ער האָט ליב צופּיל אַריינצוטראַכטן אין אַ זאַך, וויל וויסן וואָס ס׳וועט פון דעם אַרויסקומען. משה פערדמאַן האָט מיט אים געהאַט אַמאָל דורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס, אויף איין פּריטשע געלעגן, פון איין שיסל געגעסן, אויב ס׳איז געווען וואָס צו עסן. איז ווי זאָל ער זיך נישט מיען אים אויס־צוהיילן פון זיין גריבלעריי ? ווי זאָל אים נישט אָרן זיין נישט זען ווייטער פון דער נאָז.

און אַז מען זעט נישט ווייטער פון דער אייגענער נאָז, איז מען נישט ענלעך צו קיין מענטש מיט אַ ווייטן קוק. זענען ביידע קאַלעגן אין קיין שום זאַך נישט ענלעך צו זיך; ביידע אַרבעטן אין אַ בכבודיקן שניי־דער־קאָאָפּעראַטיוו, משה פערדמאַן ווי אַ פאַרוואַלטער און יאַנקל מע־דינער, ווי אַ פּשוטער בוכהאַלטער. פּרווט יאַנקלען אַ פרעג טאָן, צי ער וואָלט געוואָלט ווערן פאַרוואַלטער. ער וועט אייך ענטפערן: חס וחלילה! און מען מעג אים גלויבן. זאָל נאָר משה פערדמאַן דערפילן, אַז זיין פאַר־וואַלטער־פּאָזיציע קאָן זיך אַ וואַקל טאָן, עסט ער זיך בפירוש אָפּ די גאַל. נישט חס וחלילה צוליב שלעכטע טעמים, נאָר ווייל אונדזער פאַרוואַלטער איז אַ מענטש מיט אַ ברייטן האַריזאָנט, ער ווייסט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן צו פאַרוואַלטן מיט מענטשן, מיט זייערע ענינים. ווי וואָלט עס געקלאַפּט אָן אים? ווען נישט זיין מי? זיין מקריב זיין זיך מיט לייב און לעבן? זיין שטענדיקע איילעניש?

אַ נידעריקער, אַ קיילעכדיקער, געוואַקסן מער אין דער ברייט ווי אין דער לענג, איז צו שטוינען ווי ער באַוועגט זיך שנעל. קוועקזילבער. צוליב זיינע קורצע פיס איז ער געצוווּנגען צו מאַכן דראָבנע טריט, ער יאָגט אָבער אָן, און יאָגט איבער אַנדערע. קוקט איר ווי ער גייט, האָט איר דעם איינדרוק, אַז ס׳ברענט ערגעץ, און ער, משה פערדמאַן, מוז זיך איילן לויפן לעשן. ער איילט זיך אויך זיצנדיק, אַ סימן ער גיט צו וויסן אַ יעדן, אַז ער האָט קיין צייט נישט. קיין אָנשטעל, קיין פּאָזע איז דאָס

נישט, וואָרעם משה פערדמאַן איז זייער אַ באמת פּאַרנומענער מענטש; ער פאַרנעמט זיך מיט הונדערטער ענינים, וואָס מען קאָן נישט אַנטרויען אַבי וועמען. חוץ זיינע פּראָפעסיאָנעלע באַשעפטיקונגען און כלל־געשעפטן, טראַגט ער נאָך אויף זיין קאָפּ די גאַנצע וועלט. ווי וואָלט די וועלט גע־גאַנגען פאַרויס, ווען ער, משה, וואָלט זי נישט אונטערגעשטופּט?

יאַנקל מעדינער איז נישט געבענטשט מיט אַזעלכע מעלות. נישט שייך, אַז אַ פּעסימיסט, איז אַ פּעסימיסט. אַז מען האָט אים געפרעגט צי ער וואָלט געוואָלט אַנפירן ערגעץ מיט אַ היפּשער כאַפּטע קאָאָפּעראַטיוו־לער, האָט ער נישט לאַנג געטראַכט און געענטפערט: „מיט מאַשינען וואָלט איך גערן אַנגעפירט, אָבער נישט מיט קיין מענטשן".

דאָס איז געווען אַ זעלטענער פאַל, ווען ער האָט צוגעטראָפן זיין קאָלעגע פערדמאַן. ווייל ווי טויג זיך אַזעלכער אויס אַנצופירן מיט מענטשן? אַ רואיקער, אַ געלאַסענער, איילט זיך נישט צופיל, קאָכט זיך נישט, קוקט קיינמאָל נישט אויפן זייגער, בעת עמעצער, וואָס דאַרף צו אים, שטאָט אים אָפּ א וויזיט. צו אַלע חסרונות איז ער נאָך אַ שטיקל סקעפּטיקער, האָט ליב צו שטעלן קשיות, וויל שטענדיק פון פאַרויס וויסן פון וואַנען? צוואָס? דאָס טאַקע פּירט פערדמאַנען אַרויס פון די כלים, ער פאַרטראָגט נישט קיין גריבלער, קיין סקעפּטיקער, קיין פרעגערס פון קלאָץ־קשיות. וויפל ער זאָל זיך נישט געבן די מי אַנצוצינדן ביי אים אַ ביסל ענטוזיאַזם, אונטערצולייגן אַ ביסל פייער און עס פאַנאַנדערפלאַקערן, גיט אים גלייך יאַנקל קאַלטבלוטיק אַ פרעג: „וואָס וועט אַרויסקומען פון גאַנצן טאַראַראַם?" אָדער: „וואָס ווילן מענטשן דערפון האָבן?"

— אַז דו זעסט נישט ווייטער פון דיין נאָז, איז נישטאָ וואָס מיט דיר צו רעדן.

אַזוי ענטפערט אים משה פערדמאַן. דער דיאַלאָג רייסט זיך דעמאָלט באַלד איבער, וואָרעם יאַנקל מעדינער ענטפערט צוריק בלויז מיט אַ סקעפּ־טישן שמייכל.

ווען ס'האָבן אָנגעהויבן פליען די ספּוטניקעס, האָט זיך דער דיאַלאָג צווישן אָפּטימיסט און פּעסימיסט אויסגעברייטערט. די קאַלטע בריאה יאַנקל מעדינער איז אפילו פון די ספּוטניקעס נישט נתפּעל געוואָרן. צו אַזעלכעס האָט שוין פערדמאַן נישט געקאָנט דערלאָזן. אַזאַ אָפּגעשטאָ־נענקייט!

— וועסט נאָך זען ווי מיר וועלן זיך צוכאַפּן צו דער לבנה, מירן נאָך אינגיכן.

אַ דיאַלאָג צווישן אַן אָפּטימיסט און אַ פּעסימיסט

— ווער מיר? דו? איך?

— אַ נפקא מינה ווער, מ׳וועט פליען, אונדזערע, אוי, וועט מען אַהין פליען!

— איז וואָס־זשע, אַז מען וועט פליען?

— איז אַ ווייטערדיקער עטאַפּ איינצונעמען דעם קאָסמאָס, פאַר־שטייסט נאָך אַלץ נישט?

— איז וואָס־זשע? ווערן מענטשן זיין גליקלעכער? ווערן זיך שוין נישט אויסהרגענען איינע די אַנדערע?

— כ׳זע, אַז ביסט גאָר פון דער גאַנצער זאַך נישט צופרידן, ביסט אַן אָפּגעשטאַנענער מענטש, ערגער — אַ פּעסימיסט, אַ מענטש פון אַן אַנדערער עפּאָכע, נישט ס׳רירט דיך עפּעס, און נישט ס׳געפעלט דיר מ׳זאָל זיך פאַרנעמען מיטן קאָסמאָס.

— פאַרוואָס? ס׳געפעלט מיר — האָט יאַנקל באַרואיקט דעם היציקן קאָלעגע — נאָר מיר וואָלט בעסער געפעלן, מ׳זאָל זיך מער פאַרנעמען מיט אונדזער בידנעם וועלטל.

— וואָס האָט איינס צום אַנדערן?

— ס׳האָט אפשר אַ קאָפּעטשקע.

אַ שטייגער?

— כ׳וועל דיר געבן אַ משל: מאָל דיר אויס אַ שטוב־ווירטשאַפט, זאָל מען אַנבעמען אַ גרויסע, אָפּגעלאָזענע באַלעבאַטישקייט, דאָ און דאָרט היינקט עפּעס אונטער, מען דאַרף נאָך אַריינבערענגען וואַסער אין שטוב מיט אַן עמער; דאָ רינט אַריין דורכן דאַך, דאָרט זענען די ווענט אָרומ־געריסן, די פּאַדלאָגע דורכגעפוילט, קינדערלעך אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, דעם איז נויטיק אַ פּאָר שיכלעך, אַן אַנדערן אַ שפּענצערל, איינעם רינט פון נעזל, אַ צווייטן האָט זיך געמאַכט אַן אויסשיט אויפן געזעסל, אַ רח־מנות צו קוקן אויפן קליינוואַרג, וואָס אַנשטאָט אַ פּאָר שיכלעך, אַ שפּענ־צערל, אַ בעטל, זיי זאָלן נישט דאַרפן שלאָפן צו צוויי, צו דריי, באַקומט עס אַ שטופּ, אַ זעץ, אַ שליידער אַריין אין אַ פינצטערן ווינקל; מיט איין וואָרט ס׳איז זייער נישט פויגלדיק. אין מיטן דערינען הויבן זיך אויף די באַלעבאַטים פון דער פיינער באַלעבאַטישקייט און לאָזן זיך אויף אַ נסיעה איבער דער וועלט. זייער אינטערעסאַנט, באַלערנדיק, איך זאָג נישט, אַז נישט, אָבער ווען זיי וואָלטן מיך געפרעגט אַן עצה, וואָלט איך זיי גע־עצהט ראשית כל ברענגען אַ ביסעטשקעלע אָרדענונג אין דער באַלעבאַ־טישקייט. מיין עצה וואָלט געווען זיי זאָלן בעסער דאָס קליינוואַרג...

אפגעריסענע צווייגן

— פרעגט מען דאָך דיך קיין עצה נישט!

— מילא. אויב איך טאָר קיין עצה נישט געבן, מעג איך אפשר געבן אַ משל.

— אַ נאַרישער משל, לויט דיינע עצות וואָלט מען זיך נאָר פאַר־נומען מיט קינדערשע שפּענצערלעך, מיט אויסשיטעכצן אויף געזעסלעך און וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען וואָלט מען אַפּגערוקט אין אַ זייט. וואָלסט גוט באַגראָבן די וויסנשאַפט, ווען קאָסמאָס וואָלסטו געוווסט אַ פייג — האָט משה אויסגעצויגן די רעכטע האַנט און געוויזן מיט צוויי פינגער אַ פייג.

— ווער זאָגט דען אַפּרוקן אין אַ זייט?

— אַזוי קומט דאָך אויס לויט דיין שיינעם משל.

— ס'קומט אויס, אַז מע דאַרף זען נישט נאָר פון ווייט, נאָר פון דער נאָענט אויך.

— וואָס האַקסטו אַ טשייניק? ווייט־נאָענט! די צרה איז וואָס דו גלויבסט אין גאָרנישט, קרענקסט אויף פּעסימיזם, ס'איז אַ קראַנ־קייט אַזאַ, מ'באַדאַרף דיך אויסהיילן פון דיין פּעסימיזם.

יאַנקל, דער אומהיילבאַרער פּעסימיסט, האָט צום פאַרענדיקן, ווי זיין שטייגער, געענטפערט מיט אַ סקעפּטישן שמייכל. משה האָט שוין אויך קיין נייע אַרגומענטן נישט געהאַט, און ס'איז אַ שאָד די צייט, קיין פּלעמל ענטוזיאַזם וועט ער סייווי איצט נישט אָנצינדן ביי דער קאַלטער בריאה. ער האָט מיט רעזיגנאַציע אים צוגעוואָרפן:

—אַרויסגעוואָרפענע רייד! צו דיין מוח וועט עס שוין אַזוי גיך נישט דערגיין. זעסט נאָך אַלץ נישט ווייטער פון דיין נאָז. אַז פאַרשריט איז ביי דיר גאָר קינדערשע שפּענצערלעך!

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט אַ נייער דיאַלאָג צווישן אָפּטימיסט און פּעסימיסט.

וואַרשע, דעצעמבער 1959.

דאָס אינדזל פּאַלאַפּאַלופּולו

זוכט נישט דאָס אינדזל פּאַלאַפּאַלופּולו אויף דער וועלט־מאַפּע, איר וועט עס נישט געפינען, די מאַפּע־מייסטער האָבן פאַרגעסן עס אַריינ־צורעכענען אין חשבון פון דער וועלט, אָבער דאָס אינדזל איז דאָ, א ראיה ס׳זענען דאָ די איינוווינער פון אינדזל, איך בין איינער פון זיי. כ׳האָב באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ צוואה, ביז וואַנען דער זכרון דינט נאָך, אויב וואָס ווען, די שעה זאָל קיין שעה נישט זיין, זאָל די וועלט זיך דערוויסן וועגן נאָך אַ פאַרזעעניש אירס. איך גלויב אין דער וועלט, כאָטש אינדזלער פאַרגעסן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ וועלט אויסער פּאַלאַפּאַלופּולו. אַי, ווי אַזוי שיקט מען איבער אַ צוואה, ווען מען איז פאַרשפּאַרט הינטער די ווענט פון ים־כוואַליעס ?

אַמאָל פלעגן פאַרלוירענע אויפן ים אַריינוואַרפן אין אַ פלאַש אַ מאמר און לאָזן שווימען מיט די כוואַליעס. נישט שטענדיק איז דאָס דער־שווימען צו אַ ברעג, דערגרייכט צו אַ מענטשלעכער האַנט, געטראָפן צו אַ מענטשלעך האַרץ. ס׳טרעפט אָבער, אַז יאָ; מ׳דאַרף שטענדיק ריזיקירן. ראשית כל אויפשרייבן בקיצור ווי נאָר מעגלעך, אין ערגעץ האָט מען מסתמא נישט ליב צו לייענען קיין לאַנגע מאמרים. אָן איצטיקער שריי־בער וואָלט געמאַכט פון דער גאַנצער געשיכטע אַ דינעם, קאַרגן ראָמאַן און אפשר מיך פאַרן הויפּטהעלד, כאָטש יעדער אינדזלער פאַרדינט צו זיין אַ הויפּטהעלד, און די מעשה וועגן די אינדזלער קאָן סטאַיען אויף דיקע בענ־דער. איך בין נישט קיין שרייבער, און נישט די צייט און נישט דאָס געמיט איז צו באַשרייבן אַלץ מיט אַלע פּיטשעווקעס.

ווי איך האָב שוין געזאָגט בין איך אַן איינוווינער פון פּאַלאַפּאַלופּולו, אַ היגער און נישט קיין היגער. פון וואַנען און ווי אַזוי כ׳האָב זיך אַהער גענומען ווייס איך אַליין נישט, ווי לאַנג איך דריי זיך שוין אַרום דאָ אויפן

אינדזל אויך נישט. פאַלאַפאַלופולו האָט אַזאַ קלימאַט, וואָס שאַדט צום זכרון, מען פאַרגעסט אַ סך זאַכן. די אינדזלער קימערן זיך נישט דערמיט, פאַרקערט, אַ פאַלאַפאַלופולוער האַלט, אַז ס׳איז לייכטער צו לעבן מיט אַ שלעכטן זכרון. פונדעסטוועגן ווייסט מען צו דערמאָנען, אַז איך בין נישט קיין היגער, אַ לעבנגעבליבענער נאָך אַ גרויסער ים־קאַטאַסטראָפע, אַן אַרויסגעוואָרפענער אויפן אינדזל דורך די ים־כוואַליעס. געווען אויך דעמאָלט אַן ערדציטערניש, וואָס האָט שיעור דאָס גאַנצע אינדזל נישט איינגעשלונגען. די אינדזלער לעבן אָבער ווי ס׳וואָלט קיינמאָל גאָרנישט געשען, איך בתוכם, כאָטש איך בין נישט שוין קיין יונגערמאַנטשיק און געמעגט פריער אין דער זאַך מער אַריינטראַכטן. לויט מיין אויסרעכענונג, אויף וויפל דער זכרון דינט מיר, דאַרף איך זיין אַ מאַן אַרום די חמישים, אָבער ביי די פולע כוחות נאָך, און לויט ווי פאַר אַן איינוווינער פון פאַלאַפאַלופולו ביים קלאָרן זכרון נאָך. די פאַלאַפאַלופולוער האַלטן, אַז ס׳לעבט זיך זיי גוט, לויט מיין איינזען — גוט אין דר׳ערד. אַ וואָרעם זיצט אין ביטערן כריין און מיינט ס׳איז זיס. נאָר נישט אין דעם גייט איצט, ס׳גייט אין אַ געשעעניש וואָס האָט אויפגערודערט אַלע אינדזלער, מיך מער פון זיי אַלע, שיער צוליב מיין אויפגערודערטקייט נישט אומגעקומען.

געווען איז דאָס אַזוי: אַנומלט ביינאַכט בין איך געשלאָפן ווי אַ בער אין זיין ווינטערדיקער נאָרע. אין האַרטן שלאָף האָט אָנגעקלאַפט אַ וואָיעניש, אַ קנאַלן. כ׳האָב זיך אויפגעריסן און גענומען זוכן ווי אַזוי צו מאַכן ליכטיק. אַ טרייסלעניש און ריטשעניש האָבן געמאַכט ציטערן די הענט, זיי האָבן נישט געקאָנט אויספילן מיין ווילן. פון אָנהייב געמיינט, אַז אַ נייע ערדציטערניש, כאָטש אינדזלער פאַרגעסן, אַז ס׳איז געווען אַמאָל אַן ערדציטערניש, צוליבן אינדזל־קלימאַט, וואָס שוואַכט אָפ דעם זכרון. אַז ס׳דערהערט זיך אָבער אַזאַ טראַסקעריי קומט נישט איינעם אויף פאַר די אויגן, ווי ס׳האָט דעמאָלט געשפריצט מיט פייער, ווי די ערד האָט זיך געשפאַלטן און פייערדיקע קנוילן האָבן פאַרצוקט קינד און קייט. נישט איינעם כאַפט דעמאָלט אָן אַ חשק אַנטרינען צו ווערן פון פאַלאַפאַלופולו. פאַלאַפאַלופולוער קאָן מען אָבער אַלץ אויסטייטשן, און פאַראַנען אויפן אינדזל מענטשן מיט קלוגע קעפ און אפילו שטערנזעערס; כ׳האָב מיט מיינע אייגענע אויגן און אויערן צוגעזען און צוגעהערט, ווי שטערנזעערס האָבן לויט צייכנס פון הימל אָנגעוויזן, אַז ס׳וועט שוין קיינמאָל קיין ערדציטערניש נישט זיין. און חכמים גרויסע האָבן מיט גרויס חכמה אויפגעקלערט ווי אַזוי מ׳וועט פון אינדזל אַ גן־עדן מאַכן, וואָרעם צו זייער רשות

שטייט דער גאַנצער ים. און ער איז ברייט און טיף און רייך אָן אַ שיער, באַפרוכפּערט די ערד מיט זיינע וואַסערן און באַשפּייזט די אינדזלער מיט זיינע פיש פון כל המינים און מיט כלערליי אַנדערע גוטע זאַכן, זיין שי־מערירנדיקער וואַסער־שפּיגל שמייכלט יעדן אינדזלער אַנטקעגן. אָי, ער צאַרנט אויך דער ים, פון מאָל צו מאָל וואַיעט ער בייז און דראָט צו פאַר־שווענקען דאָס אינדזל? דערויף איז ער אַ ים, און פּאַלאַפּאַלופּולוער חכמים געפינען אויף אַלעמען אַ באַשייד: אַז ער צאַרנט און וואַיעט דער ים, האָט ער פאַרוואָס, מען דאַרף אַנטקעגן קומען זיין ווילן. ווי אַזוי, וועט איר זיך באַלד דערוויסן. צוליב דעם באַשרייב איך יענע נאַכט.

ווען כ'האָב זיך אויפגעריסן פון מיין געלעגער, געטראָפן צו דער טיר, בין איך אַרויס פון מיין געצעלט. אַ קליינע עדה אינדזלער האָבן זיך שוין געהאַט געפעדערט פאַר מיר — די בעלי־חכמים. זיי קענען זיך מיטן ים אויפן וווּנק, זיי וויסן וואָס זיין דראָען באַדייט און מאַכן זיך קיין גרויסן צימעס נישט דערפון. ס'וועט דורכגיין, ווי גיך ער וועט זיינס באַקומען, זאָלן נאָר די אינדזלער נישט מאַכן קיין רעש.

דאָס ברומען פון ים האָט קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט. ווען כ'בין צו צו זיין ברעג האָט עס מיך פאַרטויבט, פאַרהאַקט דאָס לשון: דער געוויינלעך גלאַנציקער שפּיגל־אויבערפלאַך האָט זיך צעריסן, צעפליקט, צעשמעטערט, ווי אַ שפּיגל וואָס פאַלט אַראָפּ אויף אַ באַרג שטיינער. כ'האָב שוין געהאַט געזען דעם ים אין אַלע קאָלירן. דאָס מאָל איז ער געווען פעך־שוואַרץ און געזידט ווי געקאָכטע סמאָלע. הויכע שוואַרצע זיילן האָבן זיך אויפגעהויבן מיט אַ געברום אין דער הויך, צוריקגעפאַלן מיט רוגזה, איינזינקנדיק טיף אין קאָכעדיקן תהום. דער ים האָט זיך געוויגט, געטרייסלט, אַרויסגע־שטויסן פון זיין קאָכעדיקן אינגעווייד באַרגיקע זיילן, אויסגעגראָבן אָפּ־גרונטן, מיט ווייסן שוים אויף די שוואַרץ־סמאָליקע ליפּן, געריטשעט, גע־שטשירעט מיט די ציין. דער ווייסער שוים האָט געשפּריצט מיט גרינער גאַל — אָט־אָט לאָזט ער אויס דער ים זיין גאַנצן צאָרן צום אינדזל. די ווילדע כוואַליעס רייסן זיך שוין ווי חיות־רעות צו זיינע ברעגן, אָט־אָט ווערט דאָס אינדזל פאַרפלייצט צוזאַמען מיט די אינדזלער.

— אינדזלער! — האָב איך אַ געשריי געטאָן — לאָמיר נישט שטיין מיט פאַרלייגטע הענט! לאָמיר! לאָמיר...

—שאַ! פאַרמאַך דאָס מויל!

אָפּגעענטפערט האָט מיר אַ פעסטער, הויכער אינדזלער מיט גלעזערנע אויגן און אַ פאַררייסענער נאָז. זיין שטימע האָט געקלונגען באַפעלעריש,

רוגזהדיק. פונדעסטוועגן האָב איך זיך ווידער אָפּגערופן, געוואָלט איבער־צייגן, גערעדט אַ ביסל צו הויך, וואָרעם כ'האָב מורא געהאַט, אַז מיינע ווערטער זאָלן נישט פאַרלוירן גיין אין גערויש פון ים:

—אינדזלער! האָט רחמנות אויף זיך, גיט אַ קוק, לאָמיר... ביז וואַנען ס'איז נישט צו שפּעט.

אַ שטאַרקע האַנט, ווי אַן אײַזערנע צוואַנג האָט צוזאַמענגעדריקט מיין קאַרק, אויסגעדרייט מיר דעם קאָפּ; כ'האָב דערזען אַ בייז, רויט גע־זיכט, אַ מויל האָט זיך ברייט געעפנט און אַריינגעשריען מיר אין פּנים:

— דרך־ארץ! וואָס פאַראַ איינער ביסטו זיך קעגנצושטעלן דער קראַפט פונעם ים? זאָלסט נישט דערצאָרענען! די צונג צווישן די ציין, הערסט?

ער האָט מיך אַזאַ שטויס געטאָן פון זיך, אַז כ'בין געפלויגן ווייט פון אים און אומגעפאַלן. דאָס אַלץ האָבן צוגעזען די אַנדערע אינדזלער און צוגעבאַמקעט: „גערעכט, גערעכט אויף אים, זאָל ער נישט דערצאָרענען דעם ים". אייניקע האָבן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן די קעפּ, די אויגן איינגעגראָבן אין דער ערד, קענטיק געווען, דאָס זיי זענען נישט געווען אויף דער זייט פון דעם רוגזהדיקן אינדזלער, נאָר גייט פאַרשטייט וואָס דאָ קומט פאָר, אַז זיי זענען אי געשטאַנען פאַרשעמטע, אי האָבן פּאַטאַקעוועט.

אַ באַיאָרטער אינדזלער מיט אַ גרויען קלוגן קאָפּ און אַ יונגן פּנים האָט זיך הינטערווייליכץ צוגעשאַרט צו מיר, ווען כ'בין שוין געשטאַנען אויף די פיס, אָנגענומען מיך פאַרן אַקסל, כלומרשט צו פאַריאָגן פון דאַנען און פלוצלינג שטיל אַריינגעשושקעט מיר אין אויער: „מאַך אַ שוויג, איין שוואַלב וועט קיין פרילינג נישט מאַכן, צוויי אויך נישט". דערביי אַזאַ ווונק געגעבן, אַז כ'האָב זיך געקאַנט אַנשטויסן דאָס דער צווייטער שוואַלב איז ער גופא. ס'איז געוואָרן אַ ביסל לייכטער, כ'בין נישט איינער אַליין, ווער ווייסט וויפל נאָך אַזעלכע, ווי דער צווייטער „שוואַלב", אפשר וועלן מיר פאַרט...

ער האָט מיך אָבער נישט געלאָזט ווייטער טראַכטן: — „גיי דיר, גיי פון דאַנען, שטעק נישט די נאָז, וווּ מען דאַרף נישט". געיאָגט מיך און שטילערהייט געגעבן צו פאַרשטיין, מיט רמזים, מיט אָנצוהערענישן, ווי ס'פּאַסט פאַר אַן אינדזלער מיט גרויסע דערפאַרונגען. אַזוי האָט ער מיך געטריבן ביז די געצעלטן, און דאָ האָט מיך אויף ס'ניי אַרומגעכאַפּט אַ פּחד: אינדזלער האָבן אַרויסגעקוקט מיט צעשראָקענע אויגן. מיט שטומע מיילער געפרעגט, געוויזן מיט די בליקן אַהין, ווו ס'האָבן זיך פאַרזאַמלט

די פּני פון פּאַלאַפּאַלופּולו. כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען פאַר וועמען זיי האָבן מורא, צי פאַרן ים, צי פאַר יענע פּאַלאַפּאַלופּולוער, וואָס אויפן ברעג. מיין באַגלייטער האָט מיר ווידער מיט אַנצוהערענישן געגעבן צו פאַרשטיין: דער ים מוז האָבן קרבנות, להבדיל אין די אַמאָליקע צייטן אַ מזבח, ער האָט טאַקע ליב די אינדזלער ווי אַ פאָטער, אָבער שטראָפט אויך ווי אַ שטרענ־גער פאָטער ווען מען פאַרזינדיקט זיך.

ער האָט זיך פאַרכאַפּט, ווי ער וואָלט געזאָגט מער ווי ער האָט גע־וואָלט. איך בין צוגעשטאַנען מיט טרערן אין די אויגן. זאָל ער מיר זאָגן דעם גאַנצן אמת. ער האָט ביטער געשמייכלט און געמוסרט מיך:

— דעם אמת, דעם אמת, אַן אינדזלער ביסטו אַ צוציק, ווייסט נישט, אַז אין פּאַלאַפּאַלופּולו האָט מען דעם אמת פאַרמויערט אין אַן אונטער־ערדישער הייל און די פּאַלאַפּאַלופּולוער פוילן זיך אים צו זוכן, מ׳זאָגט אפילו, אַז מ׳האָט זיך יאָ צו אים דערגראָבן, נאָר באַשעדיקט ביים אויס־גראָבן; דער אמת איז זיך צעפאַלן אויף שטיקער, אויף אַ סך אמתן, צעקאַ־ליעטשעטע, צעקוועטשטע, צעדריבלטע.

— און דער ים? די אינדזלער, וואָס...?

ער האָט מיר נישט געלאָזט פאַרענדיקן מיין פראַגע, אין פּאַלאַפּאַלו־פּולו שטעלט מען נישט קיין לאַנגע שאלות, ער האָט אָפּגעענטפערט:

— דער ים איז ים און אינדזלער זענען אינדזלער, אַ שפּיל צווישן אַ קאַץ און אַ מויז.

— ווער די קאַץ און ווער די מויז?

דער באַיאָרטער אינדזלער האָט אויפגעהויבן אויף מיר די קלוגע אויגן, געשאָקלט מיטן גרויען קאָפּ און שטומערהייט אויסגעלאַכט מיין אומ־וויסנקייט. מיר זענען פּונקט צוגעקומען צו מיין געצעלט, ווייט פון מענטש־לעכע אויגן און אויערן. פונדעסטוועגן האָט מיין באַגלייטער מיך נאָך אַלץ געטריבן, אַריינגעשטופּט אינעווייניק ווי ער וואָלט געדאַרפט אויספּירן איבער מיר אַ פּסק־דין. ער האָט אָנגעהויבן רעדן שטיל, טאַקע ווי פאַר מייז אין די לעכער, נאָר אַלץ נישט מיט קלאָרע דבורים, דערציילט די מעשה ווי אַזוי אברהם אבינו האָט אויפן פאַרלאַנג פון גאָט געבראַכט זיין זון יצחקן צו דער עקדה, ווי אַזוי אַגאַמעמנאָן האָט אויפן פאַרלאַנג פון דער געטין אַרטעמידע אָפּגעגעבן זיין טאָכטער איפיגעניע פאַר אַ קרבן — יהוה האָט אָבער אונטערגעשיקט אַ מלאך, אַרטעמידע האָט איפיגעניעז אויסבאַהאַלטן; דער ים ווייסט נישט פון קיין קונצן, די פּאַלאַפּאַלופּולוער חכמים אויך נישט, דער ים פאָדערט און זיי קומען אים שטענדיק אַנטקעגן.

דעם נמשל פון משל איז מיר שוין נישט שווער געווען אַרויסצושיילן. ס׳איז מיר באַפאַלן אַנגסט און שרעק — דאָס מאָל וועלן זיי מיך אויס־קלייבן, כ׳האָב געוואָגט צו געבן נאַרישע עצות, איין שוואַלב וואָס האָט געוואָלט...

ווי כ׳האָב מיר אַזוי געטראַכט, איז ראַפּטעם דער צווייטער שוואַלב נעלם געוואָרן, מסתמא זיך געכאַפּט, אַז ער האָט צופיל מיך אַריינגעפירט אין די פּאַלאַפּאַלופּולער סודות. ווער ווייסט, אפשר האָט ער מורא פאַר מיר — איך פאַר יענע, ער פאַר מיר. מורא! פאַר וועמען נאָך? צי נישט איינער פאַרן אַנדערן? אַז אַלע קרענקען אויף דער זעלבער חולאת, קאָן מען אפשר צוזאַמען?..

ס׳איז מיר אויף דער הייסער מינוט דורכגעלאָפן אַ געדאַנק אין קאָפּ: לויפן צו די געצעלטן, צונויפזאַמלען אַלע, עפּעס צוזאַמען צוטראַכטן. טראַכטן? צוזאַמען? — האָט אין מוח אַ פּיק געטאָן, ווי אַ רויב־פויגל וואָלט דאָרט אַ זעץ געטאָן מיטן פּרעסערישן שנאָבל. אין זכרון האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן, אין פּאַלאַפּאַלופּולו ווען דער ים וואָיעט און דראָט ווערט דער זכרון אָפּגעפרישט, די אינדזלער דערמאָנען זיך זאַכן, וואָס זיי האָבן לאַנג געהאַט פאַרגעסן. איך האָב זיך גראָד דערמאָנט, וואָס מיין מאַמע האָט געהאַט פאַרשריבן אין איר צוואה, נישט אירע אייגענע ווער־טער, זי האָט זיי געבראַכט פון עמעצנס אַ ספרל: „איין מענטש אין אַ געפאַר טראַכט, עטלעכע מענטשן אין אַ געפאַר באַראַטן זיך, אַ צעשראָ־קענער המון אין אַ געפאַר טראַכט נישט און באַראַט זיך נישט״.

דער צווייטער שוואַלב האָט געהאַט שוין געמאַכט פּליטה, נישט געווען מיט וועמען זיך צו באַראַטן. האָב איך געטראַכט, און טראַכטנדיק איז מיר איינגעפאַלן אָנצושרייבן די־אַ צוואה. פון טראַכטן אָבער ביז טאָן. איינער אַליין אין געצעלט. ווער ווייסט צי יענער האָט זיך נישט פאַרשטעלט פאַר אַ שוואַלב? ס׳פעלן מיר נישט קיין זינד, אָט־אָט וועלן זיי זיך אַ נעם טאָן צו מיר, שפּילן זיך מיט מיר, אַ קאַץ מיט אַ מויז. מע דאַרף שרייבן שנעל. די האַנט האָט אָבער געציטערט, די פעדער האָט געראַצט און נישט באַוויזן נאָכצופאָלגן די צעשרויפטע מחשבות; מ׳וועט סייווי דערפון גאָר־נישט פאַרשטיין, אפילו ווען ס׳וועט דערגיין.

אַלץ האָט אָבער אַ סוף. אפילו אין פּאַלאַפּאַלופּולו. דאָס וואָיען פון ים האָט אויפגעהערט. צו מיין געצעלט האָבן אָנגעהויבן דערגיין אַנדערע קלאַנגען פון די אינדזלער. זיי זענען אַרויס פון די געצעלטן ווי גיך זיי האָבן זיך דערוווסט, אַז דער ים האָט באַקומען זיינס. איך האָב אומזיסט

אומגעשט געצאַפּלט פון אַנגסט, ס'איז געווען אַ גרעסערער זינדיקער. יענער איז אַמאָל געווען פול מיט התפּעלות פאַרן ים, נאָר די פּאַלאַפּאַלופּולוער פּני האָבן שוין לאַנג געהאַט אויף אים אַן אויג.

אין פּאַלאַפּאַלופּולו האָט דער טאָג זיך אויפגעהויבן ווי געוויינלעך אַן אַנגעכמורעטער. די אינדזלער האָבן אַ ביסל פאַרשלאָפן און געאײַלט זיך צו זייערע באַשעפטיקונגען ווי קיינמאָל גאָרנישט. דער ים האָט געגלאַנצט, שימערירט מיט אַלע קאָלירן פון בלוי־זילבער און שמאַראַגדן־זילבערדיק. די אינדזלער האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּלויבן פון זיין גלאַנציקייט. און ווי איר ווייסט שוין האָט דער פּאַלאַפּאַלופּולוער קלימאַט אַזאַ אייגנשאַפט, וואָס מאַכט אַ תל פון זכרון. די פּאַלאַפּאַלופּולוער האָבן אינדערפרי פאַרגעסן די ביינאַכטיקע געשעעניש.

איך האָב נאָך נישט געהאַט פאַרגעסן, וואָרעם איך בין אַ היגער און נישט קיין היגער, אַ פּאַלאַפּאַלופּולוער און נישט קיין פּאַלאַפּאַלופּולוער. כ'האָב זיך געאײַלט דאָס אַלץ אויפצושרייבן, דער ים קאָן זיך ווען דאָס איז ווידער צעצאָרענען און פאַדערן זיינס, ס'קאָן זיין מיין ריי. מע דאַרף אויפשרייבן די צוואה, אפשר וועט זי דערגיין ערגעץ? אפשר וועט עס זיין אַ סגולה אויסצוהיילן דעם ים פון זיין גרים־צאָרן?

וואַרשע, יוני 1967.

אָן אַ טיטל

כ׳בין אַן אַקטיאָר. אַ יידישער אַקטיאָר. כ׳שפּיל, שפּיל אויס ראָלן. ווו ? אויף אַ סצענע, נאָר אַז ס׳איז נישטאָ קיין סצענע, איז אָן אַ סצענע. וואָס כ׳שפּיל ? פּיעסן, און אַז ס׳איז נישטאָ קיין פּיעסן, איז אָן אַ פּיעסע. פאַר וועמען איך שפּיל ? פאַר אַן אוידיטאָריע, עקסצעלענציאַ דאָקטער, נאָר אַז ס׳איז נישטאָ קיין אוידיטאָריע שפּיל איך אויך, דער עיקר איז די ראָל און נישט די אוידיטאָריע. איך לערן אויס אַלע מאָל אַן אַנדער ראָל און שפּיל זי אויס, פון דעם דאָס פּנים, עקסצעלענציאַ דאָקטער, צעדראָפּעטביים אויספּירן די ראָל, קוים וואָס ס׳פאַרהיילט זיך און מען דאַרף ווידער שפּילן. זעט מיינע הענט, דאָקטער, ס׳איז פון די שויבן, גע־מוזט אויסהאַקן מיט די הוילע הענט, לויט דער רעזשי. אַז מ׳וועט אַראָפּנעמען די באַנדאַזשן וועט מען ווידער דאַרפן שפּילן. צוואָס ? אַ שיינע שאלה, כ׳לעבן, דערויף בין איך אַן אַקטיאָר. איר, עקסצעלענציאַ דאָקטער, האָט געלערנט מעדיצין און היילט קראַנקע, געזונטע אויך, מיך אַ שטייגער. מיין ווייב זאָגט איר מוזט מיך היילן, כאָטש כ׳בין געזונט. מיך האָט מען אויסגעלערנט שפּילן טעאַטער, שפּיל איך.

ווידער אַמאָל צוואָס ? מ׳הייסט, אַן אַקטיאָר טוט וואָס דער רעזשי־סער הייסט און באַסטאַ ! אַ געניטער רעזשיסער, מ׳קאָן זיך פאַרלאָזן אויף אים, לאַנגע יאָרן איינגעשטודירט מיט מיר ראָלן, נישט אָפּגעטראָטן פון מיר ביז אַלץ איז געווען טיפּ־טאָפּ. כ׳האָב אַריינגעלייגט מי און מאַ־טערניש, גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן.

ווער דער רעזשיסער ? דאָס ווילט איר עקסצעלעציאַ דאָקטער, וויסן ? דאָס טאָר מען נישט דערציילן, אַ פּראָפעסיאָנעלער סוד, אַן אָנשטענדי־קער אַקטיאָר גיט נישט אויס קיין סודות. וואָס הינטער די קוליסן דער־ציילט מען נישט, אויף פּראָפעסיאָנעלע סודות שטייט די וועלט, קוים וואָס זי האַלט זיך אויף די פיס. אויסזאָגן וואָס הינטער די קוליסן קאָן זיך חס

וחלילה די וועלט איבערקערן, מע מוז זי ראַטעווען בסוד סודות. איך מוז אויך צולייגן אַ האַנט צו ראַטעווען די וועלט. איך שוין זיך נישט, אַרבעט שווער, זעט, עקסצעלענציע, מיינע הענט? צעקאַליעטשעטע, האַ? מ׳קאָן נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט.

פאַרוואָס אין דער אייגענער שטוב? ביים אייגענעם ווייב און קינ־דער? ס׳וווּנדערט מיך אויף אייך, עקסצעלענציע דאָקטער, אַ געלערנטער מענטש און אַזאַ שאלה! אין דעם באַשטייט דער דראַמאַטיזם פון דער ראָל, דער קולמינאַציע־פונקט פון דער דראַמע — האַקן שויבן אין דער איי־גענער שטוב.

צי נישט קיין שאָד, קיין וויטיק וואָס ביי אייגענע? וואַרטס, וואַרטס, עקסצעלענציע, דאָ האָט איר אַ ביסל צוגעטראָפן. אַז כ׳האָב דערזען דורכן פענצטער מיין ווייב מיט די קינדער, האָט מיך אָנגעכאַפּט ביים האַרץ, אָט דאָ, דאָקטער; אין האַלדז האָט געשטיקט, נאָר דאָס האָט נישט איינס צום אַנדערן, אַ ראָל מוז מען אויספירן. דאָס שווערסטע דאָס צוגרייטן זיך, אַריינקריכן אין דער הויט פון אַן אַנדערן, ווערן אויס איך. איר פאַרשטייט, דאָקטער, וואָס מיינט אַריינלעבן זיך אין דער ראָל? דערנאָך, דערנאָך, יאָ, ס׳קוועטשט גוט אונטערן לעפעלע, אָבער אין דעם באַשטייט דער עפעקט. אַנומלט אויסגעהאַקט די שויבן ביי שווער און שוויגער, מיט אַ שטיין, געוואָרפן פון דער ווייטנס און געטראָפן, ס׳האָט נישט געהאַט דעם זעלבן עפעקט. עפּעס אַנדערש ביי אייגן ווייב און קינדער, אין דער איי־גענער שטוב, אי אין האַלדז שטיקט, דאָס האַרץ טוט וויי, אי איך גיב אַ זעץ מיט די אייגענע הענט אין די שויבן, בפרט ווינטער, ווען דער פראָסט ברענט. דאָס הייסט אַקטיאָרישקייט! עפעקט! שיער זיך נישט פאַנאַנ־דערגעווייִנט, און געשפּילט, פּינקטלעך לויט דער רעזשי.

פאַרוואָס מע הייסט מיר האַקן שויבן? אָ, נישט שיין, עקסצעלענציע דאָקטער! איך זאָג דען אַז מען הייסט? קיינער הייסט נישט, אָן אַקטיאָר שפּילט זיין ראָל און דאָס איז אַלץ, די לאָגיק פון דער ראָל פאָדערט. וואָס זי פאָדערט? נישט וויכטיק וואָס, אַ ראָל האָט לאָגיק, יעדע זאַך אויף דער וועלט האָט לאָגיק, טעאַטער האָט לאָגיק, אָן לאָגיק איז שווער צו פאַרשטיין די גאַנצע זאַך. איך וואָלט אייך עפּעס אויסגעזאָגט עקסצע־לענציע דאָקטער, נאָר ווענט האָבן אויערן. ניין? ווענט האָבן נישט קיין אויערן? און דער־אָ אויפן וואַנט? ער הערט אונדז נישט אונטער? אַ בילד אויפן וואַנט הערט דען נישט אונטער? טויב, זאָגט איר עקס־צעלענציע, ווי די וואַנט? ניין, דאָקטער, ווענט זענען נישט טויב. נאָר

אַז איר ווילט דווקא וויסן, עקסצעלענציאַ דאָקטער, טאָ בויגט זיך אָן, כ'וועל אייך זאָגן אויפן אויער ווי אַזוי איך לערן אויס אַ ראָל, בלויז אייך טרוי איך אָן דעם סוד: ביינאַכט, אין דער פינצטער, ווען אַלע שלאָפן, דער רעזשיסער שטייט אין אַ ווינקל און רעזשיסירט, איך חזר שטיל איין, מיינט נישט דאָקטער, אַז ס'איז אַ לייכטע זאַך, נישט איין נאַכט זיך געמאַטערט.

צי איך שלאָף נישט ביינאַכט? ווער שלאָפט דען היינטיקע צייטן? דער שלאָף איז שוין פון לאַנג אָפּגעשאַפט! פאַרוואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר, דאָקטער, איך זאָל שלאָפן? אויב מ'וועט אַמאָל צוריק איינפירן דעם שלאָף, איז מסכים, דעמאָלט וועל איך אויך שלאָפן, ס'וועט נישט גע־שען אַזוי גיך, איך זאָג אייך אָבער צו, עקסצעלענציאַ דאָקטער. ווי גיך ס'וועט אַרויס אַ פאַראָרדענונג מ'זאָל צוריק אָנהויבן שלאָפן, וועל איך זיך אונטערוואַרפן, דערווייל איז דער שלאָף אָפּגעשאַפט, און אַז אָפּגעשאַפט איז אָפּגעשאַפט.

ווען און ווי אַזוי מ'האָט אָפּגעשאַפט דעם שלאָף? איר ווייסט גאָר־נישט, דאָקטער, וואָס ס'טוט זיך אויף דער וועלט, ס'איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד, קינד און קייט ווייסט, אַז דער שלאָף איז פאַרהאַנגען ביז אַ נייער פאַראָרדענונג. איך זאָל דערציילן, ווי אַזוי? אַז איר ווילט דורכויס, טאָ זאָל זיין, נאָר איך מוז אָנהייבן פון אָנהויב, אַז איך וועל צוקומען צום סוף וועל איך דערציילן דעם סוף.

אָנגעהויבן האָט זיך פון דעם וואָס דער שלאָף האָט געהאַמעוועט די מענטשן צו גיין פאָרויס. איר פאַרשטייט, עקסצעלענציאַ, וואָס איך וויל זאָגן? כ'מאַך דאָס בקיצור — אונדז אַקטיאָרן האָט דער שלאָף צומ־מיינסטן געהאַמעוועט, נישט געלאָזט גענוג צייט צו לערנען די ראָלן, ער האָט אָפּגעריסן פון יעדן מעת לעת אַ שטיק צייט, מ'האָט נישט געקאָנט אָניאָגן, מען יאָגט און מען יאָגט און מען קאָן נישט אָניאָגן, האָט מען געמוזט אָפּשאַפן דעם שלאָף. נישט אינגאַנצן קלאָר? וועל איך אייך, עקסצעלענציאַ דערקלערן מיט אַ משל. — אָט האָבן מיר דורכצומאַכן אַ לאַנגן וועג, זאָל מען בעסער נעמען אַ באַן, מיר דאַרפן מיט דער באַן דורכפאָרן אַ לאַנגע שטרעקע און אויפן וועג אומעטום סטאַציעס. די באַן שטעלט זיך כסדר אָפּ, צוגעפאָרן ביז אַ סטאַציע און סטאָפּ, ווידער אָפּגעפאָרן אַ שטיקל וועג און ווידער סטאָפּ, די צייט לויפט און דער צוג שלעפט זיך פון סטאַציע צו סטאַציע. איצט פאַרגלייכט דאָס, עקסצעלענציאַ דאָקטער, מיט אַ יאָר, מיט אַ חודש ,אַ נו, באַרעכנט וויפל נעכט — אָפּגעאַרבעט אַ טאָג

און אַ סטאַציע, אַ נאַכט אָוועקגעפּטרט מיטן שלאָף, אַ טאָג אַרבעט און ווידער אַ סטאַציע, ס׳שלעפּט זיך. אָפּגעשאַפט דעם שלאָף, איז אויס פאַר־האַלטן זיך אויף די סטאַציעס, אויס טאָג און נאַכט, ס׳גייט אַ גאַנג, מען פאַרשלאָפט נישט קיין שטיק לעבן.

מען מוז שלאָפן, זאָגט איר עקסצעלענציאַ? אין וועלכן סטאַטוט שטייט געשריבן? נישט געווען אין ערגעץ אַזאַ דירעקטיוו, פאַרקערט, אַן אַנדערע פאַראָרדענונג געווען, נישט שייך צו זאָגן פאַראָרדענונג, אַ באַ־גרינדונג: ער איז אָפּגעלעבט דער שלאָף, גייט נישט מיט דער צייט, שלעפּט צוריק, רעגרעס. קוקט אַריין, עקסצעלענציאַ דאָקטער, אין דער ערשטער בעסטער ענציקלאָפּעדיע, וועט איר זען וואָס די מאָדערנע וויסנ־שאַפט זאָגט וועגן שלאָף, נאָר נישט אין קיין מעדיצינישע ענציקלאָפּעדיע, די מעדיצין, זייט־זשע מוחל, דאָקטער, אַן אַנצוּרירן אייער כבוד — איך האָב אויך אין די יונגע יאָרן געלערנט מעדיצין, אָוועקגעוואָרפן און גע־נומען זיך צו אַקטיאָרישער קונסט, די צרה נאָר וואָס איך בין אַ יידישער אַקטיאָר, אָבער אַלץ בעסער ווי האָבן צו טאָן מיט אָפּגעלעבטע טעאָריעס — האָט קיין פאַריבל נישט דאָקטער, די מעדיצין געהערט צו דער אַלטער וועלט, געבליבן הינטערשטעליק, זי פאַרט מיט אַ באַן, וואָס שטעלט זיך אָפּ אויף אַ סך סטאַציעס, לויטן אַלטן שטייגער; וועגן שלאָף ווייסט זי גאָרנישט ווי ער האָט געהאַמעוועט דעם פּראָגרעס. האָבן מענטשן מיט גרויסער זאָרג פאַר דער מענטשהייט פאַראָרדנט אָפּצושאַפן דעם שלאָף. פון דעמאָלט אָן קאָן אַלץ גיין מיט אימפּעט, מיט איין גאַנג, ווי אַ שטייגער אַ קאָסמישע שיף, וואָס שווימט אין קאָסמאָס ווי אויפן ים. אויפן ים זענען פאַראַן סטאַציעס? נישטאָ, האָ? אין קאָסמאָס אויך נישט, האָ? אָן אַנ־צוּרירן אייער כבוד, עקסצעלענציאַ דאָקטער, די מעדיצין האָט פאַראור־טיילן, כלערליי אַלטע מנהגים און זיטן. אָט אַ שטייגער, מיין ווייב האָט געקריגן אַ באַפעל פון דאָקטער צו צווינגען מיך צו שלאָפן — מיט פּילן, נישט אַנדערש נאָר איך זאָל שלינגען פּילן. איך טרינק גאָרנישט אין אָוונט, זיי גנבענען אַריין אין טרינקעכץ אַזאַ אָפּיום צו פאַרדולן דעם מוח, צו פאַרטעמפּן און איינשלעפערן. זאָג איך זיי: ראשית האַלט איך נישט פון דער מעדיצין, והשנית גיי איך נישט קעגן געזעץ, אַז אָפּגעשאַפט דעם שלאָף, איז אָפּגעשאַפט און באַסטאַ, אַז ס׳וועט קומען אַ צייט מ׳וועט הייסן שלאָפן, וועל איך.

צי איך וועל נאָך אויסהאָקן שויבן? אויב מען וועט דאַרפן, וועל איך. ניין, דאָ נישט. וואָס פאַלט אייך איין, עקסצעלענציאַ דאָקטער? דאָ

אָן אַ טיטל

בין איך נישט ביי זיך, אַ גאַסט אין דער פרעמד. מ׳האָט מיך דאָ נישט געשיקט אויף גאַסטראָלן, נאָר צו גאַסט, איך שפּיל אויף אַן אַנדער סצענע, בלויז פאַר אַן אייגענער אוידיטאָריע. וואָס וואָלט אַרויסגעקומען פון אַן אויסגערעזשיסירטער פּיעסע, ווען איין אַקטיאָר וואָלט אַרייַנגעקראָכן אין דער ראָל פון אַ צווייטן? ס׳וואָלט געווען ווי, אַ שטייגער, מיין ווייב וואָלט אויסגעמישט די רפואות פון איין דאָקטער מיט די רפואות פון אַן אַנדערן דאָקטער. מיר איז אַלצאיינס, איר עקסצעלענציאַ דאָקטער, זאָגט מען טאָר נישט. מיין רעזשיסער זאָגט אויך מען טאָר נישט. אַמאָל האָט מען יאָ געטאָרט, דעמאָלט געשפּילט פאַרשידענע ראָלן, געהאַקט אַמאָל שויבן ביי פרעמדע מענטשן אויך. איר מיינט, עקסצעלענציאַ, אַז נאָר שויבן געהאַקט? געשפּילט שוין אַלץ. געווען צייטן, ווען דער רעזשיסער האָט מיך שטאַרק געליבט, דער עולם האָט געפּאַטשט בראַוואָ, דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט פאַר מיין טאַלאַנט, מ׳האָט מיר פאַרגעוואָרפן, אַז כ׳האָב אַוועקגעהרגעט אַלע ראָלן, געבראַכט אומכבוד דעם טעאַטער; פרעגט נישט, דאָקטער, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען, ווי איך וואָלט בכיוון געוואָלט אומברענגען דאָס טעאַטער. איך בין געווען שולדיק, ווי איר, עקסצעלענציאַ, איך האָב דען אויסגעקליבן די פּיעסע און צוגעטיילט זיך אַ ראָל? אָבער כ׳האָב געהאַלטן דאָס מויל. דער רעזשיסער האָט נישט ליב קיין רעדערייען, דער אַקטיאָר דאַרף שפּילן זיין ראָל און נישט פילאָזאָפירן. פון דעמאָלט האַק איך אויס די שויבן בלויז ביי אייגענע, מיט די הוילע הענט און אין דער שטיל. אַלץ האָט זיין צייט. ניין, ניין, עקסצעלענציאַ, זייט רואיק, דאָ נישט, דאָס אָרט, ווו מען שפּילט האָט אַ סך צו זאָגן. איינשטיין, אַ שטייגער האָט געשפּילט פידל בלויז ביי זיך אין צימער, זיינע פאָרשונגען האָט ער געפירט אין זיין לאַבאָראַטאָריע; ווי וואָלט עס אויסגעקומען, ווען ער וואָלט געשפּילט פידל אין לאַבאָראַטאָריע און די פאָרשונגען אַריבערגעטראָגן צו זיך אין צימער? מ׳וואָלט געזאָגט, אַז איינשטיין איז משוגע געוואָרן. מענטשן האָבן אַ טבע אין עפּעס אַ נישט רעגולערע זאַך צו זען משוגעת, מען האָט ליב יענעם איינצורעדן, אַז ער איז משוגע. איר מיינט, עקסצעלענציאַ, אַז מיך האָט מען שוין נישט חושד געווען? און ווער? מיין אייגן ווייב די ערשטע. ס׳איז געווען, ווען כ׳האָב געהאַט אויסגעשפּילט אַ ראָל, אַויסגעהאַקט ביי זיך אין צימער די שויבן, מיט איין זעץ; מיין ווייב האָט ווי אַ משוגענע אַ געשריי געטאָן: גוואַלד מענטשן, ער איז משוגע געוואָרן! כ׳האָב זיך גלייך געכאַפּט, אַז מיט איר איז נישט מיט אַלעמען, פון לאַנג האָט

אַפּגעריסענע צווייגן

זיך שוין געהאַט צעבראָכן עפּעס אַ קלעפּקע ביי איר אין קאָפּ, יענץ מאָל האָב איך געהאַט אַ גוטן סימן: אַ משוגענער האָט אַ טבע צו זאָגן אויף אַן אַנדערן, אַז ער איז משוגע. פונדעסטוועגן האָבן שווער און שוויגער און די גאַנצע משפּחה געטענהט, אַז איך בין דער משוגענער און נישט זי. כ'האָב זיך וויניק וואָס איבערגענומען, זאָלן זיי פּלאַפּלען, דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע, אַז איר פעלט אַ קלעפּקע, זענען זיי זיכער אויך געכאַפּט אין דער מעשה.

צי איך באַדויער כלל נישט דאָס אויסהאַקן די שויבן? איך ווייס נישט עקסצעלענציאַ, וואָס איר מיינט דערמיט. אפשר האַלט איר מיך אויך פאַר אַ משוגענעם?

וואַרשע —אַבאַרי, אויגוסט 1967.

פּאַפּירענע אוצרות

ער איז געשטאַנען אָנגעבויגן איבערן אַרבעטס־טיש און געקוקט אויף די שטויסן פּאַפּירן ווי ער וואָלט זיי צום ערשטן מאָל געזען. דאָס פּנים האָט געפלאַמט, די אויגן האָבן געברענט מיט נישט קיין הימלעכן ברען, אין מוח האָט זיך אומאויפהערלעך געדרייט די זעלבע פראַגע: וואָס טאָן דערמיט? וואָס יאָ און וואָס נישט לייגן אין די רייזע־וואַליזעס? ער האָט הילפלאָז פאַנאַנדערגענומען די הענט, אַראָפּגעלאָזט זיי מאַכטלאָז, ווי זיי, די הענט זיינע, וואָלטן שטילערהייט אָפּגעזאָגט אויסצופירן די אַרבעט, וואָס דער „שכל הישר״ באַפעלט זיי אויסצופירן.

אויפן לאַנגן טיש איז אַן אָנוואַלגערניש, אַן אָנוואַרפעניש פון קאַרטאָטעקעס, גרויסע, אָנגעשוואָלענע קאָנווערטן, אָנגעפּראָפּטע מיט פאָטאָגראַפיעס, בריוו, אַ ראַמש מיט צעשיטע מאַנוסקריפּטן, איינצעלנע בלעטלעך, העפטן, העפטלעך, נאָטיץ־ביכלעך און סתם אַלערליי פּאַפּירן און פּאַפּירלעך, צונויפגעשפּיליעטע און איינצעלנע, באַדעקטע מיט פאַרשיידענע פאַרצייכענונגען און נאָטיצן. דאָס מאָל האָט ער אַרויסגעצויגן אַלץ שוין, צום לעצטן מאָל, ס׳מוז נעמען אַ סוף, אַן עק, אַהער אָדער אַהין. ליגן איצט פאַר אים אי נישט לאַנג צוריק פאַרשריבענע בויגנס, צוזאַמענגעשפּיליעטע און באַזונדערע, געמעקטע, אויסגעבעסערטע מאַנוסקריפּטן, צוגעגרייטע איבערצושרייבן אויף דער מאַשין, אי אַלטע, פאַרגעלטע, אויסגעריבענע בלעטלעך, פאַרשריבענע מיט אַ נערוועזער שריפט און ציטערנדיקער האַנט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק. ער האָט זיי געהאַט געפלעגט און געצערטלט, אויסגעהיילט נאָך אַ דריי יעריקער פּייכטקייט־חולאת, וואָס דאָס ביליקע פּאַפּיר צוזאַמען מיט דער שריפט האָבן געכאַפּט אין דינעם, בלעכענעם שאַכטל. און כאָטש דאָס פאַרשריבענע האָט פון לאַנג שוין אַ תיקון באַקומען אין שריפטן און ביכער, האָט ער די אויסגעטרוקנטע, אויסגעמאַטערטע בלעטלעך אויסגעקלעפּט אויף געזונטן פּאַפּיר און געהיטן זיי ווי דאָס אַפּל פון אויג. איצט קוקט ער אויף דעם

אָפּגעריסענע צווייגן

אַלעמען מיט אומעטיקע אויגן און אין קאָפּ דרייען זיך מחשבות: אַ חלול השם דאָס אויך צו געבן, אַז אַזעלכע הענט זאָלן דאָס באַרירן, אַז שפּיציקע אויגן זאָלן דאָס דורכשטעכן.

שלמה שפּיעוואַק האָט זיך האַסטיק אָוועקגעזעצט, ווי די פּיס וואָלטן זיך אונטער אים אונטערגעהאַקט. ער האָט מיט אַ שנעלער נערוועזער באַוועגונג פון דער האַנט צוגערוקט דעם ביוראָ־קויש צום טיש, ווי ער וואָלט זיך דאָס מאָל מיטן קוישל געוואָלט אַן עצה האַלטן.

שוין קרוב צוויי וואָכן ווי שלמה ציט אַרויס פון דער אַרכיוון־שאַנק, פון דער ביבליאָטעק און פאַרשידענע שופלאָדן קאַרטאָטעקעס, שאַכטלעך, קאָנווערטן, אַלערליי צונויפגעבונדענע פּעקלעך און פאַנאַנדערגעשיטע „שמות". נישט איינמאָל איז דאָס דורכגעזיפּט געוואָרן דורך זיינע פינגער, דורכגעלויכטן געוואָרן דורך זיינע באַברילטע אויגן, ס'ווערט יעדעס מאָל ווייניקער און ס'איז נאָך אַלץ פאַראַן אַ סך.

די ערשטע כּפּרה זענען געווען בריוו. גיי זעץ זיך אַוועק קאָנטראָלירן אַזוי פיל הונדערטער בריוו, פרעמדע ווי פרעמדע, נאָר די אייגענע. אַן איינפאַל געהאַט! געלאָזן זיך קאָפּיעס פון אייגענע בריוו. ער פלעגט זיך פאַר זיינע נאָענטע פריינט וויצלען: צוואָס מטריח זיין מענטשן זיי זאָלן נאָך מיין טויט דאַרפן צונויפקלייבן מיינע בריוו צום אַרויסגעבן? בעסער איבערלאָזן אַלץ גרייט. צוריק געשמועסט, בעסער אויך נישט צופיל זיך פאַרלאָזן אויף אַנדערע.

ס'איז ביי אים פאַרבליבן אַן אָפּגעראַטעוועטער בריוו פון בּרונאָ שולץ. ווי האָט ער זיך דאָס געגרויסט דער יונגער שרייבער מיטן בריוו פון דראָהאָביטשער קאַפקאַ! אָפּגעראַטעוועט אים אין בלעכענעם שאַכטל, נאָך איינער פון דער קליינער צאָל פאַרבליבענע פון די איבער דריי טויזנט, ס'וואָלטן היינט געווען עטלעכע בענדער שולצס בריוו.

קוקנדיק איצט אויפן בריוו פון ברונאָ שולץ האָט ער דערזען ווי דער געשטאַפּאָ־אָפיציר האָט דעם שרייבער און מאָלער אין דראָהאָביטשער געטאָ אַנגעכאַפּט פאַרן קאַרק, לאַנג אים אַריינגעקוקט אין די צעשראָקענע אויגן און דערנאָך ערשט אַריינגעשאָסן אַ קויל אין קאָפּ. צי האָט ער אין יענע מינוטן־אייביקייטן געטראַכט וועגן זיינע צעוואָרפענע, באַדראָטע מאַנוסקריפּטן און בילדער?

ניין, אים כאַפּט קיינער נישט אַן פאַרן קאַרק. קיינער שטייט נישט

איבער אים מיט קיין פּיסטאָלעט. ברונאָ שולץ איז אַנטלאָפן, דער דייטש איז געווען פלינקער און שטאַרקער. ער, שלמה, דאַרף נישט אַנטלויפן, קיינער דראָט אים נישט מיט קיין רעוואָלווער. וואָס איז דאָס איילעניש? פאַרוואָס זיך אונטערגעבן? איצט, ווען ס'וועט פון אַלעמען ווערן אַ באַרג אַש?

ער האָט זיך לייכט נישט אונטערגעגעבן. קיין שום זאַך איז אים לייכט נישט אָנגעקומען, נישט דאָס אומברענגען דאָס, וואָס ער האָט שוין אומגעבראַכט, און נישט דער באַשלוס צו פאַרלאָזן פּוילן.

ווי אַזוי נעמט מען איצט דאָס אַלץ מיט?

ס'איז געווען זיין לעצטער אַרגומענט. זי, דאָס ווייב זיינס, ווי גיך ס'האָט זיך געעפנט אַ פענצטערל, איז זי גרייט געווען אַרויסצופליען, צומאָל איבערצולאָזן אַלץ.

ער וואָלט אויך אַלץ איבעריקע געלאָזט, אָבער נישט דאָס־אָ.

— אפשר וועט מען דאָך אָפּוואַרטן אַ שטיקל צייט? ס'קאָן זיך פאַרט ענדערן, ס'קאָן ווערן לייכטער מיטצונעמען.

— צוליב דיינע פּאַפּירענע אוצרות וועלן מיר אומקומען, זיי וועלן אונדז דערשטיקן מיט גיפט, וואָס זיי גיסן פאַנאַנדער אין די צייטונגען, אין ראַדיאָ און טעלעוויזיע, פּונקט ווי מ'האָט דערשטיקט מיט ציקלאָן־גאָז. זאָל זיין אַז נישט צום טויט, אָבער זיי צעשפּרייטן סם יעדן טאָג, איך קאָן שוין מער נישט! די קאַשמאַרן פון אַמאָל קומען יעדע נאַכט צוריק.

דער פאַרגלייך האָט אים זייער ווייט געטאָן. מיט עטלעכע חדשים צוריק וואָלט ער איר דאָס אַזוי טרוקן נישט אַדורכגעלאָזט. דעמאָלט האָט ער נאָך אויך נישט געזען פאַר די אויגן ברונאָ שולץ אין דראָהאָ־ביטשער געטאָ. ער האָט דאָס אָבער אויך איצט פאַרן מויל נישט אַרויס־געבראַכט; ער האָט געשוויגן, ווען דאָס ווייב האָט אים יעדן טאָג געיאָגט אָנצוגעבן אויף אַרויספאָרן. ער האָט פאַרביסן די ליפּן, ווען פריינט און באַקאַנטע זענען געקומען דערציילן וואָס ס'טוט זיך, געשוויגן ווען מ'האָט געפרעגט ביי אים אַן עצה, אָבער אין אים האָט עפּעס משונהדיק כסדר געשריען.

ער האָט אַליין נישט געוווסט צי צוליב דעם ווייבס פאַנאַנדערטרייס־לונג, איר אונטעריאָגן, צי צוליב דעם אינעווייניקסטן געשריי האָט ער אַנטשיידן מער נישט צו וואַרטן. אָנגעגעבן אויף אַן אַרויספאָר קיין יש־ראל און באַקומען אַן ענטפער אַ סך גיכער ווי זיי האָבן זיך געריכט.

אַפּגעריסענע צווייגן

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אָן איילעניש, אַ לויפעניש. מיט וואָס פריער זיך פאַרנעמען? טאָג איין, טאָג אויס שפּאַנט מען פון איין אָמט אין צווייטן, מען טרייבט אַרויס און מען דאַרף נאָך אַליין צוגרייטן די קאָמ־פּליצירטע פּראָצעדור פון דער פאַרטרייבונג. און ווי אַזוי אין אַזאַ קור־צער צייט באַווייזן אַלץ צוצוגרייטן צו פאַרלאָזן אויף שטענדיק דאָס גע־בורטס־לאַנד?

דאָס ווייב האָט זיך געהאַלטן ביי אירס: זי וועט נישט אַרומלויפן נאָך אַ „ליפּט״, וועט זיך נישט שלעפּן מיט דעם אַלעמען, וועט פאַרקויפן וואָס און ווי אַזוי ס׳לאָזט זיך, דאָס איבעריקע פאַנאַנדערטיילן און צו־קויפן דאָס, וואָס לייכטער מיטצונעמען, זי וועט נישט אויסצאַפּן פון זיך דאָס לעצטע ביסל כוחות.

דערויף איז שלמה לייכט איינגעגאַנגען. און צו וואָס טויג אים דען דאָס אַלץ, אויב ער וועט נישט קאָנען מיטנעמען דאָס, וואָס איז אים צום טייערסטן? דאָס וואָס איז אַ טייל פון אים גופא, ער גופא?

אין געטאָ האָט ער שטענדיק געהאַט מזל — אַ פאַרבינדלער געווען צווישן אַ סך מענטשן און דעם „עונג שבת״. אַלץ וואָס מ׳האָט אים איבער־געגעבן האָט ער בשלום דורכגעפירט דאָרט ווו מ׳האָט גענאַרפט. מיטן לייגן אין די מילך־קאַנען און בלעכענע קעסטלעך, מיטן באַגראָבן האָט ער זיך נישט פאַרנומען, אָבער זיינע אייגענע פאַרצייכענונגען, פאַרשידענע שמות, שריפטן האָט ער אַליין באַשטאַט: אין קליינע מעטאַלענע שאַכטלעך באַ־גראָבן טיף אין קעלער פון זיין אייגן הויז, און דאָס הויז איז על־פּי נס געבליבן ווי אַ נאַקעטער סקעלעט — בלויז אויסגעברענט געוואָרן.

ער האָט פריער נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס געטאָ ביז וואַנען ער האָט דאָס נישט באַשטאַט. הייַנט... עס דראָט דאָך נישט דאָס, וואָס דאָרט... אַלץ צוליב איר, צוליב איר יאָגעניש, זי איז איגנאַנצן צעשרויפט: „כ׳בין פאַרסמט, פאַרסמט״. טראָגט אים אונטער די צייטונגען — „נאַ, זע, וואָס ס׳טוט זיך״. יאָגט אים אונטער, לאָזט נישט צו־רו, זאָל מען אָט שוין באַלד. פאַרוואָס זאָל ער אָבער אַרויפוואַרפן אַלץ אויף איר? עפּעס אין אים יאָגט דאָך אים אויך אונטער. דער שטומער געשריי, דער יאָמער אין האַרץ יאָגט.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט, געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך די מחשבות ווי אַ זשמודנע פליג, געטריבן און זיי זענען צוריקגעקומען.

✶

אַן אַנגעשוואָלענער קאָנווערט איז אים אויפפאַלנד געוואָרן. ער האָט געוואָלט דאָס מאַכן געלאַסן, נישט צעשיטן און קעגן זיין ווילן אויסגע־שאָטן די אויסגעסאָרטירטע בריוו. שוין איינמאָל געהאַט דורכגעקוקט: אייגענע בריוו־קאָפּיעס, געשריבענע נאָכן „פּוילישן אָקטאָבער״, געשריבן דעמאָלט צו פּריינט אין אַלע עקן וועלט פּונקט ווי נאָך דער מלחמה. צי איז כדאי צוליב דעם...? זיינע הענט האָבן זיך אויסגעצויגן צונויפצו־נעמען, צו צערייסן, זיי האָבן אָבער די בריוו צוריק געשטופּט אין קאָנ־ווערט, אין קאָפּ האָט דורכגעבליצט אַ געדאַנק: זאָלן זיי אַליין בודק זיין, זאָלן זיי.

שלמה האָט אַריינגעוואָרפן דעם קאָנווערט אין דער אָפענער וואַ־ליזקע און גענומען זיך צו אַ שטויס פּאַפּירן. אויך דאָס שוין געהאַט דורכגענישטערט, אָבער נישט אויסגעסאָרטירט. זי, זיין לאהלע, איז גע־רעכט, ער וועט זיך גראָבלען אין דעם אַלעמען אַזוי לאַנג ביז... ס׳מוז געמאַכט ווערן אי גיך, אי מיט אַ קלאָרן, קאַלטן קאָפּ.

ער האָט צונויפגענומען אַלע כוחות, אויפגעצוואונגען זיך צו זיין רואיק, קאָנצענטרירט. ער נעמט זיך צו די קאַרטאָטעקעס, מאַנוסקריפּטן, גראָבט איין אין זיי דעם קאָפּ: די מיד־ברענענדיקע אויגן שלינגען די שורות, כאַפּן בלויז דאָ און דאָרט אַ קוק. ער האָט דאָך דאָס אַלץ שוין דורכגעקוקט. די הענט הייבן אָן שנעל זיך באַוועגן: אַ מאַנוסקריפּט אויף רעכטס, אַ מאַנוסקריפּט אויף לינקס; אַ קאַרטאָטעקע אויף לינקס אַ קאַרטאָ־טעקע אויף רעכטס. ס׳גייט ווי געשמירט, עטלעכע בלעטלעך רעכטס, עט־לעכע לינקס; אויף ס׳ניי לייענען נישט נויטיק, מ׳דאַרף בלויז פאַנאַנדער־סאָרטירן וואָס אויף רעכטס און וואָס אויף לינקס.

מיט אַ גרויסן נאָטיץ־בוך גייט עס אָבער שוין נישט גלאַטיק — נישט אַהער און נישט אַהין. ער געפינט אָבער באַלד אַן עצה: אַרויס־רייסן דעם מיטלסטן טייל, דאָ און דאָרט אַ בלעטל. ס׳וועט זיין ווי אַ קער־פּער מיט אָפּגעשניטענע גלידער. שניידט מען אָבער דען נישט אָפּ אַ גליד צו ראַטעווען דעם קערפּער? די פינגער באַוועגן זיך ווידער פּיבערדיק, פלינק — די אַרויסגעריסענע בלעטלעך גייען אויף לינקס, דער פאַרוווּנ־דעטער העפט אויף רעכטס.

די אויסגעסאָרטירטע מאַנוסקריפּטן, וואָס פון ביידע זייטן טיש, קוקן אויף אים מיט אַנגסט. אים דוכט זיך, אַז זיי פרעגן: וואָס ווייטער? ער

טרייבט אָבער אָפּ די פראַגן, אין מיטן טיש ליגט נאָך אַ שטויס פּאַפּירן, צונויפגעשפּיליעטע און איינצלנע זייטלעך, אַרויסגעטרייבערטע פון העפטן און נאָטיץ־ביכלעך, בלעטלעך און בלעטעלעך מיט פאַרצייכענונגען, אי־בערבלייבענישן פון אומגעבראַכטע נאָטיצן. אויך דאָס איז שוין איינמאָל דורכגעלויכטן געוואָרן דורך זיינע אויגן, שוין פאַרמשפּט געווען צום אומ־קום און ער האָט עס געלאָזט דערווייל לעבן.

ווי אַזוי האָט זיך דאָס פאַרט אַזוי פיל אָנגעזאַמלט אין די עטלעכע צוואַנציק יאָר? אַזאַ מיאוסע טבע ביי אים — שטענדיק מוז ער אַלץ אויס־גיסן אויפן פּאַפּיר: געלייענט אַ בוך, איז געטיילט זיך מיטן פּאַפּיר, גע־שמועסט מיט עמעצן, געזען עפּעס — דאָס פּאַפּיר האָט גלייך באַקומען אַ באַריכט, אַ פאַרציע רעפלעקסיעס; פאַרטראַכט אַן אַרבעט, נאָך אַליין געגנוי נישט באַנומען וואָס ס׳וועט דערפון אַרויסקומען און שוין נאָטירט ער — אָפּגעריסענע זאַצן, צעריסענע, צעקרישלטע געדאַנקען, קאָנטורן פון סי־לועטקעס, שטיקלעך דיאַלאָגן. אָט אַזוי בויט ער פון שטענדיק אָן; איידער ער האָט נאָך אַ געניויעם פּלאַן פון דער געביידע, קלייבט ער ציגל, ליים, בוי־מאַטעריאַל — שטויסן פּאַפּירן מיט פּאַפּירלעך, העפטן מיט העפטלעך. דערנאָך איין ווערסיע, אַ צווייטע, טיילמאָל אפילו אַ דריטע. זיי זענען אים טייער געווען, געהיט דאָס, ווען דאָס בוך איז שוין אַרויס אויף דער ליכ־טיקער וועלט. אָבער מיט דעם האָט ער זיך איצט נישט געצאַצקעט, געריסן מיט רוגזה און אָנגעפּולט אַ קויש נאָך אַ קויש. געלאָזט האָט ער נייע זוימען, צעוואָרפענע, צעשפּרייטע שפּראָצונגען פון מוח, פון האַרץ, פאַרמאַכטע נאָך קנאָספּן, האָבן נאָך נישט אויפגעבליט. וואָס האָט געזאָלט דערפון אַרויסוואַקסן?

ער האָט ווידער געטריבן פון זיך די טראַכטענישן, נאָר דעם שטומען געשריי, וואָס האָט געשריען אין אים האָט ער נישט געקאָנט פאַרטרייבן. פון מאָל צו מאָל האָט זיך אים געדוכט, אַז ס׳הערט זיך אַ ווידערקול פון זיין אייגענעם, אינערלעכן געשריי. ער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן. ניין, אַרום איז שטיל, ס׳הערט זיך בלויז דער טיקטאַק פון וועקער, וואָס דערנעבן אויף אַ שענקעלע, ער מעסט די צייט, דער וועקער, און זי, די צייט וויל זיך נישט פאַרהאַלטן אויף קיין איין סעקונדע. זי איילט אים אונטער: מאָרגן דער לעצטער טערמין, ער מוז דאָס אַלץ צושטעלן צו דער צייט, אויב ער וויל...

דאָס אויג איז געפאַלן אויף אַ דיקן העפט מיט אַן אויפשריפט: „שמו־

עסן מיט זיך אַליין". ווי לאַנג האָט ער געפירט די שמועסן מיט זיך אַליין? ער געדענקט שוין נישט, וואָס פון דעם האָט געזאָלט געבוירן ווערן... ס'וועט שוין נישט.

ער האָט גענומען דעם העפט אין האַנט ווי ער וואָלט אויסגעפרווווט זיין וואָג, געפירט מיט די אויגן רעכטס און לינקס, לסוף אָפּגעלייגט באַזונדער, געלאָזט אַן איינזאַמען. וואָס באַדייט דאָס אָפּלייגן ווייסט ער אַליין נישט, אָבער צו פיל איילן זיך טאָר מען אויך נישט, צו פאַרברענען האָט ער נאָך צייט. ס'האָבן זיך אים דערמאַנט די רייד פון פּראָפעסאָר ק., זיין אַלטן פריינט: „אַלץ וואָס מ'קאָן נישט מיטנעמען וועל איך צונויפנעמען אין אַ שטויס, פאַרברענען און דאָס אַש אַריינלייגן אין אַ שאַכטעלע. אויב ס'וועט זיי נישט אויסזען פאַרדעכטיק, וועל איך דאָס אַש מיטנעמען און האַלטן לזכרון".

ס'האָט אים אָנגעהויבן שטיקן ווי אין צימער וואָלט פאַרפעלט לופט. די אָנגעבויגענע פּלייצע האָט אָנגעהויבן זיך בייזערן, צווויסן געגעבן, אַז שוין עטלעכע וואָכן בויגט ער זי איבערן טיש טאָג און נאַכט, זי קאָן מער נישט אויסהאַלטן. ער האָט זיך אונטערגעגעבן, אויפגעהויבן זיך און אָנגעהויבן שפּאַנען הין און צוריק. דער טיקטאַק פון זייגער האָט אים אָבער פאַרפאָלגט, ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף די ווייזערס און זיך צוריק געזעצט. ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז די שטויסן אויפן טיש זענען פאַר דער קורצער צייט גרעסער געוואָרן, ווי זיי וואָלטן אָנגעוירן. זיינע הענט האָבן זיך פון זיך אַליין אויסגעצויגן, צונויפגעקלאַמערט דעם מיטעלן שטויס, אַרויסגעריסן גאַנצע הויפנס און מיט רוגזה געפּליקט ביז דער מיטן טיש איז ליידיק געוואָרן און דער קויש דערלעבן פול איבערן אויג.

שלמה האָט זיך אומגעדרייט, געזוכט מיט די אויגן און געפונען ביי דער צווייטער זייט טיש די וואַליזקע. ער האָט געוואָלט זיך נעמען צום שטויס פון דער רעכטער זייט און זיך דערמאַנט: מ'מוז דאָך פריער אַלץ געננו׳ פאַרשרייבן, דריי קאָפּיעס פון דער רשימה דאַרפן מיטגיין צו דער קאָנטראָל. צו דעם מוז ער שוין האָבן לאהלעס הילף, ער וועט צוואַרטן אויף איר. וואָס וועט אָבער זיין מיטן שטויס פון דער לינקער זייט טיש?

אין קאָפּ האָבן אָנגעהויבן ווירבלען געדאַנקען, בילדער האָבן אָנגעהויבן שפּרינגען פאַר די אויגן, בילדער פון מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק. דעמאָלט האָט ער... ער האָט געגלויבט, אַז מ'וועט די בלעכענע שאַכטעלעך אויסגראָבן, אויב נישט ער, וועלן אַנדערע. היינט עצהט זיין

אפגעריסענע צווייגן

פריינט צו פאַרברענען. אין מוח האָבן פּלוצלינג אַנגעקלאַפּט פּערזן, ווי זיי וואָלטן איצט אויף ס'ניי זיך געוואָלט איינקריצן אין זכרון:

— אַ טאָג קען זיין, ווען זיין וועט דאָן אָן יידן גאָר אַ פּוילן,
אַ וואַרשע אָן אַ נאַלעווקעס, אַ וואַרשע אָן אַ ייד...
און בלייבן ווי אַן עכאָ נאָר... אין שורות פון אַ ליד.

ער האָט אונטערגעשפּאַרט דעם מידן קאָפּ מיט ביידע הענט, די אויגן איינגעגראָבן אין טיש און שטיל געמורמלט:

— איר הערט? אין ליד! נאָר דאָרט פאַרבלייבן וועלן זיי אויף שטענדיק! —

ווען און ווו האָט ער אַזוי געדיכטעט, יוסף רובינשטיין?

דאָס ווייב האָט אים נישט געלאָזן קיין צייט זיך צו באַטראַכטן. ער האָט נישט געהערט ווי לאהלע איז אַריין אין צימער, געקומען אַ דער־שעפּטע, דענערווירטע און געטראָפן אים איבער די שטויסן פּאַפּיר; זי איז געוועזן זיכער, אַז ער האָט זיך שוין אָפּגעפּאַרטיקט דערמיט, ס'האָט איר פאַרקלעמט דאָס האַרץ, ווען זי האָט אים דערזען מיטן קאָפּ אָנגע־שפּאַרט אויף די הענט און פאַרט האָט זי אויסגעשריען:

— דו זיצסט נאָך אַלץ איבער דיינע פּאַפּירענע אוצרות! מאָרגן אינ־דערפרי דאַרף עס דאָרט זיין! דו פאַרגעסט, אַז אין צען טעג אַרום מוזן מיר פאַרלאָזן דאָס לאַנד, קיין איין טאָג לענגער טאָרן מיר דאָ נישט בלייבן.

שלמה האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אויסגעגלייכט זיך אַ ביסל און שטיל, מעכאַניש איבערגעחזרט דעם ווייבס ווערטער:

„קיין איין טאָג לענגער טאָרן מיר דאָ נישט בלייבן."

פּאַריז, אָקטאָבער 1968



דריי באַגעגענישן און אַ הילצערנער פּוס

אַ וויסטער מרה־שחורהדיקער שטח, אַ נידעריקער און פֿאַרזונקע־נער אין אַפּגעלאָזנקייט און אומעט, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געווען אַ האַרבער עדות פֿון מיט איבער אַ פֿערטל יאָרהונדערט צוריק.

דער נידעריקער שטח ליגט האַרט ביי דער זייט פֿון דער אַמאָלי־קער יידישער געגנט אין וואַרשע, כמעט הינטערן נאָז פֿון דאַנציקער וואָקזאַל. לאַנגע, מאַסיווע סקלאַדן־באַראַקן ציִען זיך פֿון צוויי זייטן אין דער לענג, צווישן זיי אַ נאַקעטער, שטויביקער פּלאַץ. אויב ס׳ווילט זיך נישט גלויבן, אַז דאָ קעניגט ביד החזקה דער צאַל־אַמט, באַשטעטיקן דאָס גלייך די לאַסט־וועגענער, דאָס אויסלאָדן קאַסטנס מיט קעסטלעך, פּעק מיט פּעקלעך, די מונדירירטע טשינאָווניקעס און די פֿאַרזאָרגטע, נערוועזע פּנימער פֿון די באַזוכער. מער ווי אַנדערשוווּ דערקענט מען דאָ די פּנימער פֿון יידן, וואָס אַ יעדערער קומט אַהער ווער ווייסט צום וויפֿלסטן מאָל — פֿריער נאָך אויסקונפֿטן, דערנאָך באַלייגן איינמאָל, אַ צווייט מאָל, טיילמאָל אַ דריט מאָל די רשימות און צוגאָב־רשימות פֿון דעם פֿאַרשריבענעם ביסל האָב און גוטס, דערנאָך פֿאַרברענגען דאָ לאַנגע טעג ביים רעווידירן דעם באַגאַזש.

דאָ האָב איך אים זומער 1968 באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל.

בערנאַרד איז געזעסן אויף אַ קליינער, שמאָלער באַנק, וואָס האָט דאָ על־פּי טעות פֿאַרבלאָנקעט אין אַ ווינקל הינטער דער נידעריקער געביידע. דער מאַסיווער, שווער־באַוועגלעכער קערפּער איז געווען ווי צוגעקלעפּט אי צו דער וואַנט, אי צו דער אַלטער באַנק, וואָס האָט קוים אויסגעהאַלטן די וואָג. דער ווייסער קאָפּ אַנגעשפּאַרט אין גרויען מויער, די אויגן האַלב פֿאַרמאַכט, דאָס צעקנייטשטע פּנים פֿאַראומערט, האָט ער אויסגעזען, ווי אַ מיסטעריעזער וואַנדערער, וואָס איז פֿון מידקייט איינ־געשלאָפֿן הינטער אַ צופֿעליקער וואַנט.

פריער האָבן זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן די אויסגעצויגענע פיס, דערקענט אים פון דער ווייטנס לויטן שטייפן, הילצערנעם פוס; דער שטעקן ביי זיין זייט האָט מיר אויך צווויסן געגעבן, אַז דאָס איז ער, כאָטש כ׳האָב אים שוין לאַנגע צייטן נישט געהאַט געזען.

—בערנאַרד ?

ער האָט אַ צאַפּל געטאָן, ווי מ׳וואָלט אים מיט אַ געשריי אויפֿ־געוועקט פון שלאָף, כאָטש כ׳האָב זיין נאָמען אַרויסגעזאָגט שטיל. ער האָט צעעפֿנט די אויגן, געקוקט אויף מיר אַ שווייגעדיקער, אויסגעגלייכט זיך אַ ביסל און ערשט דערנאָך אויסגעצויגן צו מיר די האַנט.

— וואָס טוסטו דאָ, בערנאַרד ?

— דאָס זעלבע וואָס אַלע יידן.

— דו אויך... ? האָסט שוין... ?

ער האָט מיר נישט געלאָזט קיין צייט צו פאַרענדיקן מיין צווייטע פראַגע, מיט וועלכער איך האָב באַגערט צו פאַרווישן די ערשטע, וואָס האָט זיך אומגעלומפּערט אַרויסגעריסן פון מויל:

— וואָס בין איך ? נישט קיין ייד ? מיינסט, אַז דאָס־אַ היט מיך אויס ?

ער האָט אָנגעוויזן אויף זיין שטייפן פוס און באַלד גענומען דעם שטעקן אין ביידע הענט, ווי ער, דער שטעקן זייער, וואָלט איצט געווען דער איינציקער אָנשפּאַר.

— מיינסט, אַז מיך רירט עס אָן ווייניקער ווי אַנדערע, אַז ס׳הויבט מיך נישט פון אָרט, פאַרקערט, ס׳יאָגט נאָך מער, צוליב דעם־אַ טאָקע.

ער האָט ווידער אָנגעוויזן אויף זיין הילצערנעם פוס, צוריק זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אויפן שטעקן און געשאָקלט מיטן ווייסן קאָפּ:

— אַזוי, אַזוי, אַזוי איז דאָס, קיין אַנדער אויסוועג נישטאָ.

— און ווי האַלט עס מיט די אַלע פּראָצעדורן ? ס׳גייט גלאַטיק ? אַלץ שוין צוגעגרייט ?

ער האָט מיך ווידער אָנגעקוקט, ווי איך וואָלט פון הימל אַראָפּגע־פאַלן און אָנגעהויבן מיר געבן צו פאַרשטיין:

— מיינסט איך האַלט שוין ביי דעם ? ס׳איז נאָך ווייט, נאָך נישט אָנגעגעבן, כ׳בין נאָך מיט מיין פּעלקען נישט פאַרטיק, דערווייל רעדט מען נאָר דערוועגן, טאָג און נאַכט, מען אַמפּערט זיך — זי אירס, איך מיינס: זי כסדר, אַז ס׳איז שוין נישט פאַר אונדז — איך מיט איין פוס,

דער איינער אויך קראַנק; זעסט, כ׳האָב צופיל וואָג, איין פוס קאָן נישט טראָגן אַזאַ מאַסע, איך מאַטער אים און ער מאַטערט מיך, נו, האַלט זי אין איין פרעגן מיך ווי אַזוי מיר וועלן דאָרט ? אין אונדזער עלטער ? ביי משפחה, זאָגט זי, איז גוט צו זיין אַ גאַסט אויף אַ חודש און נישט זיין אויף זייערע פלייצעס ווער ווייסט ווי לאַנג. איך זאָג נישט, אַז זי איז נישט גערעכט, און זי זאָגט נישט, אַז איך בין נישט גערעכט, וואָס איך וויל וואָס גיכער אַנטלויפן, ווייסט דאָך, צום ערגסטן, ווען ביידע צדדים זענען גערעכט. נו, האָבן מיר ביז איצט אָפּגעשלעפּט, ס׳דאַרף זיך אויס־שטיין, מ׳דאַרף זיך צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז אַנדערש קאָן דאָס נישט זיין, פריער אָדער שפּעטער, מ׳וועט מוזן...

— טאָ צוּוואָס ביסטו שוין געקומען אַהער ?

— אַז איך הער דאָס מע דאַרף האָבן אייזערנע כוחות צו דעם אַלעמען! בעסער פריער זיך אינפאָרמירן, ווייסט דאָך, פעלקע איז אויך נישט קיין גרויסער גבור. אַז שטאַרקע מענטשן ווערן דערהרגעט ביי די אַלע צוגרייטענישן, טאָ ווי וועלן מיר דאָס איבערקומען ? זי איז היינט נישט מיט אַלעמען, גייט נישט אַרויס, האָב איך איר געזאָגט איך גיי ווי־דער אין אַרטאָפּעדיע־אַמט און אויסגעדרייט דעם דישעל, געקומען אַהער באַצייטנס נאָך אויסקונפטן. אַ שטיק וועג, פאַרמאַטערט זיך, ביז כ׳האָב דאָס געטראָפן אויף דער וויסטעניש.

ער האָט מיר אָנגעוויזן אַן אָרט לעבן אים אויף דער באַנק:

— זעץ דיך צו, איילסט זיך דען ?

יאָ, כ׳האָב זיך געאיילט, אָבער כ׳האָב געוואָלט ווייטער הערן און בערנאַרד האָט געוואָלט ווייטער דערציילן:

— כ׳מוז נאָך האָבן אַ נייע פּראָטעזע, די טויג צו גאָרנישט, פון לאַנג געזאָלט טוישן, שוין אַ שטיק צייט ווי מ׳האָט מיר גענומען אַ מאָס און ס׳דויערט, זאָגן צו אַט־אַט באַלד און ס׳פאַרשלעפּט זיך. פאַר מיין לעבעדיקן פוס, וואָס כ׳האָב אָפּגעגעבן פאַרן לאַנד, מעגן זיי מיר כאָטש מיטגעבן אַ נייעם, הילצערנעם פוס. וואָס אַן אמת טויגן די היגע פּראָטע־זעס אויף כפרות, געזאָלט שוין מיט יאָרן צוריק פאָרן ערגעץ און לאָזן מאַכן אַ לייטישע פּראָטעזע. דאָ האָט פעלקע נישט געקאָנט זיך אויס־קלייבן, דאָ בין איך נישט געוועזן ביי די כוחות. פאַראַיאָרן געזאָלט ביידע פאָרן, נו האָט זיך געמאַכט די סעמאַטאַכע, מ׳האָט אונדז אָפּגעזאָגט דעם פּאַספּאָרט. איצט קאָנען מיר זיך ביידע אויסקלייבן, מ׳זאָגט שוין נישט אָפּ,

פּאַרקערט, מ׳הייסט זיך אָפּטראָגן, דאָרט ווו זיי שיקן. אַזוי, אַזוי איז דאָס, מ׳וועט אָנטאָן די נייע פּראַטעזע, אַ שטעקן אין האַנט האָב איך, מ׳זאָגט דאָך, אַז מ׳דאַרף נעמען דעם וואַנדער־שטעקן, נו, וועט מען.

ס׳האָבן זיך דערהערט טריט, זיי האָבן זיך אַלע מאָל מער דערנענטערט. מיר האָבן ביידע געשוויגן. בערנאַרד האָט ווידער ווי פריער צוגעקלעפּט די פּלייצע צו דער באַראַק־וואַנט. איך האָב געקוקט פאַר זיך און דערזען בילדער דורכציען פאַר די אויגן, כ׳האָב דערהערט פּעלקעס שטימע, ווי זי האָט מיר אַמאָל דערציילט. זי, פּעלקע, האָט אים אַ לעבן לאַנג געדאַרפט ראַטעווען, נישט לאָזן אונטערגיין, נאָך דעמאָלט, ווען ער האָט געהאַט צוויי געזונטע, שטאַרקע פיס.

מ׳האָט אים דעמאָלט גערופן בערל מיט די לאַנגע פיס. מ׳האָט אים אויך גערופן „פליער״. געפלויגן איז ער נישט, נאָר געלאָפן. אין ספּאָרט־קלוב, ווו בערל איז געווען אַ גאַנצער קנאַקער ביים פוטבאָל, האָט ער איינגעלייגט וועלטן צוזויפצושלעפּן אַ כאַפּטע לויפער. מ׳האָט חושד געווען, אַז ס׳איז געווען צוליב זיינע פיס. זיי, די פיס זיינע האָבן זיך געריסן צום לויפן און בערל האָט אַלע לויפערס „געשלאָגן״; מ׳האָט געזאָגט, אַז נישט ער לויפט, נאָר ער פליט, און ס׳איז אים צוגעקומען אַ נייער צונאָמען — „דער פליער״.

בערלס מאַמע, אַ קליינטשיקע, איינגעדאַרטע יידענע, וואָס איז אי פרי אַן אלמנה געוואָרן, אי פרי אַלט געוואָרן, האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז אַלע אומגליקן קומען פון איר בן־יחידס לאַנגע פיס. לאָ די זי האָט אים נישט געקאָנט אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דאָס „קאָפּן די פילקע״, האָט ער נאָך אָנגעהויבן „פליען״. ווי קומט דאָס צו אַ יידישן בחור? זי איז שוין גענוג געשטראָפט געוואָרן פון גאָט וואָס זי האָט געמוזט דאָס „איינציקע אויג אין קאָפּ״ אָפּגעבן פאַר אַ שניידער; וואָלט זי נישט געווען קיין וויסטע אלמנה, וואָלט זי פון איר בערעלען געמאַכט אַ לערנער. און אַז די וויסטע אלמנה האָט זיך דערוווסט ווי איר בן־יחיד „דראַפּעט זיך אויף די גלייכע ווענט״, האָט זי פריער געבעטן ביי גאָט, דערנאָך ביי פּעלקען זי זאָל ראַטעווען איר קינד.

און געדראַפּעט זיך אויף די גלייכע ווענט האָט בערל מיט אַזאַ געשיקטקייט, ווי ער האָט „געקאָפּעט די פילקע״ און „געפלויגן״. קיינער האָט נישט געקאָנט קאָנקורירן מיט אים אַז מ׳האָט געדאַרפט באַזאָרגן אַ רויטע פאָן אויף אַ הויכן טעלעגראַפן־סלופּ, אָדער אויף אַ שטאָטישע געביידע. דאָס ערשטע אומגליק איז טאַקע געשען, ווען בערל האָט געהאַט

פאַרן ערשטן מאַי אויפגעהאַנגען אַ פאַן אויפן הויכן קוימען פון דער שטאָטישער פאַבריק, געהאַט זיך שוין אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט קונציק אַראָפּגעגליטשט דורך דער אונטערשטער וואַנט, ווי דריי פאַר העגט האָבן אים אַריינגענומען אין אַזאַ קלעם, אַז זיינע לאַנגע פיס האָבן גאַרנישט געקאָנט אויפטאָן. דעם ווייטן פייף פון זיינע פּוילישע חברים האָט ער דערהערט צו שפּעט — און אפשר אינגאַנצן נישט דער־הערט.

בערל האָט אָבער דעם צוטרוי צו זיינע פלינקע פיס נישט פאַר־לוירן. ווען מ'האָט אים אַ צעמזיקטן איבערגעפירט פון פּאָליציי־קאָמי־סאַריאַט אין דער שטאָטישער תפיסה, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן ווי אַ וויכער און נעלם געוואָרן — ווי אַ שטיין אין וואַסער! די גאַנצע שטאָט איז געגאַנגען אויף רעדלעך, נאָר איין פעלקע איז געזעסן ערגעץ שטיל, און שטילערהייט אויך נעלם געוואָרן.

— זיי זענען קראַנק און געשוואָלן געווען אַליין זיך צו דראַפּען איבער די ווענט אויפצוהענגען די פאַן אויף זייער פאַבריק און נישט שיקן אַ יידיש יינגל. אַ בהמה! קלוג און קלוג און לאָזט מאַכן פון זיך דאָס כפּרה־הינדל — האָט בערלס מאַמע אויסער זיך פון צער אי געזידלט דעם זונס חברים, אי אים גופא געמוסרט פון דער ווייטנס.

פונדעסטוועגן איז זי אָוועק שטילערהייט אויפן מאַנס קבר און מיט טרערן אין האַלדז און אַ פאַרשטיקטער שטים אַריינגערעדט דאָרט, אַז ער, דער טאַטע זאָל זיך מיען פאַרן איינציקן זון, פאַר איר „אויג אין קאָפּ". דאָס זכות־אבות האָט לאַנג נישט אויסגעהיט בערלען. ס'איז קוים דורך אַ יאָר ווי מ'האָט אים דערשנאַפּט ערגעץ. איבער דער צייט האָט זיך אים אָנגעקליבן אַ היפּש פּעקל נייע שוועדע זינד, דאָס איבעריקע האָט מען אים נישט געקאָרגט סתם צוצולייגן: ס'האָט געסטאַיעט אים צוצו־קלאַפּן אַ קיילעכדיקן צענדליקער, און פעלקע האָט לאַנגע יאָרן אים „גערעטעוועט" מיט „וואַלוועקעס", מיט „ווידזעניעס", איינגעלייגט וועלטן מ'זאָל אים נישט לאָזן אין תפיסה „אונטערגיין"...

— וואָס האָסטו דיך אַזוי פאַרקוקט אויף מיינע פיס?

ער האָט מיר איבערגעריסן די דערמאָנונגען, אָפּגעריסן פון פילם, וואָס האָט פאַרבייגעצויגן פאַר די אויגן אין די לאַנגע מינוטן שווייגן. כ'האָב אַליין נישט געוווּסט, אַז מיינע בליקן האָבן זיך אָפּגעקערט פון דער ווייט און איינגעגראָבן אין זיינע פיס.

— נישט פאַרקוקט זיך, נאָר פאַרטראַכט זיך...

— פאַרטראַכט זיך צי געטראַכט וועגן דעם אַלעמען, וועגן.... ?
און אַפּקלאַנג פון שווערע טריט האָט אים איבערגעריסן. מיר האָבן זיך ווידער אַרומגעקוקט. ניין, נישט אין אונדזער ריכטונג, דער אָפּקלאַנג האָט זיך צערונען אין דער לופט.

— איך, איך קאָן שוין נישט טראַכטן און נישט פאַרטראַכטן זיך וועגן... וועגן דעם אַלעמען. פריער האָבן די פיס אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן, איצט דער קאָפּ אויך. איך פאַרשטיי שוין גאָרנישט, קאָן דאָס נישט תופס זיין, דאָס ערגסטע — כ׳קאָן דאָס שוין מער נישט איבערטראָגן, כ׳פאַר־שטיי זייער גוט יענעם יידישן פּולקאָווניק — געלייגט זיך אין בעט און מער נישט אויפגעשטאַנען, פּטור אַן עסק: „זאָלן זיי זיך אָנפרעסן מיט מיין לעבן”. ווען נישט פעלקע...

— בערנאַרד, דו זאָלסט אַזוי! נישט גערירכט זיך פון דיר!
— פאַרוואָס נישט פון מיר ? ווייל כ׳האָב אַזוי פיל.... ?
כ׳בין אים פאַרלאָפן דעם וועג :
— ווייסט דאָך בעסער פון מיר וויפל אַ מענטש קאָן איבערטראָגן.
— ס׳איז נישט געווען דאָס זעלבע, הערסט ? נישט דאָס זעלבע.
ער האָט זיך פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט געזוכט עפּעס אַרויסצוציען פון זכרון :

— ווייסט דאָך, אַז כ׳בין געווען אין שפּאַניע, אויף די געפערלעכסטע פראָנטן. איינמאָל בעת אַן אויסשפּירונג, אַריינגעפאַלן צו די פראַנקיסטן, צוויי וואָכן געווען פאַרשפּאַרט אין אַ שטאַל, זעסט די אויבערשטע קינסט־לעכע ציין ? מיינע אייגענע האָבן זיי דאָרט אַרויסגעזעצט, דער־אַ צייכן אויפן פּנים אויך פון דאָרטן, צענדליקער מאָל געהאַט זיך אָפּגעזעגנט מיטן לעבן, אָבער אַ פּייג האָבן זיי פון מיר עפּעס אַרויסגעקריגן. מיינסט דאָס לעבן איז מיר נישט ליב געווען ? אַז כ׳האָב נישט מורא געהאַט פאַר, פאַרן... זיי האָבן געקאָנט טאָן זייער מלאכה נישט ערגער פון דער גע־שטאַפּאָ. נאָכן אַנטלויפן אָפּגעליגן אַ צעבלוטיקטער צוויי טעג און צוויי נעכט אין אַ ראָוו, כ׳וואָלט אומגעקומען פון הונגער, ווען אונדזערע וואָלטן נישט אָנגעקומען, געווען אויף אַלעמען גרייט און קיינמאָל נישט געווען געפאַלן ביי זיך, ווייסט פאַרוואָס ?
כ׳האָב מעכאַניש איבערגעפרעגט :
— פאַרוואָס ?
— ווייל ס׳איז געווען מיין שטענדיקער... דער שונא האָט דאָס געטאָן מיט מיר.

כ׳האָב ווידער מעכאַניש אויסגעברומט:

— נו, זעסטו.

נישט איך און נישט בערנאַרד האָבן זיך אַריינגעטראַכט אין מיינע צוויי ווערטער, בערנאַרד האָט צומאָל אויסגעזען, ווי ער וואָלט נישט געהערט און פאַרגעזעצט:

— אַז ס׳האָט מיר ביי בערלין אָפּגעריסן דעם פוס, האָב איך... פון אָנהייב געטראַכט, ניין נישט פון אָנהייב, עטלעכע טעג גאָרנישט געוווסט, דערנאָך זיך געזען אין בעט... פאַרשטאַנען — דער פוס אָפּגעריסן ביז דער פּאַכווע און געטראַכט זיך, אַז ס׳וואָלט בעסער געווען... נישט געווען צו באַגרייפן, אַז איך זאָל לעבן מיט איין פוס; שוין דעמאָלט אַלט געווען 40 יאָר, נאָר זיך אַלץ געפּילט ווי אַ פוטבאָליסט, אַ לויפער, דערנאָך זיך געזאָגט: „מ׳דאַרף זיך נעמען אין די הענט, אַ מענטש דאַרף קאָנען אַלץ איבערטראָגן, בפרט ס׳האָט זיך געלוינט אָפּצוגעבן אַ פוס". ווייסטו וואָס כ׳וועל דיר זאָגן? זייער גיך זיך צוגעוווינט, שלום געמאַכט — מ׳קאָן לעבן מיט איין פוס.

— נו, זעסטו, האָב איך איבערגעחזרט דאָס זעלבע, כדי עפּעס צו זאָגן.

— אָבער איצט קאָן איך נישט! פון אָנהייב געמיינט, אַז מ׳וועט זיך צו דעם אויך... ניין, צו דעם קאָן איך נישט, כ׳קאָן נישט עטעמען, ס׳שטיקט, זעסט, אָט־דאָ — האָט ער געוויזן מיט דער האַנט אויפן האַלדז — פעלקע זאָגט אַ משוגעת האָט זיי אַרומגעכאַפּט, ס׳וועט דורכגיין, איך ווייס נישט, נאָר סיווי וועל איך שוין נישט קאָנען עטעמען, נישט קוקן זיי אין די אויגן. ווייסט וואָס איינער אַן אַלטער פאַן־בראַט האָט געזאָגט אויף אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג? „זיי זענען שטענדיק געווען רעטעכלעך, אויסנווייניק רויט, אינעווייניק ווייס". פאַרשטייסט, איך אַ רעטעכל, אינעווייניק ווייס געווען דעמאָלט, ווען כ׳האָב... ניין ניין, אפילו ס׳וועט זיך ענדערן, כ׳וועל נישט קאָנען!

כ׳האָב זיך האַסטיק אויפגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט. מיינע בלאַנקנדיקע בליקן, מיין פּלוצלינגדיקע איילעניש האָבן אים דערמאָנט, אַז נישט דאָ איז דאָס אָרט דערויף. ער האָט זיך לאַנגזאַם און שווערלעך אונטערגעהויבן, אונטערגעשפּאַרט זיך מיטן שטעקן, אַ בויג זיך געגעבן, אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך אַליין:

— אַ צרה, איך ווער אַלע מאָל דיקער, דער איינער פוס קאָן דאָס

אָפּגעריסענע צווייגן

נישט טראָגן, און די פּראָטעזע אויך אַ קאַליקע, ביז איך האָב נישט קיין נייע קאָן איך זיך נישט רירן פון אָרט.

די טעג האָבן זיך געצויגן ווי אַן עקלהאַפטיק קלעפּעכץ, קראַנקע פיבערדיקע טעג און צעטומלטע, קאָשמאַרע נעכט. מענטשן האָבן זיך אָדער אויסגעמיטן איינע די אַנדערע, אָדער געטוליעט איינע צו די אַנ־דערע, פונקט ווי דער פון שנאה געשפּינטער, שוואַרצער שפּינוועבס וואָלט אי פאַנאַנדערגעטיילט, אי צוזאַמענגעהאַפטן. אַרום בערנאַרדן האָט זיך דאָס שוואַרצע שפּינוועבס געשפּינט שטאַרקער און שטאַרקער, געשטיקט, איינגעביסן זיך אין לייב; ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז נישט עפּעס אַנדערש ווי נאָר דאָס שנאה־געוועב האָט צעבונטעוועט זיינע פיס. זיי, ביידע פיס, אי דער אייגענער, אי דער פרעמדער, אַזוי נישט ענלעך צו זיך, האָבן געמאַכט יד־אחת און מער נישט געוואָלט טראָגן בערנאַרדס שווערן גוף. דער אייגענער פוס האָט זיך אין די הייסע זומער־טעג אָנגעבלאָזן און אָפּגעזאָגט אויסצופירן זיין נאַטירלעכע פונקציע, צומאָל אין קיין שיך נישט געוואָלט אַריינקריכן, יעדער שוך איז ענג געוואָרן. זיין פּאַרטנער, דער הילצערנער פוס האָט אים נאָכגעטאָן און דער אָנלענק האָט אויף זיין אייגענעם אופן געברענט, געשטאָכן דאָס צוזאַמענגעוואַקסענע לייב פון שטיקל פאַרבליבענעם פוס.

בערנאַרד איז אין איינעם אַזאַ טאָג געלעגן ביי זיך אויפן בעט אַן אָנגעטוענער, מיט איין האַלבער הויז אַ פולער, מיט דער צווייטער אַ ליידיקער און אַ צעפּלאָמטער געחשבונט די צייט. דאָ ביי אים אין שטוב האָט פּלוצלינג די צייט אָנגעהויבן לויפן, גאַלאָפּירן.

דאָ האָב איך אים יענע טעג באַגעגנט דאָס צווייטע מאָל.

מיר זענען געווען זאַלבע־פערט: בערנאַרד אויסגעצויגן אויפן בעט, איך מיט פעלקען אויף שטולן פאַר אים און מעדאַר איז געשטאַנען צו־פוסנס פון בעט מיט אַן אויסגעצויגענעם קאָפּ און מיט אומעטיקע, גע־טרייע אויגן געקוקט אויף זיין באַלעבאָס.

מעדאַר איז געווען אַ פריילעכער הונט און אַן אַלטער, גוטער פריינט בערנאַרדס; אַ סך יאָרן פאַריאָגט די איינזאַמקייט, ווען בערנאַרד איז געצוווּנגען געווען צו זיין אַ שטוב־זיצער, באַגלייט אים אויך אויף די שפּאַצירן אין גאָרטן, צומאָל צוגעפּאַסט זיינע טריט צום וואַקלענדיקן, שווערן גאַנג פון זיין באַלעבאָס. זינט דער „סעמאַטאָכע" גייט מעדאַר

אַרום ווי אַן אַ קאָפּ. ער קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען. ער לייגט זיך נישט ווי אַמאָל, נאָר שטייט פאַר זיין פריינט, ווי ער וואָלט אויף דער וואַך געשטאַנען, געהיט אים אין שטוב גופא.

מיר זאָלבע דריט האָבן נאָכאַמאָל און ווידער אַמאָל געחשבונט, פונקט ווי מיר וואָלטן געהאַפּט צוזאַמען צו קאָנען איינהאַלטן די צייט. דערווייל האָט פעלקע אויסגעפּלאַצט:

— כ'האָב זיך געבעטן ביי אים, געהאָט אַ פאַרגעפיל, אַז צו פרי, מ'גייט אויף אַ גליטשיקן וועג; געזונטע, שטאַרקע קאָנען זיך אויך אויס־גליטשן און ברעכן האַלדז און נאַקן, בפרט מיר, מ'האָט גאַרנישט צו־געגרייט, מ'האָט געדאַרפט פריער האָבן די פּראָטעזע.

בערנאַרד האָט איר דערמאָנט:

— דו האָסט דאָך פאַרן באַקומען אַ תשובה גאַרנישט געוואָלט רירן פון אָרט, פריער געיישובט זיך — נישט פאַר אונדזער עלטער, נישט פאַר אונדזערע כוחות; דערנאָך געשראָקן זיך, אַז מ'וועט אונדז נישט אַרויס־לאָזן, האָסט מורא געהאַט, אַז אַזאַ צאַצקע ווי איך וועלן זיי נישט אַרויסלאָזן. אפילו אין דיין ביאָגראַפיע האָבן זיי פאַרגעסן, אַבי, אַבי טראָגט אייך אָפּ!

— מ'האָט געדאַרפט כאָטש צוווארטן אויף דער פּראָטעזע, נישט איילן זיך.

— איך האָב זיך דען געאיילט? זיי האָבן זיך געאיילט. ביים באַ־לייגן די פּאַפּירן נאָכאַמאָל געגנוי זיך אינפאָרמירט וויפל צייט ס'וועט נעמען — „פון אַ חודש ביז 6 וואָכן" — האָט מען אונדז געענטפערט. אַנדערע האָבן געוואַרט אויף אַן ענטפער צוויי־דריי חדשים און מער. טאָ ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז זיי וועלן אונדז געבן דאָס רייזע־קוויטל נאָך 14 טעג? און בלויז דריי וואָכן אויף צוגרייטן זיך? מיר שטעלן זיך אַלץ נישט פאָר וואָס זיי קאָנען אָפּטאָן — ווילסט פאָרן, טאָ טראָג זיך אָפּ וואָס גיכער מיט דיין איינעם פוס, ראוס! שנעל! שנעל!

דער דיאַלאָג צווישן מאַן און ווייב האָט זיך איבערגעריסן. בער־נאַרד איז שטיל געבליבן, ווי ער וואָלט אין זיינע לעצטע ווערטער אויס־געגאָסן זיין גאַנצן צאָרן. פעלקע איז געזעסן ווי דאָס לשון וואָלט איר אָפּגענומען, איך האָב געזוכט עפּעס צו זאָגן און נישט געוווסט וואָס. מיר האָבן אַלע דריי געשוויגן, נאָר מעדאָר האָט נישט געשוויגן. ער

האָט משונהדיק נערוועז געדרייט מיטן ווידל. די לאַנגע אויערן האָבן געפּלאַטערט ווי בלעטער אויף אַ ווינט. אין זיינע פּייכטע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ גלאַנציק פייערל. כ׳האָב געקוקט אויפן הונט און מיט־אַמאָל באַמערקט ווי דורך דער געלער, גלאַטיקער פעל וויברירט דורך אַ ציטער.

— וואָס איז אים? — האָב איך געפרעגט בערנאַרדן, וואָס פאַר־שטייט הינטיש לשון און הינטיש טראַכטעניש.

— זעסט נישט? ער וויינט, איז אויפגעבראַכט, ער פּראָטעסטירט קעגן דער אוממענטשלעכקייט. אַזוי, אַזוי מעדאַר — האָט ער זיך גע־וואָנדן צום הונט — מיר מוזן זיך צעשיידן, מע יאָגט מיך אַרויס.

דער הונט האָט אַ האווקע געטאָן, אַרויפגעקראָכן אויפן בעט, נישט דרייסט זיך אויסגעצויגן און איינגענורעט דעם קאָפּ אין בערנאַרדס לייי־דיקן, האַלבן הויז.

— נישט דו, מעדאַר, דאַרפסט זיך שעמען, ס׳איז זייער חרפה, דאָס טרייבן, דאָס נישט לאָזן אפילו וואַרטן אויף דער פּראָטעזע.

כ׳האָב זיך אָנגעכאַפּט אין בערנאַרדס לעצטע ווערטער און אָנגע־הויבן געבן פעלקען עצות:

— גיי צו זיי מיטן רייזע־קוויטל און ווייז, אַז איר האָט אַ טערמין, איר טאָרט נישט בלייבן קיין טאָג לענגער, גיי נאָכאַמאָל צו די טשי־נאָוניקעס, זאָלן זיי פאַרלענגערן מער ווי אויף אַ וואָך, גיי זאָג זיי, אַז די פּראָטעזע...

בערנאַרד האָט ווידער פאַרלוירן זיין געדולד און מיר איבערגעריסן.

— גיי! גיי! גיי צו די, גיי צו יענע! איין שוואַרץ־יאָר, דער גאַנצער הייל־אַנשטאַלט געהערט צום זעלבן מיניסטעריום. מ׳האָט נעכטן געקלונגען אַ גאַנצן טאָג, אַלץ דערציילט; עס פעלט זיי עפּעס אויס, דער טייוול ווייסט זיי וואָס, ס׳קאָן זיין פאַרטיק אין אַ וואָך און ס׳קאָן זיין אין זעקס וואָכן. גיי איצט ווידער זיך אויסטענהן מיט יענע אין פּאַס־פּאַרטן־אַמט. וואָס בין איך איצט פאַר זיי? שוין אויס בירגער אויך, אויס פאַרדינסטפולער אינוואַליד. ווייסט, אַז איך האָב נישט דאָס רעכט צו באַקומען אַן אָרט אין שלאָף־וואָגן פאַר אַ נאָרמאַלן פּרייז? היינט אינדערפרי זיך אָנגעפרעגט, געוואָלט זיך באַצייטנס באַוואָרענען. „אַ סליפּינג קיין ווין? איר מוזט באַצאָלן דאָס זעלבע, ווי אַן אויסלענדי־

שער טוריסט, איר זענט אויס בירגער". פאַרשטייסט, קיין שום רעכט נישט, מיין פּוס, וואָס כ'האָב אָפּגעגעבן פאַרן לאַנד, רעכנט זיך אויך נישט.

פעלקע האָט איצט געוואָלט לינדערן זיין צאָרן:

— דאָס איז די קלענסטע זאָרג, אַ כפּרה דאָס געלט, סייווי ווייס איך נישט וואָס מ'וועט טאָן מיטן ביסל אָפּגעשפּאָרט מזומן; כ'האָב נישט קיין כּוח אַרומצולויפן איבער די מאַגאַזינען, מ'קריגט סייווי נישט קיין גרויסעס, מ'האָט מיר צוגעזאָגט צו קויפן אויפן שוואַרצן מאַרק דאָלאַרן, מ'וועט נעמען צוויי ערטער אין שלאָף-וואַגאָן ווי אויסלענדישע טוריסטן, זאָל נאָר די פּראָטעזע זיין צו דער צייט.

די צייט, וואָס האָט זיך פריער געשלעפּט, געצויגן ווי אַן עקלהאַפטע קלעפּעכץ, האָט איצט גיך גאַלאָפּירט. דער פיבער פון די צוגרייטע־נישן, אַרומלויפענישן האָט צעריסן, צעקלאַפּט די קראַנקע טעג. די שעהן שטיין אין אַ ריי, די לאַנגע, דערשעפּנדיקע טעג ביים רעווידירן דעם באַגאַזש, דאָס גיכע אַנטלויפן פון די עטלעכע וואָכן פאַרווישט צומאָל דעם באַגריף פון צייט. און דאָס אָרט פאַרלירט אויך דאָס אייגענע פּנים. דער גדאַנסקער וואָקזאַל, דער היימישער פעראָן האָבן פאַרלוירן זייער היימישקייט. עפּעס אַ דריקעניש האָט געפּלאָנטערט אין דער לופט.

דאָ האָב איך יענעם זומער אים באַגעגנט צום דריטן מאָל.

בערנאַרד האָט, וויגנדיק זיך, געשפּרייזט מוטיק מיטן שטעקן אין דער רעכטער האַנט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַריבערוואַרפן די וואָג פון זיין מאַסיוון קערפּער אויף אים, דעם שטעקן. דער אויפגעהויבענער וויי־סער קאָפּ האָט געבלאַנקט אין דער אָוונטדיקער פינצטערניש, ווי די ווייס־קייט פון די האָר וואָלט דער פינצטערניש געוואָרפן אַן אַרויסרוף.

אַ שטיקל ווייטער פון דעם רימל באַגלייטער איז פעלקע נאָכגע־גאַנגען נאָכן וועגעלע מיט וואַליזקעס, ווי נאָך אַן אָרעמער, איינזאַמער לוויה. כ'האָב זי אָנגעיאָגט און רעטאָריש געפרעגט:

— האָבן געמאַכט צו דער צייט די פּראָטעזע?

— ער האָט נישט געוואָלט בעטן, נישט דאָ, נישט דאָרט, ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיי אָפּגעגעבן דעם אייגענעם פּוס, גיט ער זיי צו דעם פרעמדן.

אַפּגעריסענע צווייגן

זי האָט מיר דערנאָך שטיל אויפֿן אויער פֿאַרטרויט:

— צום שווערסטן איז פֿאַר אים געווען די צעשיידונג מיט מעדאָרן. מעדאָר האָט זיך געריסן פֿון דער שכנטעס הענט, געוואָלט מיטגיין, בערנאַרד זאָגט, אַז ער האָט געוויינט. נאַר מיר דוכט זיך, אַז בערנאַרד האָט אויך שטילערהייט געוויינט.

פּאַריז, דעצעמבער 1968

דאָס בערשטל

דאָס בערשטל איז געלעגן אויפן טיש אַ צעטרענטס, אַ צעטריי־בערטס מיט אַרויסגעשטאַרצטע, קלעפּעדיקע געדערים. אַנטקעגן מיר, פון דער צווייטער זייט טיש זענען געזעסן די צוויי עקספּערטן — אַ מיטל־יעריקער, ברייטער, פּירקאַנטיקער נאַטשאַלניק און אַ יונגער, שלאַנקער „אינספּעקטאָר". דער ערשטער האָט זיך שוין אַ טאָג פריער געהאַט מיט מיר גוט אויסגעטענהט : גערעדט געדיכט, הויך, פאַרשאַטן מיך מיט פראַגן און דראָאונגען — פּעך און שוועבל האָט זיך געשאָטן פון זיין מויל. דער צווייטער — דער היפוך פון ערשטן : אַ געלאַסענער, אַ פּראַסטיק העפ־לעכער, נישט געבייזערט זיך, נישט געדראָט, נאָר רואיק, פאַכמענעריש געוואָלט דערגיין דעם גרויסן סוד פון פאַרברעכן. לעבן אים איז דער ברייטלייביקער נאַטשאַלניק אויך געלאַסענער געוואָרן, קענטיק געוועזן אַז ער גרייכט אים נישט צו די קנעכל אין פאַכמענערישקייט.

— דאָס איז דער הויפּט־אינספּעקטאָר פון דער קאָנטראָל־צענטראַלע, האָט ער מיר אָנגעזאָגט ביי מיין אַריינקומען.

וואָס פאַרא „הויפּט־אינספּעקטאָר" דאָס איז און פון וואָסער „צענ־טראַלע" האָב איך זיך אָנגעשטויסן. איך האָב זיך גערייכט צו באַגעגענען זיך מיט אַ זעלכן ערגעץ־ווו אַנדערש. די שלאָפלאָזע נאַכט איז אַדורך אויף אויסמאָלן זיך די באַגעגעניש און אויף צוגרייטן זיך צום פאַרהער. אָבער אויך דאָ אין נאַטשאַלניקס „היימישן" ביוראָ ביים באַזונדערן טיש, וואָס פאַר געסט, איז מיר די באַגעגעניש אויך נישט געווען גאָר אָנגעלייגט.

דער „אינספּעקטאָר" האָט איינגעגראָבן די אויגן אין בערשטל, פון מאָל צו מאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו מיר, דורכגעשטאָכן מיט שפּיזיקע בליקן, געלאָזט זיי בלאָנקען דאָ אויפן בערשטל, דאָ אויף מיר, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט היפּנאָטיזירן. זיין שווייגן האָט אַ פּשיטא אויפן צווייטן אויך אָנגעוואָרפן אַ שווייגעניש.

אַפּגעריסענע צווייגן

ס׳איז אַריינגעקומען אַ דריטער עקספּערט. דער נאַטשאַלניק האָט אים אָפּגעטראָטן דאָס אָרט און אַוועק צו זיין ביוראָ־טיש — צו זיינע באַשעפטיקונגען. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז מער איז ער זיי דאָ נישט נויטיק, ער האָט זיינס אָפּגעטאָן, דאָס איבעריקע געהער צו זיי.

דער נייער עקספּערט האָט אָנגעוויזן אויף די קלעפּעדיקע, צעריסענע געדערים און געפּסקנט: „אַלץ איז פריש געקלעפּט, אינעווייניק אויך, ס׳האָט נישט באַוויזן אויסצוטרוקענען״. נאָכן אַרויסטראָגן דעם פּסק־דין האָט ער געוואָנדן אַ פּאָר פאַרשעריישע, שאַרפע אויגן צו מיר און געוואָרט איך זאָל זיך מודה זיין אין פאַרברעכן. אויך ער האָט זיך אויפגעפירט דזשענטלמעניש, נישט צוגעשטאַנען מיט פראַגן, בלויז מיט אַן איראָניש שמייכעלע זיך געוואָנדן צום „הויפּט־אינספּעקטאָר״ און מעשה געניטער עקספּערט נאָכאַמאָל באַשטעטיקט: „אַלץ ניי געקלעפּט״.

דער „הויפּט־אינספּעקטאָר״ האָט זיך אויף ס׳ניי גענומען צום געפּאַלמעסטן בערשטל, אַ נעם געטאָן עס אין די הענט, צוגעטראָגן צו די אויגן, צוריק אַוועקגעלייגט אויפן טיש און אָנגעהויבן מאַניפּולירן מיט די פינגער, אויספּרווון די קלעפּעדיקייט, כדי אַ פּשיטא פעסטצושטעלן געוויי ווען דאָס שטיקל אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן.

די עקספּערטיזע איז איצט פאַרגעקומען אין מיין אָנוועזנהייט. מ׳האָט צוגעטראָגן אַ שטיקל קלעפּעדיקע מאַסע צו דער נאָז, אַרויפגענומען אַ טראָפּן אויפן שפּיץ מעסער און געפּרוווט עס מיט אַ שוועבעלע צי דאָס פייער וועט עס לייכט נעמען, און אַזוי ווי אין אויבערשטן טייל פון בערשטל איז שוין נישט פאַרבליבן קיין גאַנצער אבר, האָט מען זיך גענומען צום אונטערשטן טייל, צו די ווייסע נילאָן־האָר, וואָס זענען באַשטימט געווען צו בערשטלען מיינע אייגענע האָר. ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אָט־אָט ציען זיי אַרויס אַ מאַגיש אינסטרומענטל און וועלן אָנהייבן שפּאַלטן יעדן נילאָן־האָר, פּונקט ווי דער נאַטשאַלניק האָט נעכטן פּאָר מיינע אויגן מיט אַ קונציק מעסערל געשפּאָלטן אויף פיר טיילן די קליינע פּאָדים־קלעצלעך. דאָרט האָט ער גאָרנישט געפונען, ווער ווייסט אָבער וואָס עס קאָן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ נילאָן־האָר פון אַ מיסטעריעז בערשטל. אַ שווייגעדיקע, מיט פאַרשלאָפענע אויגן האָב איך זיך ווייטער צוגעקוקט צו דער עקספּערטיזע; אין מוח האָבן זיך געקנוילט אומהיימלעכע מחשבות, פראַגן: ווען און מיט וואָס וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן?

ס׳איז געווען דער צווייטער טאָג פון פאַרהער און דער פערטער טאָג פון דער קאָנטראָל אויפן צאָל־אַמט. כ׳בין געווען מיד, נישט אויסגעשלאָפן,

און למאַי זאָל איך לייקענען ? — געהאַט פאַרלוירן די האָפענונג צו קאָ־נען זיך אַרויסבאַקומען, כאָטש מ׳האָט מיך שוין מער נישט באַמבאַרדירט מיט פראַגן, שוין נישט מיך געפאַרשט, נאָר דאָס בערשטל.

אויפן בערשטל האָב איך שוין קיין רחמנות נישט געהאַט ווי דעם ערשטן טאָג, ווען מ׳האָט אָפּגעשונדן פון דעם די הויט, איך בין דער צאַצקע מיינער איצט געווען אַ דם־שונא. אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם פּיפּיקן אַמעריקאַנער בערשטל, ס׳האָט מיך אָנגערעגט צום פאַרברעכן פאַר וועלכן איך קאָן איצט טייער באַצאָלן, כאָטש פאַר „מיין מאַמעס בענטש־לייכטער" האָט מיר ווייטער געשניטן ביים האַרץ, כ׳וועל דאָס שוין מער קיינמאָל פאַר די אויגן נישט זען. „קאָנפיסקירט" ! — האָט מען מיר מודיע געווען באַלד פון אָנהייב. און מיר האָט זיך געדוכט, אַז מיין מאַמעס בענטש־לייכטער זענען צום צווייטן מאָל אומגעקומען.

אַי וואָס פאַרא שייכות, וועט איר פרעגן, האָבן מיין מאַמעס בענטש־לייכטער צו אַן אַמעריקאַנער בערשטל ?

טאָ הערט־זשע די מעשה פון אָנהייב.

אין אַ פרילינגנדיקן טאָג פון 1968 בין איך אין וואַרשע פאַרביי־געגאַנגען פאַר אַן אַנטיק־געשעפט. דאָס שוי־פענצטער האָט מיך צוגע־צויגן מיט דריי אויסגעשטעלטע, אַלטע יידישע בענטש־לייכטער. נישט דאָס ערשטע מאָל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ שוי־פענצטער פון אַנטיק־ אָדער יוועליר־געשעפט. יידישע אַלטע חפצים פון פאַרשידענע מינים האָבן נישט איין מאָל צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. פאַר מיין פאַרלאָזן פוילן האָב איך שיער נישט „אויסגעקויפט" צוויי אַלטע, מעשע־נע חנוכה־לעמפּלעך. כ׳האָב אָבער געוווּסט, אַז ס׳וועט נישט מעגלעך זיין זיי „דורכצושמוגלען", בפרט אַז צוויי חנוכה־לעמפּלעך פאַרמאָג איך אייגנס. ובכן, כ׳האָב זיך דאָס מאָל אָפּגעשטעלט פאַרן שוי־פענצטער, גע־קוקט אויף די יידישע לייכטער און אין מיין דמיון איז אויפגעשוווּמען מיין מאַמע עליה השלום, דערזען ווי זי האָט דאָס לעצטע מאָל, איידער זי איז מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק אומגעקומען, אַ פרייטיק פאַר־נאַכט געבענטשט ליכט; מיט די הענט פאַרלייגט איבער די אויגן, איז זי געשטאַנען איבער אַזעלכע־אַ בענטש־לייכטער.

פריילעך אויפן האַרץ איז אין יענע פרילינג־טעג נישט געווען. די יידישע לייכטער אין שוי־פענצטער, די וויזיע ווי מיין מאַמע בענטשט ליכט, האָבן זיך משונהדיק צונויפגעגאָסן מיט די פּלאַגעניש, וואָס האָבן דעמאָלט געפּלאָגט דאָס ביסל פוילישע יידן. איז וואָס טוט מען, ווען

ס׳וועט אַזוי שווער אויפן הארצן ? ווי איינער, פאַרשטייט זיך. פאַר מיר, אַ שטייגער, איז די בעסטע רפואה דעמאָלט צו שרייבן.

געקומען אַהיים האָב איך זיך אָוועקגעזעצט און אויף ״דער הייסער מינוט״ אָנגעשריבן עפּעס אַ מין רעמיניסצענץ, דערפון וואָלט אפשר דער־נאָך געוואָרן אַ נאָוועלע, איך געדענק שוין אַליין נישט וואָס דאָס האָט געזאָלט זיין, אָבער דער טיטל איז באַלד געווען אַ פאַרטיקער: „מיין מאַמעס בענטש־לייכטער״.

אין עטלעכע חדשים שפּעטער, ווען כ׳האָב פאַרן פאַרלאָזן פוילן אַליין גענומען זיך שטרענג צו קאָנטראָלירן מיין ביסל ליטעראַריש פאַרמעגן, וואָס מ׳קאָן יאָ איינשטעלן מיטצונעמען און וואָס נישט, האָב איך מיט די צוויי זייטלעך ״מיין מאַמעס בענטש־לייכטער״ זיך אָפּגעזעגנט.

ס׳איז שוין געווען פינף מינוט פאַר צוועלף, אַלץ האָט געהאַלטן ביים סוף, מיין באַגאַזש איז שוין טיילווייז געהאַט דורכגעגאַנגען די הייליקע שמירה, ווי אין אָוונט איז מיר אריינגעפאַלן אין אויג דאָס בערשטל, וואָס האָט געוואָרט כ׳זאָל עס מיטנעמען אין האַנט־באַגאַזש. אַ פאַרפירערישער געדאַנק האָט אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ: „ס׳וועט טויגן עפּעס צו ראַטעווען״!

אַ בערשטל איז דאָס געווען אַן אמתע צאַצקע, געשטאַמט אַזש פון ניו־יאָרק. בעת מיין נסיעה אין אַמעריקע איז אַ יידישן שרייבער איינגע־פאַלן מיר צו ברענגען פאַרן אָפּפאָרן אַ מתנה — אַן עכט ווייבערישע מתנה: פון איין זייט צו בערשטלען די האָר, פון דער צווייטער זייט אַ פיפּיק פאַרמאַכט שאַכטל מיט אַ גאַנצן קלאַפּער־געצייג צו נייען — מיט קלעצלעך פאָדים, נאָדלען, אַ שערעלע, אַ צענטימעטער, מיט הכל שבכל. און דאָס אַלץ אויף אַ רויטער דנאָ פון עפּעס אַ פּלאַסטישער מאַטעריע. באַטראַכט איך מיר אַזוי דאָס בערשטל, עפן און פאַרמאַך דעם מיסטעריעזן, מעכאַנישן רוקער און דער יצר־הרע גיט זיך אַ שטעל אַוועק און טענהט אריין אין מיר: „וואָס האָסטו לאַנג צו טראַכטן, די צאַצקע איז אָפּגע־מאָסטן דערצו, רייס אונטער דאָס דעקל, לייג אַרונטער דיין „מאַמעס בענטש־לייכטער״ און פייף זיי אָן״. און אַז דער בעל־דבר זעט, אַז גיסט זיך אונטער, פירט ער פון איין זינד צו דער צווייטער: ״לייג צו די עט־לעכע קליינטשיקע אויסשניטן פון גאַמולקאַס און ציראַנקעוויטשעס רע־דעס, טאַקע בלויז עטלעכע זאַצן, אָבער ס׳וועט זיי פלאַמען דאָס פּנים

פון בושה, אַז מ׳וועט זיי דאָס אַמאָל ווייזן״. הער איך ווידער די עצה פון בעל־דבר, לייג אַלץ אַרונטער, פאַרקלעפּ צוריק דאָס דעקל אַרום און אַרום. לייג צוריק אַריין דעם גאַנצן ווייבערישן קלאַפּער־געצייג, פאַרמאַך מיטן מעכאַנישן רוקער, און דאָס בערשטל ווי קיינמאָל גאַרנישט, נישט גע־ענדערט אויף קיין האָר, נישט אינעווייניק, נישט אויסנווייניק.

דער קאָנטראָלער פון באַגאַזש, זעט אויס, האָט קיינמאָל אין זיין לעבן אַזאַ בערשטל נישט געזען. ווער ווייסט צוואָס פאַר אַ צוועק די יידעלעך האָבן דאָ צוגעטראַכט אַזאַ אַנטיקל? איז ראשית כל האָט ער עס באַטאַפּט און באַשמעקט פון אַלע זייטן, אויפגעמאַכט דעם רוקער, מיט חידוש געקוקט אויף די ניי־מכשירים און לסוף נאָך אַ שטיקל יישוב־הדעת מיט אַ מעסערל אָנגעהויבן אָפּצוקלעפּן און אונטערהויבן דאָס דעקל. דאָס איבעריקע פאַרשפּאָר איך אייך צו דערציילן.

וואָס־וואָס, נאָר אַז אַלץ קלאַפּט דאָרט פּינקטלעך, ווי אַ גוט רעגוליר־טער זייגער, דאָס מוז מען זיי מודה זיין. ס׳האָט נישט גענומען קיין דריי שעה און מ׳האָט מיך געבראַכט צום נאַטשאַלניק. אַלץ איז געווען גרייט צו דער אויספאָרשונג, די איבערזעצונג פון „מיין מאַמעס בענטש־לייכ־טער״ אויך. מילא, דאָס פאַרברעכן פון דער קאָנטרעבאַנדע איז געווען קלאָר ווי דער טאָג. אָבער דאָס בערשטל דאָס שמד־שטיק? וויפל נאָך אַזעלכע באַהעלטענישן זיך איינגעשאַפּט? וואָס נאָך אויסבאַהאַלטן? ווי אַזוי? פון וואַנען שטאַמט דאָס שווינדלערישע בערשטל? ווער האָט עס געמאַכט? ווען? ווו?

גיי דערצייל, אַז איך גופא האָב עס מיט העכער אַ יאָר צוריק מיטגעבראַכט פון אַמעריקע, פונקט דעמאָלט, ווען דער געטרייער אַגענט פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם האָט געמאַכט די אַגרעסיע קעגן די אומ־שולדיקע, פּראָגרעסיווע אַראַבישע לענדער. ווער ווייסט מיט וואָסער ציל כ׳בין אַהין געפאָרן, און וואָס אַזוינס כ׳האָב געקאָנט אין אַזאַ בערשטל אויסבאַהאַלטן.

די פראַגן האָבן זיך געשאָטן פון זיין מויל, ווי שטיינער פון אַ לע־כערדיקן זאַק. און נישט נאָר אין שייכות מיטן בערשטל, מיין גאַנצע אויפ־פירונג געווען נישט קיין דערלאָזבאַרע, כ׳האָב זיך דערלויבט צו זאָגן אַזעל־כעס און אַזעלכעס.

ס׳האָט געדויערט לאַנג, ער האָט זיך נישט געאיילט, דער פירקאָנטי־קער נאַטשאַלניק מיט די ברייטע פּלייצעס. אַ גרויסער קנויל לייב איז געזעסן און גערעדט מיט אַ דונערנדיק קול; איך אַנטקעגן אים מיט מיינע 45 קילאָ

האָב מסתמא אויסגעזען... דערצו נאָך האָב איך געמוזט אָנקומען צו אַ ביסל וואַסער, כדי צו באַנעצן דעם טרוקענעם האַלדז. ער, דער פּול־לייביקער, איז פּונקט יענעם פרימאָרגן געקומען נאָך אַ חודש אורלויב, געווען אויסגערוט, אַז דאָס פּולע פּנים האָט געשפּראָצט מיט רציחהדיקער גבורה; איך בין געווען דערשעפּט, די הויט אויף די פּיס אָפּגעריבן פון אַרומלויפן גאַנצע טעג דערליידיקן די פאָרמאַליטעטן און ליקווידירן אין איילעניש די באַלעבאַטישקייט. ער אַן אויסגערוטער טרייבט אונטער, איך אַ פאַרמאַטערטע מוז זיך באַוועגן פאַרזיכטיק אויף אַ דראָט, מאַניפּולירן מיט די הענט און פיס, כדי איינצוהאַלטן דעם גלייכגעוויכט, איין פאַלשע באַוועגונג און פאַלסט אַראָפּ, ברעכסט האַלדז און נאַקן.

כ׳האָב אימפּראָוויזירט אַ ראָמאַן, דער קירצסטער ראָמאַן, וואָס איז ווען עס איז פון עמעצן פאַרטראַכט געוואָרן, און דער הויפּט־העלד איז ערגעץ־ווו אין דער ווייטער וועלט. ניין, דאָס בערשטל איז נישט פּראָדוצירט אין פּוילן, ס׳האָט עס עמעצער געבראַכט פון... און דער עמעצער האָט עס מיר געלאָזט אַ מתנה, שוין לאַנג, און שוין לאַנג האָט דער עמעצער פאַרלאָזט פּוילן.

מ׳האָט מיר אונטערגערוקט פּאַפּיר און אַ פעדער און איך האָב מיין ראָמאַן אויפגעשריבן אַזוי קורץ, ווי מען שרייבט, ווען מען שפּרייזט איבער אַ דראָט אין דער לופט. דער נאַטשאַלניק האָט איבערגעלייענט, איבערגעקוקט זיך מיט זיינע צוויי געהילפן, וואָס זענען געזעסן אין פאַטעלן ווייטלעך פון ביוראָ־טיש און געשטאָכן מיך מיט די אויגן, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו מיר און ווידער סאַרקאַסטיש געפרעגט:

און דאָס פרישע קלעפּעניש אינעווייניק ? פון אַזוי לאַנג האָט זיך דאָס אַלץ נאָך נישט אויסגעטרוקנט ?

דאָס איינציקע צו וואָס איך האָב נישט געהאַט קיין שום שייכות איז טאַקע געווען די אינעווייניקסטע קלעפּעדיקע מאַסע, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט נאַקעט פון בערשטל. איצט האָב איך דערזען, אַז דאָס צאַצקעוואַטע בערשטל איז אַן אמתע אַמעריקאַנער טאַנדעטנע אַרבעט, אינעווייניק עפּעס אַ קלעפּעדיקע פּסולת, אויסנווייניק שיין פאַרפּוצט, ווי אַ שיין רויט עפּעלע, וואָס איז אינעווייניק ווערעמדיק. נאָר גייט טענהט מיט אַ נאַטשאַלניק, ווען דאָס אינעווייניקסטע פּסולת זעט אים אויס צו זיין אַ מיסטעריעזע יידישע מאַכערייקע, וואָס ווערט דאָ ערגעץ הינטער זיין נאָז פּראָדוצירט.

דאָס בערשטל

ווען כ׳האָב אויף צו מאָרגנס גאַנץ פרי נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט געאיילט זיך, כדי צו דער באַשטימטער שעה זיך נאָכאַמאָל צושטעלן צום פאַרהער, האָב איך זיך גערוכט אויף אַלדאָס בייז — אַ גאַנצע נאַכט איינגעהזרט זיך די פריערדיקע פראַגן און ענטפערס, כדי זיך נישט צו פאַרפּלאָנטערן — אָבער געטרייסט זיך, אַז איך וועל שוין כאָטש נישט דאַרפן קוקן אויף די אַרויסגעטרעטענע בעבעכעס פונעם בערשטל. היינט שטעלט אייך פאָר ווי ס׳איז מיר געוואָרן אויפן האַרץ, ווען צום נייעם פאַרהער האָט מען ווידער אַרויסגעלייגט דאָס צעטרייבערטע בערשטל און אַ הויפּט־עקספּערט מיט אַ געהילף זענען אויף ס׳ניי צוגעטראָטן צו אַ נייער עקספּערטיזע. ס׳האָט זיך ווידער געצויגן לאַנג, לאַנג...

און דאָס אַלץ צוליב אַן אַמעריקאַניש טאַנדעטנע, פּאַרטאַטשנע בערשטל.

פּאַריז, דעצעמבער 1968.

אינהאַלט

	זייט
קאַלאַהאַראַס אייניקלעך	9
ווי פּנימער קאָנען אַפּנאַרן	35
אויף קבר־אבות	41
דאָס חנוכה־לעמפּל	49
גאָלדזוכער	65
אַ מעשה מיט צוויי פרויען און אַ הונט	73
אויף אַ שטילן דאָרף	81
צעשטערטער שלום־בית	91
אַ פּשוטע זאַך	111
זיין לעצטער פאַרלאַנג	121
ער זוכט קרובים	131
בלעמס אייזל	137
דער פאַרשפּעטיקטער ייד	141
די נאָז און דער קרייץ	149
דער טעות	161
גיט אָן עצה	169
דער בעל־חלומות	177
אַ דיאַלאָג צווישן אַן אָפּטימיסט און אַ פּעסימיסט	183
דאָס אינדזל פּאַלאַפּאַלופּולו	189
אָן אַ טיטל	197
פּאַפּירענע אוצרות	203
דריי באַגעגענישן און אַ הילצערנער פוס	211
דאָס בערשטל	223

פאַרענדיקט צו דרוקן
אין יוני טויזנט ניין הונדערט זיבעציק
אין דער דרוקעריי „אַבעקספּרעס", פּאַריז,
אונטער דער השגחה פון יוסף שעכטער.
געשטעלט און געדרוקט נפתלי מילנער.